# Digitales Brandenburg

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**


## Seyfer zikhroyneṡ

**Psantir, Iacob**
**בקעי ,רתנספ**

**Buḳareshṭ, 650 = 1889**

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

02
A
.018742

O.P.C.N.

# ספר זכרונות

## אדער ביאגראפישע בעשרייבונג

פין דיא אלטע לייט וואס זענין אויפגענעמען געווארען אין בוקארעסטער אזיל (בתי מחסה לזקנים) פאם יאהרע 1880 ביז ענדע דעס יאהרעס 1890.

אויך דיא גרינדונג אין דיא פערוואלטונג דעס אזילס מיט דייטליכע אונד גרינדליכע דאקו-מענטע אונד פראצעסע ווערבאלע. דא ווערט אויך פארגעשטעללט איין יעדער אלטער מאנן מיט זיין נעקראלאג אויף וואס פאר איין קרענק ער איז געשטארבען, וויא אויך ביאגראפישע ערצעהלונגען פין דיא זקנים אין זקנות וואס זייא לעבען יעצט אין אזיל, אין דא קימט אויך פאר וויכטיגע סטאריען פין שאלות ותשובות איבער מיתה אסכרה אין מיתה נשיקה פין גדולי הדור דר. ראבינאוויטש (פאריז), דר. קארפיל ליפפע (יאססי), הילל כהנת (באטאשאני), מתתיהו שמחה ראבענער (פאלטיטשעניא), רב שור (בוקארעשט), רב כתבן (רימניק סאראט), חיים ביזשאראנו (בוקארעשט) אונד מ. ברוינ-שטיין (יאססי)

מאת

## יעקב פסנתר

בעל המחבר דברי הימים וקורות היהודים לארצות רומעניע אין נאך אנדערע ספרים.
אויך איינער פין דיא ערסטען גרינדער פאם בוקארעסטער אזיל (בתי מחסה לזקנים) אין פין דעם היסטארישען פעראיין יוליוס בארש,

---

# DATE BIOGRAFICE

PRIVITOARE LA BĂTRÂNII PRIMIŢI IN ASILUL PENTRU BĂTRÂNI „ELISABETHEU" DE LA 1880 PÂNĂ AZI, CU O INTRODUCERE DE SCRISORI DESPRE BOALA ESKARA ŞI NIŞIKA

de

**IACOB PSANTIR**

*BUCUREŞTI 1889.*

שנת ת"ר"ן לפ"ק בוקארעשט.

דאס ספר ווערד רידיקירט לכבוד דעם היסטארישען פעראיין
„יוליאס באראש“ צו בוקארעשט.
שנת תר״ן.

2200

Universität Potsdam
Universitätsbibliothek
Inventarnr.
*15008178*

*Onorabilei*

# SOCIETĂȚI ISTORICE JULIU BARASCH

*fundată in București la 22 Iunie 1886*

care urmărește frumosul scop de a desgropa și reinvia trecutul Evreilor din România, scop pentru care mi-am jertfit o bună parte a vieței mele.

INCHIN RESPECTUOS ACEASTĂ LUCRARE

# פ א ר ר ע ד ע.

ויאמר שמואל אל כל ישראל הנה שמעתי בקולכם לכל אשר אמרתם לי ואמליך עליכם מלך: ועתה הנה המלך מתהלך לפניכם ואני זקנתי ושבתי ובני הנם אתכם ואני התהלכתי לפניכם מנערי עד היום הזה. הנני ענו בי נגד ד' ונגד משיחו את שור מי לקחתי וחמור מי לקחתי ואת מי עשקתי, את מי רצותי ומיד מי לקחתי כופר ואעלים עיני בו ואשיב לכם. ויאמרו לא עשקתנו ולא רצותנו ולא לקחת מיד איש מאומה. ויאמר אליהם עד ד' בכם ועד משיחו היום הזה כי לא מצאתם בידי מאומה ויאמר עד. (שמואל א' י"ב).

דא ליעגט איינע גרויסע פראגע אזוי וויא דער פסיק דערצעהלט אינז (שמואל א קאפיטעל ח') אז שמואל איז געקימען אין דער עלטיר אריין האט ער איבערגעגעבען דיא פרעזידענציע זיינע צווייא זיהן יואל אין אביה אין האט זייא באזעטצט אין באר שבע זאלין משפטין דאס פאלק, אין דער אלטיר שמואל האט זיך אוועק געצויגען אויף זיין מאשיע קיין רמתה אין האט זיך שוין אבגעלאזט פין דער פאליטישער וועלט. א דא איז דיא שאלה האט ער דאמאלס, געדארפט האלטען איין רעדע דעם פאלק אין זייא ערקלערען דאס גאנצע קאפיטעל י"ב אין זאלל זיך בארימען מי עשקתי, מי רצותי, אונד זא ווייטער. דא האט ער אבער דאס גאר ניט גע־דאכט ער האט זיך גאר ניט גערעכט אז מען זאלל אויף איהם אדער אויף זיינע קינדער זאגען דאס ווארט: ויקחו שוחד ויטו משפט אבער ווען יודען האבען דערזעהען דיא שארלאטאניע פין זיינע קינדער אז זייא געהען ניט אויף דעם וועג פין זייער פאטער האבען זייא זיך צוזאמען גענעמען איינע דעפאטאציאן אין זענען געקימען צי דעם אלטען שמואל קיין רמתה אין האבען איהם דערצעהלט אזא מעשה: „אתה זקנת ובניך לא הלכו בדרכיך, יטו אחרי הבצע ויקחו שוחד ויטו משפט." וויא דער אלטער מאנן שמואל האט דאס דערהערט איז איהם דאס זייער פריקרע פארגעקימען. האט ער זיך באלד באטראכט אין האט געדענקט אז עס קען זיין אז מארגען

קען מאן אויף איהם אויך דאס זאגען, עס איז יאה רעפובליק. דיא
פרעססע איז פרייא אין בייא אינז איז קיין חנופה ניט פארהאנדען, דא
זאגט מען אויס דעם אמת, דארום מיז איך שוין ענטדעקען מיין
דיענסט וויא ארענטליך איך האב דעם פאלק געדיענט אין האב
קיין לאהן דערפאר ניט גענעמען, אזוי האט שוין שמואל געזיכט
איינע געלעגענהייט. ער זאלל דאס דעם פאלק ערקלערען, עס איז
אוועק געגאנגען איין צייט לאנג ביז ער האט זייא געמאכט איין
מלך אין אין מיטען דער געשיכטע האט זיך געטראפען איינע
שווערע מלחמה מיט נחש העמוני אין זייא האבען געזיענט. נאך
דער קריעג האט זיך אנידער געשטעללט שמואל אין האט געזאגט
פאר כל ישראל מיט דיא ווארטען: איך האב אייך ציגעהערט אין
האב אייך געגעבען איין מלך אין מיינע קינדער זענין אויך צווישען
אייך, איך בין שוין אלט אין גרוי, פין מיין יוגענד אן האב איך
אייך געדיענט יעצט בין איך דא צייגט אן אקעגען מיר פאר גאטט
אין פאר זיין געזאלבטען. וועמיס אקסען האב איך גענעמען אין
וועמיס עזעל האב איך גענעמען וועמין האב איך געוואלט גער
טהאן, וועמין האב איך ציגעדריקט, אין פין וועלכער האנד האב
איך גענעמין געשענקע אין האב ציגעמאכט מיינע אויגען, אזוי וויל
איך דאס אייך צוריק געבען," אזוי האבען אללע יודען געזאגט:
„דיא האסט אינז קיין גענואלט געטהין אין אויך ניט אינז ציגע־
דריקט אין אויך פין קיין מענטש עטוואס גענעמען" אזוי האט
שמואל געזאגט צי כל ישראל „גאט אין מיין געזאלבטער זענין
מיינע עדות אז איהר האט אין מיינע היינד גאר ניט געפינען" אין
כל ישראל האבען אנגענעמען זיינע ווערטער אין האבען זייא באַ־
שטעטיגט. דיזעלבע פערטהיידיגונג האט פארביטערט דעם
שמואל הנביא זיין עלטער אז ער האט זיך געדארפט ריהמען אין
פובליקום אז ער האט געדיענט דעם פאלק אהנע שום אינטערעס
אין האט בייא קיין מענשען קיינע געשענקע וועדער לאהן גענע־
מען. אינזער עלטער פאטער יעקב האט אויך אזוי איין געגענ־
שטאנד געהאט מיט זיין שווער אין אזוי האט יעקב גע־
זאגט צי זיין שווער לבן: „איך האב דיר געדיענט 20 יאהר פיר
דיינע טעכטיר אין פיר דיינע שאף, דיינע שאפע האב איך ניט
פארדארבען, דיינע לעמער האב איך ניט געגעססען, בייא טאג

בין איך פארברענט געוועהין פין רער זאננע אין בייא נאכט פי רער, קעלט גאט האט ציגעזעהען מיין עלענרקייט אין מיין האר־ ראוואניע וואס איך האב פארדיענט מיט מיין יגיע כפי, ווענן ניט רער גאט פין מיין פאטער אברהם אין דיא פורכט פין יצחק ווער־ רען געוועזען בייא מיר געוויסס דיא העטטעסט מיך יעטצט לעהר אוועק געשיקט.“ וויא לבן האט געהערט דיא שעהנע רעד פין זיין איידעם יעקב איז ער בעגייסטערט געווארין אין האט איין געשרייא געטהאן „ועתה לכה נכרתה ברית אני ואתה והיה לעד ביני ובינך: (בראשית ל״א). מיין קינד דיא האסט רעכט, לאמיר כורת ברית זיין אויף אייביג. — אלזא מיינע ליעבע לעזער, אזעלכע צווייא מעננער וואס זייא האבען געשפיעלט אזוי איין גרויסע ראללע בא זייער לע־ בען אין אויך נאך זייער אבלעבען, אינזערע היילינע שריפטען זענין פאלל געשטאפט מיט זייערע מעשים טובים. אין צים סוף האבען זייא זיך געמיזט בעריהמען אין שרייען מיט איין הויכער שטימע אז זייא האבען גערינט אימזיסט אהנע לאהן. וויססען זיא וואר־ רום מיינע ליעבע לעזער, ווייל מען האט זייא דערצי געבראכט, שמואלן האבען זיינע קינדער געבראכט דערצי, אין יעקב׳ן האט לבן געבראכט דערצי.

## קורים יקרים.

מיינע ליעבע אונד טייערע לעזער, דיעזעלבע פראגע איז אויך אנבעלאנגט אין מיינע לעבענסגעשיכטע. מען האט מיך אויך גער־ צווינגען דערצי אז איך זאלל שרייבען איין ספר זכרונות דאמיט איך זאלל ענטדעקען מיין ארבייט אין מיין שווערע מיה וואס איך האב געלייסטעט פיר בתי מחסה לזקנים אזוי פיעלע יאהרע אין ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אין הר. בלומענפעלד זענין געוועהין בעצה אחת אז מען זאלל מיר מיין שעהנעם גלאנץ אין מיין טהייער מלביש אראבציהען אזוי וויא מיינע ליעבע לעזער וועלין לעזען ווייטער אין מיין ביאגראפיע איך האב אבער אויף זייא ניט געקיקט אין האב מיר מיין ארבייט פארווערטס געטריעבען איך האב בער־ האנרעלט דיא אלטע קראנקע לייטע אזוי וויא איין פאטער זיין אייגען קינד, דיא אללע טויטע וואס מיר רעכענען אויס אין אונ־ זער נעקראלאגיע זענען אויף מיינע הענד געשטארבען אין יעדער

מיט איין פערשיעדענעם טויט. איך האב זייא אויף מיינע הענד אויף דיא בעטטען געטראגען איך האב דיא ריינליכקייט זעהר שטארק אבגעהיט איינגע פין זייא האב איך אללע טאג פרישע וויסע וועש געגעבען דאמיט זייא זאללען קיין בנים ניט מאכען, איך האב געזעהען וויא אין דער געשווינד מעדיקאמענטע צי פארזארגען וויא אינזער דר. בלומענפעלד האט נאר פאר־שריעבען. עס לאזט זיך אזוי פיעל ניט שרייבען וויא פיעל מיה איך האב געהאט מיט איעדען באזינדער. בייא קיין מענש האב איך דערפאר קיינע בעצאהלונג גענעמען. דאנקען נאט מיר זענין נאך צווישען דיא לעבענדיגע, מען זאלל איינע פראגע שטעללען צווישען דיא פריינד פין דיא וואס זענין געשטארבען אין בתי מחסה לזקנים אין איינער צייט פין 9 יאהר. בייא וועמען האב איך אפילו עפים גענעמען, ווער האט מיר איין קליינעס געשענק געמאכט אדער געלד גטגעביען וועל איך איהם דאס צוריק געבען. דיא שווערסטע מיה וואס איך האב געהאט מיט דעם פאאר פאלק קיפערנויז אין מיט מענדעל לעבעל, ווער האט מיר פאר זייא גי צאהלט זאלל קימען אין מיר זאגען אין דיא אויגען וועל איך איהם דאס צוריקגעבען. שוין אין דער לעצטערער צייט ווען איין אנדערער איז געוועהין ציזעהער פאר דיא אלטע לייט, אין העניע דיא טשעקאויכע איז געוועהין אין איין געפעהרליכער קרענק ווער האט זייא מעהר ציגעזעהען וויא איך. פרייטאג 12 באנאכט האב איך פין איירעטוועגען פייער געמאכט וייל דיא דיענסט איז ניט געוועהען אין דער היים, איך האב איהר ווארים געמאכט אין שטיב, עס איז געוועהען איין גרויסער פראסט אין דרויסען, איך האב איהר געווארמט ציגעל אין געמאכט טשייא אין ביז אין טאג אריין האב איך זיא בייא איהר לעבען דערהאלטען ווער האט מיר געצאהלט דער פאר זאלל קימען מיר זאגען. 12 יאהר ארבייט איך בייא דעם פעראיין גלייך מיט דעם קאמיטעט אין איינעם איעדער מיט זיין ארבייט איך האב געטאהן וואס איך האב גע־קאנט, זייא האבען געטהאן וואס זייא האבען געקאנט, האט מען מיר דענן דערפאר געצאהלט, זאללען זייא קימען אין מיר זאגען, וועל איך זייא צוריסגעבען. מי עשקתי, מי רצותי ומיד מי לקחתי כופר ואעלים עיני בו ואשיב לכם.

דאס ספר זכרונות הייסט ביאגראפישע בעשרייבונג, דאס איז איינע אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון דיא אלטע לייט, מעננער אין פרויען וואס זייא זענען געשטערבען אין אינזער אזיל אין איין צייט פון 9 יאהר אין יעדען טויטען מיט זיין נעקראלאג אין מיט וואס פאר איין טויט ער איז געשטארבען אין אויך איינע ביאגראפיע פון דיא אלטע מעננער אין פרויען וואס זייא געפינען זיך היינט אין בתי מחסה לזקנים, איעדער מיט איין קורצער ביאגראפיע וויעפיעל איך האב געקאנט צוזאממען ברענגען. וויא אויך דיא גאנצע בעשרייבונג דעם אזילס פון דער גרינדונג דעם 5. יולי 1875 ביז אין היינטיגען טאג.

מיינע ליעבע לעזער, איך נעם מיר אינזער הייליגע תורה צים שפיעגעל אזוי וויא זיא שעהמט זיך נים אין זאגט אויף איעדען מענש זיינע מעשים הן צי גיטען הן צי שלעכטען. דיא תורה איז נישט צווייא פנים־דיק זיא שמייכעלט נים קיין מענטש אזוי וויא איעדער ווייסט. אויף דעמזעלבען וועג וועלין מיר אויך געהין, מיר וועלין ציטהיילען איעדען מענש זיין רעכט וואס ער האט פאר־דיענט אין זיין ארבייט וואס ער האט געלייסטעט פיר דעם פעריין בתי מחסה לזקנים. אויך וועלין מיר דערמאנען איעדען מענש זיין אונרעכט וואס ער איז בעגאנגען אקעגען דער וועלט אין אקעגען דיא אלטע מענשען וואס זענין געשטארבען אין אזיל אין אקעגען דיא וואס לעבען אין אזיל, אין דאס איז נים וועגען קאלאמניע זאנדערן נאר אויפמערקזאם צו מאכען אז מען זאלל פאר היטען עס זאלל מעהר נים פארגעהען אזעלכע מיזעראבלע בעהאנדלונג אקעגען איין אלטען מאנן וואס ער איז אויפגענעמען געווארין אין אזיל פאר מצוה, ווארין פון דער מצוה קימט ארויס דיא גרעסטע עבירה, איעדער פרייז האט זיך אויסגעאיבט זיין עגאיזמוס אין אקעגען וועמען, אקעגען איין אלטען קראנקען ארימען מאנן, אזוי וויא מען וועט זעהען ווייטער בא צייכענד. אין איעדעם ווארט זענין מיר אים שטאנדע מיט גערעכטע עדות איבער צי צייגען איך אלז איינער פון דיא ערסטען גרינדער דעם פעראיינס בתי מחסה לזקנים, אין איינער פון דיא ערסטען 3 אקטיווען מיטגליעדער וואס מיר האבען אנגעפאנגען צו בילדען דעם פעראיין פון דעם ערסטען טאג דער גרינדונג אין ביז אין היינטיגען טאג בין איך נים אב־

געשטאנען פֿין מיינער אקטיווער ארבייט. איך אלס ערסטער אזיל פאטער אין פארזארגער דער אלטען לייטע וואס איך קאן מיך באריהמען אז איין האלב אזיל האב איך געמאכט מיט מיינע אלטע ביינער אין צים סוף אז איך האב געזעהען אז מען פערד נקעלט מיינע גאנצע ארבייט אין מען פארווארפט אויך דיא גאנצע גרינ־דונג דעם פעראיינס אזוי האב איך באלד פראטעסטירט אין האב ענטדעקט דיא גאנצע געשיכטע דער גרינדונג דעם פעראיינס אין דער פאר האט מען מעך אנגעהויבען צי בעהאנדלען וויא איין הונד אויף דער גאס. עס איז דא קיין פלאץ אזוי פיעל צו בע־שרייבען דיא פערזעקאציאן אקעגען מיר.

מיינע ליעבע לעזער, איך האב ניט געגלעבט אז מיינע ברי־דער נאך ציוניסטען דערצי, זאללען מיך אזוי מיזעראבעל באַ־האנדלען אויף מיין עלטיר על לא חמס בכפי, 40 יאהר האב איך געלעבט צווישען פרעמדע פעלקער, איך האב גאר ניט גע־ווסט וואס צווישען יודען געהט פאר. איך האב געמיינט אז יודען זענין געטרייא איינער דעם אנדערן אזוי וויא אמתריקע ברידער. מאקע אזוי וויא אינזער היילינע תורה לערנט אונז. „ואהבת לרעך כמוך“ דיא זאללסט ליעבען דיין חבר אזוי וויא דיך אלליין. לייַ־דער איך בין גענארט געוועהען אין דער מיינונג. איין העליש פייער האט געברענט אין מיינעם הערצען נאך מיינעם יודענטהום. באַ־נאכט אז איך פלעג אהיים געהען פין מיין ארבייט אין אז איך האב באגעגענט 2 יודען געהען אין רעדען יודיש בין איך נאכ־געגאנגען אינטער זייא אין דערפין האב איך געהאט איין גרויס פארגניגען אז איך האב געהערט מיינע ברידער רעדען יודיש אין דארום האב איך טאג אין נאכט געבעטען גאט איך זאלל מיי. מלאכה אוועק לאזען אין זאלל לעבען צווישען יודען רחמנים בני רחמנים אין גאטט האט מיר אזוי איין וועג געוויזען דערצי. אים יאהרע 1876 איז געווארען צווייא פארטייען אין ציון פעראיין. אי׳ פארטייא האבען געבילדעט דיא צווייטע שולע לומינא. דאמאלס בין איך שוין געוועהן איין ציוניסט דענן איך בין אויפגענעמען געווארען אין ציון פעראין אים יאהרע 1874, דאמאלס האב איך געזעהען אז איך קים אין דער עלטער אריין אין איך האב שוין געוואלט מיין עלטער פארברענגען צווישען יודען האב איך ע־אנג

נעמען שמש צי זיין בייא דער שולע לומינא, איך האב דארט מיין שעהנעם לאהן מאנאטליך בעקימען, מען האט מיך רעספעקטירט אויף שענסטען גראד, איך האב גאר קיינע שונאים געהאט. אללע זענין געוועהן מיינע גיטע פריינד, דר. בלומענפעלד אין ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זענין שוין געוועהן אין אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים אין מיר האבען שוין אין איינעם שטארק געארבייט פיר דעם אזיל, ביז אים יאהרע 1881 (*) אז דיא ערשטע 9 שטיבער זענין שוין געוועהען געבויט אין אלטע מענשען זענין שוין געזעסען פין דער צייט אן האט זיך אנגעפאנגען דיא קנאה שנאה צווישען מיר אין דיא צווייא מעננער, דר. בלומענפעלד אין וואלף מיכא־לאוויטש, אין נאר דערפאר ווייל איך האב ענטדעקט דיא גרינ־דונג דעם פעראיינס אין האב פראטעסטירט דאריבער, דאס וועל איך דייטליך ערקלעהרען מיינע ליעבע לעזער אראב אין דער צווייטען אבטהיילונג.

## פשוט נבלתה בשוק ואל תצטרך לבריות.

אין מיין יוגענד האב איך געלערנט חכמות מוזיקע חאטשע מיינע אבות אבותי האבען פין דער חכמה גאר ניט אמאהל גע־ווסט נאר דאס עלענדקייט וואס איך בין געבליעבען פין מיין פא־טער אין דיא שלעכטע צייטען וואס דאמאלס איז געוועהען האט מיך דערצי געבראכט, אין מיט דער מלאכה האב איך מיר ער־האלטען מיין הויזגעזינד אויף דעם שענסטען גראד, איך האב צו קיין מענשען ניט בעדארפט. אים יאהרע 1871 אז איך האב גע־דריקט מיין ערשטע קראניקע „דברי הימים לארצות רומעניען״ האב איך דארט פובליצירט מיין מלאכה מיט וואס איך האב מיך געגעהרט מיט מיין הויזגעזינד כדי איך זאלל דעם עולם אויפ־מערקזאם מאכען אז איך בין ניט קיין דאקטאר דער מעדיצינע אין ניט דר. דער רעכטע אין ניט קיין שטודירטער ראבינער אדער דר. דער פילאזאפיע זאנדערן נאר איין פשיט׳ר צימבלער. דעם מוסטער האב איך גענעמען פין אברהמ׳ס קנעכט. וועגן אליעזר עבד אברהם

(*) דיא שולע לומינא האט פאנקציאנירט ביז אים יאהרע 1881 אין איז אויפגעהויבען גע־ווארען. איהרע מעמברעס זענען צוריק צי׳געטרעטען צי דער שולע פראטערניטאטע. אין דעם יאהרע 1889 איז ציון פארשמאלצין געווארען מיט בני ברית פין אמעריקא אין עס איז שוין אנדערע דינים אין אנדערע געזעצע.

איז געגאנגען קיין ארם נהרים (מעזאפאטאמיען) ער זאלל ברענגען איין כלה פאר זיין הערנ'ס זוהן יצחק, איז ער ניט געגאנגען מיט לעדיגע הענד, ער האט מיטגעפיהרט צעהן קאמעלע געלאדען מיט כל טוב אין שענסטע אבנים טובות מיט טייערן שמוק וואס דאמאלס האט עקסיסטירט אין יענע לענדער, אין ער האט געהאט מעהרערע דיענער וואס זייא האבען באדיענט זיינע קאמעלע אין ער איז געוועהען הערר איבער זייא, דאס האט געהייסען זיין סואיטע אין אז ער איז געקימען אין דער געגענד נאהנט פין דער שטאדט ארם נהרים אין האט געטראפען דאס שעהנע טייערע מעדעל אויף דעם פעלד בייא דעם ברונען פין וואסער אין נאך זיינע סימנים וואס ער האט זיך פארגעשטעללט, האט ער זיא דערקענט אז דאס איז טאקע דיא רעכטע כלה וואס ער זיכט זיא האט ער איהר שוין באלד געגעבען דיא כלה מתנות איין גאלדענער נאזרינג דיא וואג פין איין שקל, צווייא גאלדענע ברעצארין, אין דער וואג פין 10 שקלים אין אז איהר ברידער לבן איז איהם אקעגען געלויפען אין האט דערזעהען אזא רייכטהום, 10 געלאדענע קאמעלע אין דיא גאלדענע בראצארען אויף איהרע הענד אין האט געזעהען וויא אליעזר שאפט דא אויף דיא אללע דיענערשאפט פין דיא קאמעע־לען, האט ער געמיינט אז דאס איז טאקע דער פעטער אברהם אלליין, האט ער איהם שוין אהיים געפיהרט אין האט פיר דיא קאמעלע געגעבען הייא אין האבער אין באלד געשטעללט איין טיש פיר איהם אין פיר זיינע מענשען אין איהם באלד דערלאנגט וואסער אבציוואשען דיא פיס נאך דעא אזיאטישער זיטטע. וויא דער אליעזר האט געזעהען דיא גרויסע אויפנאהמע מיט דעם גרויי־סען כבוד וואס מען גיט איהם אב האט ער פארשטאנין אז מען האט זיך אויף איהם טועה געוועזען, זייא מיינען אז ער איז אברהם אלליין. אזוי האט אליעזר באלד געזאגט: איך וויל ניט עססען ביז איך וועל ניט פריהער רעדען מיינע רעד, האט לבן געענפערט דבר, רעד. זיינע ערשטע ווערטער זענען געוועהען; ויאמר, עבד אברהם אנכי, איהר מיינט אז איך בין אברהם אלליין, ניין, איך בין אברהם'ס איין קנעכט אין דערנאך האט ער זייא ערשט ער־קלעהרט דיא גאנצע געשיכטע, נאך וואס ער איז געקימען אזוי וויא אין פרשת חיי שרה שטעהט. וואס איז געוועהן דער מיין

פין אליעזר וואס ער האט געזאגט עבד אברהם אנכי? דער אליעזר האט זיך אזוי באטראכט אז איך וועל זאגען אז איך בין אברהם'ס איין שיתוף אדער איין משולח אין דערנאך וועט מען געוואר ווערין אז איך בין גאר זיינער איין משרת, וואס פאר איין פנים וועל איך האבען. אבער אז איך דערציעהל פריהער אז איך בין עבד אברהם אין שפעטער וועלין זייא הערין אז איך בין טאקע „זקן ביתו המושל בכל אשר לו,“ איך בין דער אליעזר פערוואלטער איבער זיין גאנץ פערמעגען דאמאלס ווירד מיין עהרע נאך מעהר געהויבען ווערין, אין קיין מענש וועט מיר שוין ניט קענין פאר־ווירפע מאכען

ריעזעלבע אידעע האב איך מיר אויך פארגעשטעללט אין האב געזאגט אז איך בין איין צימבלער אין ניט קיין דאקטאר, כדי מען זאלל מיר קיינע פארווירפע מאכען אין דארום האב איך מיין מלאכה פארגעשטעללט אין איין שיר געשריעבען נאך מיין פערשטאנד, אבוואהל ער איז ניט אזוי פאעטיש געשריעבען נאר אבער מיט איינ ריין אמתדיק הארץ איז ער רעדיזשירט געווארען נאך יענער צייט נאך אין דער שיר איז גערדיקט געווארען אין ערסטען טהייל פין מיין קראניקע „דברי הימים לארצות רומעניע“

אויך אים צווייטען טהייל פין מיינע קראניקעס ענדע דער פאררעדע דארט האב איך אויך ערקלעהרט מיינע ליעבע לעזער דאס איך האב געלעבט צווישען פרעמדע פעלקער, ניט פין מיינע ברידער ווייל איך בין געצווינגען געוועהין מיין מלכה מיט זייא צו פיהרען כדי איך זאלל מיינע נאהרונגסמיטטעל פערדיענען ביגיע כפי אין אזוי האב איך דארט געשריעבען: „אמנם כי בין הסוחרים לא נפל חלקי רק עם לבן גרתי ובין הכושים היה גורלי.“ אויך דערפאר מען זאלל וויסען דאס איך בין קיין שטודירטער דאקטאר געוועהן. אין דיעזעלבע אידעע לערינט מיך יעצט אויך אז איך זאלל ערקליעהרען מיינע טייערע לעזער מיט וואס איך ערנעהר מיך אויף מיין עלטער אהן דער מלכה אין דיא עטליכע יאהרען וואס איך האב פארבראכט אין בתי מחסה לזקנים האב איך מיינע כוחות גענצליך אהן געווארען איך האב דארט מיינע אויגען פאר־לוירען עס האט מיר ארייננעשפריצט קאלך אין אויג אריין איך בין געריהרט געווארען אויףביידע זייטען פין דעם הייבען דיא אלטע

קראנקע אין זייא געטראגען פין איין בעט אויף דעם אנדערן אז איך האב געזעהען אז איך קאן שוין קיין שום דיענסט ניט אהן נעמען בין איך געוועהן ציפריעדען שמש צי זיין אין שילכען ביי דיא אלטע לייט אין דער נאך אז דיא קינדער צענטלער האבען געבויעט דאס טעמפעלע בין איך דארט אויך געוועהן שמש אהנע לאהן מיינע נאהרונגסמיטטעל זענין נאר געוועהן פין דעם וואס איך האב אין שיעל פארדיענט מיט מיין יגיע כפי אין וואס מיין ווייב האט פארדיענט מיט אביסיל קרעמערייא אין דער גאס, דאס איז אינזער פרנסה געוועהן, אום פאן דעם אזיעל ניט צי עסין. אבער דער וואלף מיכאלאוויטש האט מיר דאס ארימע ברויט אויך ניט פארגינין, ער האט געזיכט מיטעל מיר דאס אויך צי צו נעמען. אז ער איז געקימען אויף דעם טויער פין דעם אזיל-הויף אין האט מיך געזעהן זיצען ביי דער שיהל וימלא חמה אין זיין פנים איז באדעקט געווארען מיט אללערלייא פארבען אין זיין צארן האט אין איהם געברענט אזוי וויא אין המנין אויף מרדכין ער האט טאג אין נאכט געזיכט איין דארנבוים ער זאלל מיך אויף איהם אויפ־הענגען. מען מעג דיא געשיכטע פארגלייכען צי מגילת אסתר. אזוי וויא דארט שפיעלט דיא ראללע אחשורוש המן מרדכי דיא זעלבע געשיכטע איז דא אויך פארגעקימען, דער מלך אחשורוש אין זיין מיניסטער המן דיא האבען ניט גערוהט ביז זייא האבען ניט פארטריבען דעם מרדכי וואס ער פלעג תמיד זיצען ביי דעם טויער פין דער שיהל. בשנת שתים עשרה למלך אחשורוש הפיל פור הוא הגורל לפני המן מיום ליום ומחודש לחורש ונפל הגרל על סוף סעפטעמבער 1888 אז דאמאלס זאלל מען מיך פין דער שיהל ארויסווארפען אז איך זאלל דיא ארימע פאאר גרייצער אויך ניט מעהר קענין פארדיענען (*)

ביי דעם היסטארישען פעראיין יוליוס באראש בין איך איי־איינער פין דיא פונדאטארען אין אויך איין אקטיוועס מיטגליעד אין צאהל איין גלייך מיט אללע מיטגליעדער אין מיר האלטען קיין שמש ניט, איך מיט דעם פרים־סעקרעטער משה שווארצפעלד

(*) סוף יענער 1876 איז ער געקימען אויף דעם בענקיל, אין סוף סעפטעמבער 1888 איז ארויס דער גורל (פ"ה שתים עשרה למליכה) אז מרדכי זאלל זיך אהן טאהן אזאק מיט אש אין זאלל פאסטען אויף הפסקה.

בארײנגען דיא פעראײנס־אינטערעסען מיר נעמען קײן געצאהלט דערפאר. אויף דער זעלבער ארט האב איך געמאכט בײא דעם פעראײן בתי מחסה לזקנים. אויך איך האב קײן שום חכמת באַניצט דערצי איך האב געדיענט דעם פעראײן געטרײא אהנע שום אינטערעסע.

נקטה נפשי בחיי אעזבה עלי שיחי אדברה במר נפשי.

עס עקעלט מיך פאר מײן לעבען<br>דארום וויל איך פרייען לויף געבען<br>מײנער קלאגע. איך וויללל רעדען<br>אום מײנער זעלע ביטטערע לײדען

## קורא יקר!

האזינה אמרתי ואדברה ;נטה אזניך לאמ־י פי

אין יאהר 1884 איז נאך צ׳געקוממען גדליה ברײער, האט ער זיך אויך אלירט מיט דיא צווײא רשעים וואלף מיכאלאוויטש און דר. בלומענפעלד און אברהם משה האט צ׳געבריכט אין דיא 4 עהרליכע מענשין; האבען געבויעט אקעגין מיר גרויסע פעסטונגען מיך צו באמבארדירען אונד דער דינאמיט פון זײערע פאבריקען טרעפט מיך טאג טעגליך נאך ביז אין היינטיגען טאג. אזוי ווי מײנע ליעבע לעזער וועלין לעזען אין מײנער ביאגראפיע. מען קאן מיר זיכער גלויבען אז דורך זאלכע פײנע מענשען קימט ארויס אײן דרימונט (א ין אנטיסעמיט), נא־ מיט גאטט זײנער הילפע דער אלטער פסנתר ווירד זײן רעכטען וועג נית פערלאזען, ווײל איך גלויב אז עס איז דא אײן בעשעפער. איך גלויב אין זײן תורה אונד אין זײנע געזעטצע, אין מיר גלויבען אין השארת הנפש מײן קערפער מיט דער נשמה בײזאמען זענין מיר בײא אײן עצה אז מיר וועלען זײער זינד נימ פערגעבען ביז אין צעהנטען דור. דיא הײליגע נשמה וואס איז אײן חלק אלה, זיא בעקלײדעט מײן גוף שוין באלד 70 יאהר, זיא וועט געוויס נימ שווײגען און וועט איהר משפט פארברענגין פאר דעם פרימע־פראקוראר פון דער גרויסער קורטע דע קאסאציע און דארטען איז בוודאי הין צדק משפט צדק דיא עדות וועלין זײן דיא שטײנער מיט דיא ציגעל פון דעם בויא אינ מײן בײמעלע וואס איך האב געפלאנצט בײא דיא פענסטער

פין דער שטיב דארט אין אזיל אין 1888 האב איך איין שהחיינו געמאכט איבער זיינע ערשטע פירות וואס ער האט געבראכט אויף דער וועלט. כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה: דענן דער שטיין פין דער וואנד וועט שרייען אין דאס פייגעלע פין מיין ביימעלע וועט ענפערן. אינ ציא דיא ערסטע עדות וועלין נאך ציקימען מיינע אלטע ביינער אינ וועלין צייגען דיא צייכען וואס זייער דינאמיט האט זייא געטראפען אויף דער עלטער. דיא ביי-נער וועלין בעקערפערט ווערין אינ פארשטעללען איין מענשענ-פיגור מיט דער נשמה בייזאמען"אינ דיא נשמה וועט איינרייכען איינע קלאגע דעם פרימע-פראקוראר אינ וועט אזוי איינע פראגע פארשטעללען: „רבונו של עולם, דיא האסט מיך אריינגעשיקט אין לייבירנים גולם אינ איך האב איהם ארימגעפיהרט אויף אימ-בעקאנטע וועגען איבער פעלדער אין וועלדער, איבער שטעדט אין דערפער. אויף דיא פעלדער האט ער גירעד מיט אזאלכע מתים וואס זייא זענין געוועהן אבגעשייד פין דיא לעבענדיגע הינדערטיר יאהרען. אין דיא שטעדט אין דערפער האט ער נאכגעפארשט צווישען לעבענדיגע מענשען וואס זייא זענין געוועהן אין דער על-טער פין איבער הינדערט יאהר אום ער זאל קעננען איבערצייגען אז דיא יודען זענין אלטגעזעססענע אין דיא לענדער רומעניען אין עס זאלל אבגעווישט ווערין דער מיאוסער פלעק וואס דיא אומות העולם האבען ארויפגעלעגט אויף דיינע פערטריעבענע יודליך אין נאך איין פלאגע פין 15 יאהר וואס איך האב דעם גולם געפלאגט אויף דעם גיטען וועג, האב איך איהם נאך אינטערגעהעצט ער זאלל טהיילנעהמען וועגין צי בויען איין אינסטיטוט פיר אלטע לייט צי פערזארגען. דער גולם האט דערבייא אויך געהארוועט 12 יאהר אין דערפאר וואס ער האט ענטדעקט דיא גרינדונג דעם פער-איינס בתי מחסה לזקנים איז ער פערזעקוטירט געווארין ביז אין לעטצטען טאג פין זיין לעבען. איך האב איהם געמיזט אונטער-שטיטצען מיט מיין היילינען גייסט ער זאלל קענין אויף זיינע פיס ארימגעהן, פרעג איך דיך דיא פרימ-פראקוראר, דיא משפט'סט דיא גאנצע וועלט: זו תורה וזו שכרה?

* אני הנשמה של ההומר יעקב ב"ר אשר זעליג פסנתר

אום מיינע ברידער זאללען פין דעם ניט לאבען וועל איך

פארשטעללען איינע לעגענדע וואס געפינט זיך ביי אונז יודען אונטער די געבעטע פין ימים נוראים.

דער פיוט שטעללט זיך אנידער און זאגט: גוף ונשמה אם תריבם דוחו לא יכלו קום איך יוכל אדם לזכות בדין. די נשמה מיט דעם גוף קאנין זיך ניט גירעכט שטעללען פאר דעם גרויסען בית המשפט. אז מען פריינט די נשמה פאר וואס האסטי ציגעלאזט דעם קערפער אזוי פיעל עבירות צי טהין, זאגט די נשמה: איך האב קיינע שולד אין די עבירות וואס דער קערפער האט געטהאן. איך האב איהם געוויזען דעם גיטען וועג, האב איהם געווארינט און איהם געזאגט אז פאר עבירות בין איך נישט פעראנטווארטליך נאר אבער אז די וועסט גיטס טהין און נאכגעהען נאך מעשים טובים און מצות אזוי בין איך גוטשטייער און פערזיכער דיר אז די וועסט באצאהלט ווערין כפל כפלים און ווער עס וועט וועלין דיר שלעכטס טהין, וועל איך זיין דיין אדוואקאט און וויל מיך פאר דיר פארשטעללען און פערלאנגיין סאטיספאקציאן פין די רשעים וואס וועלין דיך בעטריגען. אבער די האסט מיך ניט געוואללט פאלגען, ביזט נאכגעגאנגען נאך תאות עולם הזה בין איך ניט שילדיג". דאמאלס הייסט מען דער נשמה אויף א זייט שטעהן און מען שאפט אז מען זאלל ברענגין דעם קערפער צים משפט די שמשים לויפען געשווינד צים קבר און וויא זייא קימען אהין זעהען זייא וויא דער קערפער איז פארפוילט און עס שיבלען און גריבלען ווערים, שלענג, יאשצירקים און אנדערע טויטענפרעססער ארים דעם פערשטינקענעם חומר און דאס גערשטאנק געהט ארוים עד לב השמים וויא זייא דערזעהן די חתונה מיט דעם באנקעט לויפען זייא צוריק צום בית דין של מעלה און זאגען עס איז אונמעגליך דעם קערפער צי ברינגען, ער וועט פערשטינקען דעם גאנצען סאלאן, ער האט זעהר א שלעכטען גערוך. אזוי שיקט מען צוויי מעכאניקער פין דער גרויסער אקאדעמיע און מען בעפעהלט זייא צי ברענגען דעם ריינעם סקעלעט אויסגעטהאן פין דעם קערפער. די בעלי מלאכות זאמען ניט קיין סך און ארבייטען מיט זייערע כעמישע קינצען אדער מיט זייער כשוף, וויא די לעבענדיגע וועלט רעד זיך איין אינ מען ברענגט איין ריינעם סקעלעט, ער ווערט אינטראפירט

אין דער פיגור פין א בן אדם אינ ווערט באלזאמירט מיט אללער־לייא שמעקענדיגע געווירצע, ער זאלל ניט פערשטינקען. דיא אל־כימיסטען וואס זענין דארט דא אין דער אקאדעמיע מאכען מיט זייער קינץ אז דער סקעלעט ענפירט אויף אללע פראגען וואס דיא דיינים פרעגין איהם [1]). אין ערשטען ברענגט מען דאס ספר הזכרונות אין מען ווייזט איהם וויא ער אלליין האט אנגעשריעבען אינ מען לעזט איהם פאר: דעם אין דעם האסטי מבייש געוועהן בפני קהל ועדה, פלוני בן פלוני האסטי פארטריבען פין זיין פרנסה, דעם אינ דעם האסטי זיין געלד איפגעגעססען, דעם אינ דעם האסטי זיין ברויט פין דעם מויל אויסגעריססען, דעם אינ דעם אלטען מאנן האסטי פערטריעבען פין זיין נעסט ביז ער האט פערלארען זיין לעבען אויף דיא גאססען, דיא אינ דיא אלטע לייט האסטי געשייד אהנע גט פטירין כדת משה וישראל. אקעגען ארמע אלטע מענשען ביסטי געוועהן איין עזות פנים אין האסט אויסגעאיבט דיין בארבארישען כאראקטער, איינע פאללע שטונדע ווערד פארגעלעזען דיא עבירות וואס ער האט בעגאנגען בין אדם לאדם אין בין אדם למקום.

וויא מען האט גענדיגט דאס פארלעזען ענפירט דער סקעלעט: „ניין רבונו של עולם, ניט איך בין שילדיג אין דיא אללע עבירות. דיא נשמה האט מיך דערצי געבראכט. ווארין והראיה, אז דיא נשמה געהט פין מיר אוועק אזוי בלייב איך ליגען וויא איין גולם געמאכט פין ליים". אזוי געפינט מען שוין פיר גערעכט דעם גוף אין מען זאגט צי דער נשמה: דיא ביסט טאקע אין גאנצען שילדיג, ווארין אז דיא האסט געזעהן אז דער גוף טהיט אזעלכע שטארקע עבירות האסטי איהם געקענט פערלאזען אין זאללסט דיר געהן אין דיין ריה אריין, דענן דיא ביסט פאר דעם קערפער ערוב [2]). אזוי שרייט דיא נשמה: יאה, איך האב דאס טאקע געוואללט טהין, האב שוין אפילו דעם קערפער ציליינגט אויף דעם בעט אין איהם געשוואכט אללע זיינע כוחות, אזוי קימען דיינע שמשים אין זאגען מיר געה ניט אוועק פין דעם רשע'ס

---

[1]) דיא ציימונגען ערצעהלען אונז אז איינער עדינזאהן האט געמאכט פופען וואס רעדען וויא לעבענדיגע מענשען, אז מען קען דא אזא קינץ, קעננען דיא אלכימיסטען פין דער גרויסער אקא־דעמיע אויך דיא קינץ.

[2]) דיא הייליגע משנה זאגט: הכל נתן בערבון, זאגט דער מפורש: היא נשמתו שערב בעדו.

קערפער, כי לא אחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה מיז איך דעם בעפעהל האלטען אין בעל כרחי בלייב איך צוריק אין דעם חומר". אויף זא איין ארט געהט דער קריעג צווישען דער נשמה מיט דעם גוף. דאס זאגט דער פיוט: גוף ונשמה אם תריבם דוחו ולא יוכלו סום, היוכל אדם לזכות במשפט? (סליחות לער"ה אין דעם קאפיטעל ארון בפקדך אנוש לבקרים). דער ווערדיקט אדער דיא סענטענצע בלייבט אז דיא נשמות מיזען נאך איין מאהל מגולגל ווערין אין דיא קערפער פין מענשען און עס מיז אללעס בעצאהלט ווערין: ברויט פאר ברויט, שטיינער פאר שטיינער, ביז אין צעהנטען דור.

# שמות הפרענומעראנטין על מחברתי ספר זכרונות

## די פונדאטארען פאם בוקארעשטער אזיל בתי מחסה לזקנים *)

I

| | עקסעמפ. |
|---|---|
| ר' אנטשיל ריינשטיין | 1 |
| ליב יאנאוויטש | 1 |
| יצחק מאירזאהן | 1 |
| מרדכי ליפע לאנדא | 1 |
| ישראל ראזענבערג | 1 |
| מענדעל שטיינפעלד | 1 |
| שבתי מאיער | 1 |

II

| | |
|---|---|
| דאקטאר אדאלף שטערן | 5 |
| " טויביש | 5 |
| " לאזער שייניאנו | 5 |
| " עליאס שווארצפעלד | 5 |
| " משה גאסטער | 6 |
| " ערדרייך | 2 |
| עמאנועל ראזענטהאל | 6 |
| משה שווארצפעלד | 2 |
| ווילהעלם שווארצפעלד | 2 |
| אליעזר כתבן | 2 |
| מאריטץ שטיינבערג | 2 |
| סאל אמאן טויביש | 3 |

*) צי די פונדאטארען געהערען נאך: יעקב פסנתר בעל המחבר, הר' אברהם משה איזראעלאוויטש (ניכט פרענומערירט), אין הר' משה קופפערמאנן (געשטארבען).

| | עקסעמפ |
|---|---|
| יוליוס פאפפ | 2 |
| מ. ברוינשטיין (יאססי) | 2 |
| דוד פאוויס | 1 |
| וו. שטארדעקער | 2 |
| ס. פריידמאנן | 2 |
| א. לינדענבערג | 1 |
| פ. י. בראנדעס | 2 |
| זיגמונד שווארץ | 2 |
| מאדאם עליזע שווארץ | 2 |
| יאזעף ד. עליאס | 2 |
| מאדאם פאלאמבא עליאס | 2 |
| א איינהארן | 2 |
| משה הארטענשטיין | 2 |
| יוחנן ראזענבערג | 2 |
| מאריטץ וועקסלער | 2 |
| איזידאר קאהן | 1 |
| אברהם מארקוס | 1 |
| משה צבי בן מנחם יעקב מעיר האלשיץ | 1 |
| חענצי בת יהושע | 1 |
| א ריינער | 1 |
| אדאלף נעצלער, פיטעשט | 1 |
| לואיס בארער | 1 |
| יאזעף פריידמאנן | 1 |
| דוד גאבריעל | 2 |
| אזיאס שרייבער | 1 |
| בעריל מארקוס | 1 |
| ה. שיינפעלד | 1 |
| אפענבערג | 1 |
| עליאס מארקוס | 1 |
| וויסבערג, דאקטאראנד | 1 |
| אברהם חיים אבוהב | 2 |

אין יאהר 1870 בין איך געוועהן אין יאססי, פלייג איך קימען צו הרב המרומם ר׳ פייביל טוביס אין זיין ביבליאטהעק האב איך מיר צוזאממען געזיכט דיא שאלות תשובות, וואס איך האב זייא פובליצירט אין מיין קראניקע "דברי הימים" אין דעמילס האב איך געזעהן אין א גמרא דאס דיא תלמודיסטען האבען געזאגט: תשע מאות וג׳ מיני מיתה נבראו בעולם, דעמילס איז מיר דיא גמרא אריין אין דיא אויערן, נאר איך האב זיא נים גערארפט, ווייל דער־מאלס איז ניט געוועהן דיא פערהאנדלונג פין טויטע. אבער היינט אז איך האב מיר פארגינעמין צו שרייבען איין „ספר נער־קראלאזשיע" וואס דא האנדעלט זיך נאר פין טויטע, האב איך שוין גידארפט דיא גמרא, כדי אויף איהר צו באזירען מיין ספר נער־קראלאזשיע. איך האב אבער ניט גערענקט אין וועלכער גמרא איך האב דאס געזעהן, האב איך גיפרעגט ר׳ שלמה ליב שו״ב אויב ער גידענקט ניט אין וועלכער גמרא עס געפינט זיך, איז ער מיט מיר אריין גיגאנגען אין בית המדרש אין האט מיר געוויזען דיא גמרא ברכות אין איך האב זיא באלד אבגעשריעבען, אין אזוי זאגט דיא גמרא:

תניא נמי הכי תשע מאות וג׳ מיני מיתה נבראו בעולם שנאמר למות תוצאות: תוצאות בגמטריא הכי הוי קשה שבכולן אסכרה ניחא שבכולן נשוקה (מסכת ברכות דף ח׳ עמוד א׳). אין דער מדר״ש זאגט רבי ישמעאל אמר תשעה מאות ושלושה מיני מיתה נבראו בעולם קשה שבכולן אסכרה וטובה שבכולן נשוקה (תנחומא פ׳ מקץ) תלמוד האב איך ניט געלערנט איך זאלל וויסען וויאפיעל מיני מיתה עס איז בעשאפען געווארין אויף דער וועלט אין דארום האב איך ניט פארשטאנען דאסווארט אסכרה אין וואס פאר א שווערע מיתה דאס זאל זיין, דעמילס האב איך גיפרעגט ר׳ שלומה ליב שו״ב וואס פאר א מין קרענק זאלל דאס זיין. האט ער מיר געזאגט אז דאס איז א מין חולה נופל. איך האב מיך אבער אויף איהם ניט געוואללט פערלאזען אין באלד געשריעבען צו מיין גיטען פריינד ברוינשטיין קיין יאססי אז ער זאלל פין מיינטוועגין רעדין מיט דר. קארפעל ליפפע אז ער זאלל מיר ערקלערין אין

מעדיקאלישען סטודיום דיא בעדייטונג פיןדיא צווייא ווערטער אסכרה אין נשוקה אין דעם צווייטען בריעף האב איך באלד אוועקגישריעבען צום ה׳ דר, ר׳ ישראל מיכל ראבינאוויטש נאך פאריז אין אויך דאסיעלבע פערלאנגט. דען ערשטען בריעף האב איך ערהאלטען פין העררן מ. ברוינשטיין מיט דיא ווערטער: אסכרה הייסט ניט חולה נופל זאנדערן איינע קראנקהייט אים האלזע. רש״י ערקלערט עס דארט מיט איינעם פראנצעזישען ווארטע עטראנגלמאן. דאס בעדייטעט ערשטיקונג. פערענגונג דער אטמונגסארגאנע. אויף העברעאיש ווירדע דאס לויטיין: דוחק הנשימה חניכה בגרון. דער ערוך ערקלערט אסכרה מיט דען ווארטען: מין חולי הגרון המחנק עפוש נולד בפה ובושט.

דער צווייטע בריעף פין פאריז איז מיר אויך באלד אנגעקומען אין אזוי שרייבט דר. ראבינאוויטש:

פאריז 1 יולי 1888

אדון נכבד

קבלתי מכתבו היקר בלשון יהודיש ואשיבהו בזה הלשון גם קבלתי המחברת היקרה מזכרת ציון בלשון אשכנז ושמחתי עליה מאוד אבל חפצתי להשיג בלשון יהודית כאשר נרפסה מקודם.

נשוקה איז גלויבע איך המיתה פתאומית אין פאלגע פאן איין אנעווריסם. ווא דער מאן קיינע יסורים האט אונד אסכרה איז שיינט מיר איינע פאן דען קעהלקראנקהייטען וויא דער קרופ, ווא דער קראנקע שווערעס אטהמען האט, דען אסכרה שטאמט פאן סכר פערשטאפפען, ווא דער האלז שיינט פערשטאפפט צו זיין אין לעסט דיא לופט ניכט דורכגעהן.

אביע תודות לך על ברכותיך ליום הולדתי

ידידו הדו״ש ישראל יה״אל מיכל ראבינאוויטש

דער דריטטע בריעף פין דר. ליפפע איז מיר שפעטער אנגעקוממען נאך דיא צווייא בריעף אונד ער ערקלערט מיר דיא גמרא אריגינאל מיט איהרע מפורשים דייטליך וויא איך האב פין איהם פערלאנגט. דר. ליפפע צייגט מיר אן וויא זייא (דיא מפרשים) בעהאנדלען דיא צווייא ווערטער אסכרה אין נשוקה אונד ער גיבט אויך זיינע מיינונג אויף איין מעדיקאלישען וועג אין אזוי שרייבט זיינע גאלדענע פעדער:

לכבוד הר׳ יעקב פסנתר נ״י

תניא נמי הכי תשע מאות וג׳ מיני מיתות נבראו בעולם: קשה שבכולן אסכרה ניחה שבכולן נשיקה אסכרה דמיא כחיזרא בגבבא דעמרי דלאחורי נשרי ואיכא דאמרי כפטורי בפי ושט (ברכות ד׳ ה׳ ע״א) נודע לכל יודעי דעת שדרכי החכמים הקדמונים שונות היו מדרכי החכמים שבזמנינו שהם היו עוסקים יותר בדרישה בעיון והתבוננות מפני שלא היו להם הכלים הנחוצים לבקורת ולנסיון כמו האספקלריא המגדלה, ולא הכירו ולא היו בקיאים בדרכי הכימיא כהחכמים האחרונים לכן אם אמרו והחליטו חכמינו ז״ל שיש תשע מאות וג׳ מיני מיתה בעולם בלי ספק עינו והתבוננו וספרו ומנו כל אחת ואחת הטב עד שעלה בידם המספר הנ״ל ואנחני שאין אנו עוסקים בדברים האלה מפני שיש לפנינו דברים יותר נחוצים להכיר ולדעת אין לנו להרהר אחרי דבריהם ולהניף שבט בקורת עליהם גם אני הכותב לא באתי לחוות דעתי רק על גוף החולי הנקרא בפי חכמינו ז״ל בשם אסכרה כיד הדעת הטובה עלי ואם שגיתי משוגתי אתי תלין ולהם הצדקה:

לחולי הגרון יש לחז״ל שלשה שמות ואולו הן: אסכרה סרניכי חינכי, לחולי דלקת הגרון כמה מינים והקשה שבהן אסכרה. ונקרא בלשון הרופאים דיפתריתא מלשון על הנייר ועל הדפתרא (מגילה י״ז) * משום שנדבק במקום הנלקה חומר לבן וקשה בעין קלף או דפתרא ומכסה אותו בקרום דק או עב, ונדבק לפעמים רפה על מקום הנלקה ונוח להסירו ולרוב הוא נאחז בעור הרירי ונכנס עמוק לתוכו ואין להסירו ממקומו אלא אם כן נשוף גם קצת מן בשר העור ונשאר אחריו פצע, לכן אמרו חכמינו ז״ל ומשלה לקוץ (חיזרא) שנסתבך בגיזי צמר והבא לשולפו ממנו לא יתכן שלא ימרוט גם קצת מן הצמר. הפרוש הזה של הגמרא נכון הוא ורש״י הענק שבהמפרשים ובעל הערך טעו מפני שלפי דבריהם פרוש הגמרא והמשל קאי על קושי המיתה, היינו המיתה קשה בקוץ שנסתבך בצמר, ואין המשל דומה לנמשל. ולפי דעתי פרוש. הגמרא קאי על אופן הלקותא: מי שלא ראה צער

* דער רמב״ם זאגט דיפתרא הוא העור שאינו מעובד כל צרכו איין פעל וואס זיא איז נאך ניט אין גאנצין אויסגעארבייט עס איז נאך קיין רעכטיר פארמיט ניט (מגילה מ״ז פרוש הרמ״ב״ם פרק שני קראה סירוגין).
המחבר

מיתה של הילד המת באסברא לא ראה מיתת אסברא בימיו. והרואה שלא נמס לבו בקרבו לבו לב אבן: החניקה קופצת עליו בסרוגו; והוא מתהפך הנה והנה בחבליו ובפיצר נשימתו עד שהשאול בית מנות לו. ואין הקושו להוציא קוץ מן הצמר דומה לו אפילו אחת מני אלף.

גוף הרפתרא הוא מין פטירא קטנה שאינה נודעת לעין אלא באספקלריא המגדלה שדרכה לקנן באברי הגרון ושם פורחת ומתרבה במהרות נמרצה, עד שבכחה לסתום את הגרון. מקומה לרוב על שני הפקועין שבשני צדי הגרון ואם יורדת לשיפו כיבע ממיתה בחניקה. לפעמים יורדת לבית הבליעה ומתקבצת שמה במירה גסה ונעשה עבה כעין פטרה וממלאת בית הבליעה זה פי הושט כמו שפרשו איכא דאמרו פשוטו כמשמעו. גם בפרוש הזה טעה רש"י (במ"כ) וכה דבריו: ים אוקינוס יש בו מקומות שאין מקבל ברזל ומחברין לוחי הספינה על ידי חבלים ועקלים שטוחבין בנקבין ותוקעין אותו בדוחק לפי שהן גסין במידת הנקב. והנקב הוא עקול כפי ושט, ופטוו"י פרוש חבל, והפרוש הזה רחוק מאוד ויש לתמוה עליו שנתרחק כ"כ מפרוש המלות ומן הפשט הפשוט המונח לפנינו וללכת אל מדינת הים אוקינוס ולבקש ולמצא משל שאינו דומה לנמשל כלל וכלל, גם לא מצאנו בערוך שמלת פטרא מורה על חבל, ופטרא מלשון כמהין ופטריות. ומה שאמר רש"י (שבת ל"ג) אסברא חולי המתחיל במעיים וגו' בגרון הנקרא בוגמלאן, יש בדבריו קצת אמת. שלפי שיש מין אסברה שהליכותיה בהיפך היינו ממטה למעלה שמתחילה בושט ועולה אל הגרון וזאת שביחה רק לעיתים רחוקות ומסוכנת מאוד, מכל החולים הנלקים בחולי זה שראיתי אין גם אחד יצא בשלום וכלם ירדו לקבר

גם מה שכתב הבעל מרפא לשון שמילת מלאנ"ט (Malan) נושנת הוא בלשון צרפת ונגזרת מלשון רומי (Malanchia) פרוש אבאבועות בגרון, המלה הזאת לא זכיתי למצא לא בספרי הרפואה הישנים ולא החדשים: ולי נראה שפירושו maligne בל רומי (maligna) ופירושו בעבריות רע מאוד; ויחד עם מלת בון (bon) פירושו רע מאוד מאוד (bien או bon maligne) כי כן שמה בלשון הרופאים Angina maligna

השם סרניכי נרדף עם אסכרה ונגזר מלשון יוני Synanche ונקראת כן בפי תלמודי אבוקרט כל מין לקותא המעכבת ומקשה הנשומה ומביאה הרגש לחיצה בחזה, ואבוקרט בעצמו קרא Hynanche (כתובות דף ל׳ עמוד ב: סוטה דף ח עמוד ב)

חינכי פירש רש״י אבעבעות הגדולים בגרון כמין גלאנט ובלשון רומי אשטרנג״לון לפי פירוש הגמרא (גיטין סט״א) הוא מכה טריה בפקעון שבשני צדי הגרון Glandes שנדלקה ונתקבצה מוגלא לתוכה ולבסוף נפתחין ושופכין המוגלא לתוך הפה ולבית Eter הבליעה. ומה שאמר (שם:) ששום היחידי הנשחק בשמן ובמלח שהוא טוב לכאב השנים וקשה לחיורא. מלת חיורא מורה על מין מורסא לבנה שפולטין החניכים: אם השום נוגע בהם כמו שנודע לאלה הנותנים משקים חריפים על השנים לשכך כאבם. וחולי נשיקה לא ידעתי פירושו ואולי הוא המחלה הנקראת בפי האחרונים שיתוק (אפאפלעקסיע) החולי הזה כשבאה בזעת וקופצת פתאום על האדם אז הוא נופל פתאום ומתעלף ומת עדי רגע. ואינו מרגיש שום כאב, גם על פניו לא ניכר שום סימן צער, וגם אחר מותו לא שום רשם על פניו, ואין מיתה קלה כזאת. ותוכן המחלה סיתים ולחוצת המוח הבא מחמת התמצות הדם לתוך הגלגלת והמוח שבתוכו היוצא במהרות מן עורק אחד מעורקי המוח שנבקע מחמת איזה סיבה ולפי שצר המקום בהגלגלת להמוה ולהדם יחד לכן נדחק ונלחץ המוח ונתקלקל כל הרגש הגוף שמקורו במוח וקצתו נחרב לגמרי, ואז הנלקח מת מיתה חטיפה בלי הרגש וצער וכאב:

לכן יפה מדמה הברייתא במשחל בניתא מחלבא כשם שמושך נימה שער מתוך החלב, הוא דבר קל ואינו עשה רושם בחלב כן המיתה הזאת הוא קלה ואינה עושה רושם בגוף המת. על העדר הצער וכאב אצל המיתה מחמת השיתוק שמימית במהומה נוסרה דעת המתנגדים אל אופן שחיטת בהמות לפני דיני ישראל שחיתוך העור של הצואר והורידין גורם כאב ופרפור איברים ומיתה קשה ומצערת, לעומת זה הרוגה ע״י פיצוץ הגלגולת במהלומת פטיש מביא מהומה וביטול הרגש לבהמה ואינה מרגשת שום כאב וצער בבמותה מחמת שיתוק, דבריהם נכונים מצד מה וטועים מצד אחר לא הרי שתק כהרי הרוגה, אצל שיתוק אין שום חבלה: ופיצוץ

הגלגולת הוא מעשה אכזרי ומחבל עצם הגלגולת באופן נורא מאוד ואם לפעמים אינו עולה ביד המכה להרג את הבהמה בהכאה אחת אז הכאב נורא מאוד מלבד זה אצל הרגה הדם נשאר כלו בגוף הבהמה ונתקע בבשר ונודע לחכמי הרופאים שהדם מכיל בתוך חומרים ארסיים כאשר הגרו על זה החכמים Bischardat בפאריז, Galagawski בווארשוי ואחרים.

נתן פתחיה מבית ליפע

די איבערזעטצונג פין העברעישען אין זשארגאן דעם בריעף פין החכם הגדול המרומים דר. ליפפע נ"י אין דעם בעטרעף פין מיתה אסכרה אין מיתה נשוקה וואס די גמרא ברכות ברענגט אין דף ח' עמוד א'.

לכבוד הר"ר יעקב פסנתר נ"י.

אין דער גמרא ברכות דף ח' עמוד א' שטייט אין מיר האבען אויך אזוי גילערנט 903 מיתות זענין בעשאפען געווארין אויף דער וועלט די ערגסטע אין די שווערסטע מיתה הייסט אסכרה. וועלכע איז אזוי ווי די בערליך וואס פאלען אראן אין געשיירענע וואלל. אין אז מען וויל זייא ארוים רייסען אין ארונטער ווארפען בלייבט צוריק וואלל אויף די בערליך, אזוי איז די מיתה אסכרה.

מען קען פערשטעהען אז עס איז איין אונטערשיעד פין די אלטע געלעהרטע ביז צו די נייע. די אלטע האבען זיך מעהר פערלאזט אויף דענקען אין גריבלען, ווערענד די הייטיגע האבען כלים אין אינסטרומענטע דערצו.

הייטע מיזען מיר איין פערגרעסערונגסגלאז אין חעמישע וויסענשאפט דערצו בעניצען, אין דער פארצייט האט מען זיך פער־לאזט אויף דענקען אין מען האט געצעהלט איעדע מיתה אין מען האט געפינען 903 מיר אבער בעפאסען אונז ניט מיט צעהלען. אין וויל מיר האבען נעטהיגערעס צו קלעהרען אין מיר האבין די כלים דערצו דערפען מיר ניט די אלטע צייט קריטיזירען אין איבער זייא עטוואס זיך אויס צו שפרעכען זייא האבען געטהאן וואס זייא האבען פערשטאנען, אין איך וועל נאר מיינע מיינונג דאריבער אויס שפרעכען אין אז איך האב איין פעהלער געמאכט איז דאס מיין פעהלער, אבער די אלטע האבען רעכט געהאט אזוי צו זאגען.

האלזקראנקהייטען זענין 3 נאך דער גמרא אסברה (אנגינע) סרגיבי אין חינבי. ווארגען אונד האלזענטצינדונג איז אויך געוועזין פערשיעדענע אין דיא שווערסטע פין אללע איז אסברא, אונד אין דער ערצטליבער שפראכע הייסט דיא קראנקהייט דיפטעריטים. דאס ווארט בעדייטעט איינע הויט, איין בלאט וויא עס שטייט על הנייר יעל הדפתרא (מגילה י״ז) אין וייל אויף דעם ערקראנקטען ארט בלייבט איבער אוואסערשטאף אין עס איז שוועהר וויא איין הייטעל אדער וויא איין בלאט אין עס בעדעקט דעם שלינג אמאהל וויא איין דין האטעל אין איין מאהל וויא איין דיקעס האטעל אמאהל איז דאס לייכט הערונטער צו נעהמען אין איין מאהל שווער וייל עס ווירד צוגעקלעבט צו דער שליימהויט אין געהט ארינטער איגטעד דער הויט אין מען קען דאס ניט ארינטער נעהד מען אויסער מען רייסט אב אשטיק פין דער הויט אונד עס בלייבט דארויף איינע וואונדע. איבער דעם האט עס דיא גמרא פערגליבען צו איין דארן וואס ער ווערט פארפלאנטיט אין וואלל אז מע שלעפט אים ארויס מיז אביסל וואלל צוריק בלייבען,

דיא מיינונג פין דער גמרא איז גאנין רי. טינ אבער ר״ש״ דער בעסטער פין דיא מפורשים אין דער ערוך האבען זיך טועה געוועזען וייל נאך זייער מיינונג איז דאס גאנצע משל גאר אויף דער מיתה אז דער טויט איז גלאך וויא איין דארן וואס מען שלעפט איהם ארויס פין דער וואלל. דאס משל איז אבער גאר ניט גלאך צו דעם נמשל אבער נאך מיינער מיינונג געהט אבער ראס משל נאר אויף דער קראנקהייט, וייל ווער עס האט אבער ניט געזעהען דעם טויט פין איין קינד וואס שטארבט אויף אסברה ווייסט ער גאר ניט פין אנגינע צו זאגען. דער וואס קענן דאס צוועהען מיז איין שטיינערנעס הערין האבען עס ווערד נאך אונד נאך דערווארגען אין זיין שמערין ווארפט עס זיך הין אונד הער ביז דער טויט בעפרייט איהם פין זיינע שמערצען. פאלגלין איז דאס משל ארויס צו שלעפען דעם דארן פין דער וואלל דערצי אפילו איין טויזענטער טהייל ניט גלייך.

דער קעיפער פין דער דיפטעריטים איז וויא איין קליין בלאזעל וואס האלט זיך אין האלז, דאס ווערט אבער נאר דורך איין מיקראסקאפ געזעהען אין דאס וואקסט טאג טעגליך אין וייער

שנעלל אין איז אים ,,טאנד דעם האלז צו פארשטאפען אין אם
מיינסטען האלט זיך דאס אויף דיא דריזען וואס זענין אין ביידע
זייטען פאן דעם האלז אין אז עס געהט אריין אין דער שיפע
כובע אריין (געבען דעם שלינג) שטארבט ער דערווארגען אין
אמאהר געהט דאס אין שלינג אראן אין פערזאממעלט זיך דארט
איינע גראסע מענגע ווערט דאס אזוי גראב וויא איין גיליע אין
פארשטאפט דעם בית הבליעה דאס איז דיא עפנונג פין דעם ושט
גאנץ איינפאך וויא דיא איבא דאמרי האבען ערקלעהרט כפטירא
בפי ושט.

אין אויך דא האט זיך רש"י טועה געוועזען, ער זאגט מיט
דעם לשון: עס איז דא בא דעם גראסען אצעאן ערטער וואס
נעמט קיין אייזען צו, אין דאמיט מען זאל דאס שיף פעסט האל-
טען ווערט דאס מיט שטריק געבונדען שטעקט מען דיא שטריק
אריין אין קרוממע לעכער וואס דער נקב איז קרום געראדע וויא
דער ושט ווארין פטירא איז דער פשט איין שטריק. דער פרוש
איז אבער זעהר שוועהר צו פערשטעהן, אפנים רש"י האט בע-
דערפט צי פאהרען ביז דעם ים אוקימנות ער זאל געפינען איין
משל אין אוועק געהן פין דעם וואהרען פשט. אויך אין ערוך געפינט
מען ניט אז פטירה ווייזט אויף איין שטריק. דער אמת אבער איז.
פטירא הייסט שוועמע. ווארען פטירות הייסען אין דער גמרא
שוואמען. אין וואס רש"י זאגט אבער אין שבת ל"ג דף א' אז
אסכרה הייבט זיך אן אין דיא קישקעס אין ענדיקט זיך אין האלז
וואס הייסט בונמלאן. דאס איז ווארשיינליך ווייל עס גיבט איין
מין אסכרה וואס געהט פין הינטען ארויף, עס הייבט זיך אן אין
ושט אין געהט ארויף צים האלז. דאס איז אבער זעהר זעלטען
אין דיא אסכרה איז זעהר געפעהרליך. פין אללע פאציענטען מיט
דער קראנקהייט האב איך קיין איינציגען געזעהן געהיילט. אויך
וואס דער מרפה לנפש זאגט אז דאס ווארט מלאנט איז איין אלט
פראנצעזישעס ווארט אין דאס שטאמט פין דעם לאטיינישען, דאס
הייסט בלעזליך אין האלז. אין דאס ווארט האב איך ניט אין אלטע
אין אויך ניט אין נייע מעדיקאלישע ביכער געפינען. מיר שיינט
אז דאס איז מלגנע, לאטייניש מאליגנא אין אז דאס קיממט צו-
זאממען מיט דעם ווארט באן קלינגט דאס זעהר שלעכט. אין

אויף דער ערצטליכער שפראכע דער נאמע סרוניכי האט דיער זעלבע בעדייטונג פין אסברה אין איז הערגעלייטעט פין דעם ווארט סכנאנקע. בא דיא תלמידים פין אב׳קרט וויר יעדע אטהעם פערשטאפפונג. וואס בריגגט הערפאר איין ברוסט־פרעססען אנגעריפען סינאנקע אין אבוקרט אלליין נענט זייא כנענקע (כתובות לב סוטה ח׳ ב) חינכי טייטשט רש״י בלאטערן וואס ווערין אין האלז. איין ארט גלאנט אין אויף לאטייניש הייסט דאס „גלאנדעס״, אשטרנגילון (גיטין סט א) דאס איז איינע פייכטע מכה אויף דיא חריזען וואס זענין אויף ביידע זייטען פין דעם האלז, האס ענטצינדעט זיך אין נעממט צוזאממען אייטער, דאן עפנען זיך דיא בלאזען אין גיסען דעם אייטער אין מויל אריין אין דאס קימט אין דער שלינגסקעהלע אריין. דיא בלאטערן גלייכט דער „מרפה לשון״ צי חזיר ניפליך וואס וואקסען אויף דיא אייכעל ביימע). דאס וואס דוא גמרא זאגט דארט ששום היחידי, אז דער איינציגער קנאבעל געמישט מיט בוימעל אין מיט זאלץ איז גוט צי צאהנשמערצען. אבער זעהר געפעהרליך פאר דעם צרעת חורא אין חינכא (מלת חורא מורה על מין מורסא לבנה. דאס ווארט חורא ווייזט אויף א מין ווייסען בלאטער אדער געשוויר אין חינכי איז אויך א מין בובעס וואס מאכט זיך אין האלז) אין אז מען דארף דעם ציריכינים קנאבעל מיט בוימעל אין מיט זאלץ ארויף לעגין אויף דעם צאהן מיז מען פערהיטען ער זאלל ניט אנריהרען דיא חורא אין דיא חינכא. פין דאנען זעהט מען ארויס אז דיא חורא, וואס נאך דער גמרא איז דאס א שחין בהמה, מאכט זיך ביא מענשען אין האלז אויך.

דיא קראנקהייט מיתה נשיקה פערשטעה איך ניט. אפשר איז דאס דיא קראנקהייט וואס דיא אחרונים רופען זיא אן שיתוק (אפאפלעקסיע). דיא קראנקהייט אז זיא פאלט איינעם אן, פאלט ער אנידער אין ווערד פלעצליך טויט אהנע עטוואס צו פיהלען. זאגאר נאך דעם טויט ערקענט מען גאר ניט עפיס איינע ענדערינג אויף דעם געזיכט. קיין גערינגערער טויט פין דעם גיבט עס גאר ניט, דער הויפטגרונד פין דער קראנקהייט איז וויל עס ערהיצט זיך שטארק דאס בלוט, דאדורך שפרינגען דיא נערפען אין דאס גאנצע בלוט קימט אין שעדעל אריין, דארט וויא דיא גער־

הירן ליגען, אין וויל אים שערעל איז קיין פלאטץ פיר בליט אונר געהירן אינאיינעם. דארום ווערט דיא גאנצע עמפפינדונג (געפיהל) וועלכע קימט פין דעם מוח, געשוועכט אין מאנכעם דאפאן ווירד גאנץ צערשטערט אין גאנץ אויפגעלעזט (דאס הייסט דאס לעבענסגעפיהל). דעסהאלב ווען עס פאקט שטארבט ער שנעלל אהנע צו ליידען. אין אויס דעם טעם שטעללט דיא גמרא פאר דעם טויט אזוי גרינג וויא מ' נעמט ארויס א האר פין דער מילך ווייל אזוי וויא מען נעמט ארייס א האר פין דער מילך דערקענט מען גאר ניט, אזוי איז מיט דער קראנקהייט דארום איז בא זייא איין טויט נישט צו מערקען שמערצען אדער ליידען. אין דעסהאלב בעהויפטען אויך דיא וואס קרינגע אויף דער שחיטה, וואס איז געברויך ביא יודען, אז דער שניט מיט דעם מעסער דורך דעם האלז אין דיא אדערן פעראורזאכט דער בהמה גראססע שמערצען, זיא ווארפט זיך אין איהר וויטיג, פאלגליך איז דאס זעהר א געפלאגטער טויד, דאגעגען ווען מען פעריזעטצט דער בהמה מיט א האק א שמארקען קלאפ אין קאפ אריין, ווערט זיא פערטימעלט אונד שפירט קיינע שמערצען. דער טויט איז עהנליך דעם פין אפאפלעקסיע. דיא מיינונג האט אבער מאנכעם ריכטיגע אין מאנכעם אונריכטיגע. דאס אונריכטיגע דאביא איז: אז אפאפלעקסיע מיט הרגנו גלייכט זיך גאר ניט אויס, ווייל ביא אפאפלעקסיע פיהלט מען גאר ניט, וועהרענד ביא הרגינין קען קען מען אמאהל שלאגען מיט דער האק עטליכע מאהל אין גאר ניט טרעפין, ווערט דער שמערין נאך שטערקער. אויסערדעם פערזאממעלט זיך אים קערפער אונד אים פלייש דאס בלוט, וועלכעס, וויא הערר באשארדאט בפאריז, הערר גאלאגאווסקיא אין ווארשוי אין נאך אנדערע בעהויפטען, גיפטיגע שטאפע ענטהעלט.

נתן פתחיה לבית ליפפע: דר' קארפעל ליפפע ביאססי

I. ZONE דער איבערזעטצער

## מיתה אסכרה

דא האבען מיר דיא ריכטיגע ערקלעהרונג איבער דער מיתה אסכרה אין מיתה נשוקה. מיט פליים האב איך איבערזעטצט דעם בריעף פאן העררן דר. ליפפע, כדי יעדער זאלל פערשטעהן דיא האנדלונג פין דער גמרא איבער מיתה אסכרה אין נשוקה,

דיא חולי אסכרה איז אין מעהרערע פאבען, אזוי וויא דיא גמרא ריפט זייא בייא דיא נייען אסכרה, סרוניכי, חינכי, חיורא. נאך דיא קאבאליסטישע וויסענשאפטען עקזיסטירט איינע פאן דיא קרענק מייסטענס בייא קליינע קינדער, דאס איז אנגינא דיפטרע, איינע האלזקראנקהייט וואס הייסט אסכרה, וזא דער האלז ווערט איהם פערשטאפפט אין ער קען ניט אטהמען. אבער וויא איך האב געלערנט אין ספר התשבי אז דיא חולי אסכרה קימט אויף אלטע מענשען אויך, אין וויא איך האב איינגעזעהן, דאס איינגע אלטע מענשען וואס זענין געשטארבען אויף מיינע הענד, פאר דעם טויט איז דער אטהעם געשטיקט געווארין, ער האט זיך ניט גע־קאנט דערכשטיפען דערך דעם האלז אין עס האט איהם שטארק נעכארבילט אין האלז, אזוי האב איך געפרעגט א דאקטאר וואס דאס כארכלין זאלל בעדייטען, האט ער מיר גיענפירט אז דיא אינוועניגסטע ליפטען ווערין פערשטאפט, אזוי וויא דיא ליפטען פין דער לונגע, קאן דער אטהעם ניט דורכגעהן, כארבעלט איהם אין האלז. אין אזוי וויא אין דר. ליפפעס בריעף שטעהט אז עס איז דא א מין אסכרה וואס נעהט פין הינטען ארויף, האב איך גע־וואלט וויסען אב אין אונזערע צייטען עקזיסטירט נאך אזא מין חולי אסכרה, האב איך אנגעפרעגט א פאאר וואלעבישע ערצטע בריעפליך.

דאס איז דער בריעף מיט דיא פראגען :

*Venerabile Domnu Dr.*,

Stau in lucrarea unei broşuri intitulată: „Statistica necrologică a bătrănilor decedaţi in Azilul Elizabeteu in interval de 8 ani“.

'Mi permit deci a ruga onorabilitatea D-v. a mĕ onora cu un mic resultat la următoarele mele intrebări, ceeace 'mi necesită relativ la această importantă lucrare:

1) Dacă boala ce se numeşte Anghina Difterică se intĕmplă actualmente in veacul nostru şi la oameni bĕtrăni in etate de 20 pănă la 70 de ani?

Pentru că am găsit in o carte veche de aproape 400

ani, in care se zice, că această boală, care se numeşte acum Anghina Difterica, in vremile vechi sau ale mai primitive, intâi s'a ivit numai la copii şi după un timp oareşi care s'a mutat şi la oameni mari şi la bătrâni, in astfel de mod s'a arĕtat, când omul a căpĕtat această miserabilă boală, curând i s'a astupat gâtul şi o dată a strănutat şi prin strănutatul i a eşit sufletul şi a rĕmas mort.

De atunce chiar există proverbul când omul strănută i se zice: cu noroc, să faci chef (adică să nu mori prin strănutatul ca in vremurile antice) (Tişbi de Ilie Buchir pg. 9 şi 42 litera a şi s).

2) Un alt autor vechiu de 600 ani ne spune că se află un fel de Anghină care merge din jos in sus, adică ea incepe de la stomac şi merge in sus până la gât (Sabis pg. 33).

Ore există acuma astfel de Anghină la bătrâni?

Eu sunt de opiniune că se intémplă şi acuma la oameni bĕtrânĭ la un scurt timp inaintea morţei sele astfel de bólă, care astupă gâtul de nu poate resufla, precum am observat eu la unii bĕtrâni ce au murit in Asilul nostru.

Sunt cu deplină speranţă că Dv. D-le Dr. veţi lua cererea mea in consideraţiune şi prin umanitatea, cu care sunteţi pururea inspirat, 'mi veţi relata opiniunea Dv. relativă la intrebările mele, rugându-vă a primi stima şi tot respectul ce vĕ conserv.

(S. S.) *Iacob Psantir*

ם טוואך 31 מאי 1889 בין איך געוועהן בייא דר. באבעש מיט מיין ברייף, ער האט מיך אפילו שעהן אויפגענאממען:

מען האט מיר אויף מיינע פראגען ניט געענפערט, אזוי האב איך מיך געווענדעט צו העררן דר. ליפפע מיט דער שאלה·

לידידי היקר והנכבד רבי אליפי ומיודעו דר. קארפעל ליפפע נ״י כאור החמה כאור שבעת ימי בראשית:

אייער מאנוסקרים איבער דער גמרא ברכות אין דער אינהאלט פון מיתה אסכרה אין מיתה נשוקה האט מיר געפינט מיינע אויגען אין עס האט מיך זעהר שטארק אינטערעסירט אז

איך האב געמיזט שטודירען איינגע שטעלען אין תלמוד: אזוי האב איך פין דעם תלמוד ארויסגענעמין א פאאר שאלות וואס מיר איז געוועהן שוועהר צום פערשטיהן אין האב זייא איבערגעבען אין אונזערע חכמי ההור הרב ר׳ אבנר כתבן, הרב ר׳ יצחק אייזיק שייר (שאר), החכם ר׳ מתתיהו שמחה ראבענער, החכם ר׳ הלל כהנה, החכם ר׳ חיים בעדזשיראנא אין דיע אללע האבען מיר זייערע תשובות געשיקט מלא תורה ובחכמה, נאר איין פאאר שאלות זענין מיר צוריקגעבליעבען ניט געפראגט, ווייל דיא שאלות געהעריז צו איין דר. דער מעדיצין. אזוי בעט איך דען הערין דר. ליפפע זא גוט צוא זיין אונד מיר דיא שאלות בעאנטוואָרטען.

1) איך האב געלעזען אין ספר התשבי פין ר׳ אליהו בחור ז״ל, אשר הי׳ בשנת רפ״ז למספר בני ישראל. ער בעהאנדעלט דאס ווארט אסכרה מיט דעם לשון: סכר בדברי רז״ל (תענית דף כז) ברביעי מתענין מפני האסכרה שלא תפול בתינוקות, והוא חולי שסותם פי הקנה שבצואר וימות האדם לפי שעה ונראה לי שלשון אסכרה נלקח מלשון ויסכרו (בראשית ח) מעינות תהום. לשון סתימה והוא היה בתחילת הבריאה נופל בתינוקות ואחר כך גם בגדולים. וזה לפעמים כשהיו מתעטשין פרחה רוחם ומתו. לפכך בא המנהג כשאדם מתעטש אומרים לו אסותא (מלשון סותם סתימה) (ספר התשבי אות ס).

זא וויא דער בעל התשבי זאגט אז אין דיא ערשטע צייטען נאך דער וועלטבעשעפונג (עס קען הייסען נאך חשבון התורה) איז דיא קרענק אסכרה געפאללען נאר אויף קליינע קינדער שפעטערהין איז זיא געפאללען אויף גרויסע מענשען אויך. אזוי איז מיינע פראגע דערביא אויב אין אונזערע צייטען זאלל זיך נאך טרעפען איזוינע פערשיעדענע מיני קרענק פין מיתה אסכרה ביא אלטע מענשען אויך?

2) אזוי וויא איך האב בעמערקט אין איהר ווערטים שרייבען וואס איהר האט מיר געשיקט. וז״ל הזהב: ומה שאמר רש״י (שבת ל״ג א׳) אסכרה חולי המתחיל במעים וגומר בגרון הנקרא בנמלא״ן. יש בדבריו קצת אמת לפי שיש מין אסכרה שהליכותיה בהפך הנינו ממטה למעלה אונד זא ווייטער. אז עס איז יא א מאל געוועזין זא איין מיני אסכרה וואס איז געגאנגען פין הינטען ארויף איז

מיינע פראגע דאבײ אוב נאך הייטע אזא מיני אסכרה עקזיסטירט אונד אוב עס מעגליך איזט דאס בײא אלטע מענשען זאלל זיך טרעפען איין אורשפרונג פאן דער מיתה אכסרה אין עס זאל איהם פריהר פערשטאפט ווערין דיא אינווענינגסטע ליפטען וואס זייא צירקולירען ביז צום האלז נאך אידער דער האלז ווערט איהם פערשטאפט. איך האב בעמערקט בא איינינגע לייטע וואס זענין געשטארבען אין אונזער אזיל, אז פאר דעם טויט האט זייא אנגעפאנגען צו חארטשין אין האלז, דאס דער אטהעם האט זיך קוים דורכגעדרענגט. איך האב געפרעגט א דאקטאר דאריבער, האט ער מיר ערקלעהרט דאס דיא אינווענינגסטע ליפטען ווערין איהם לאנגזאם פערשטאפט אין דיא הויפטליפטען זינד פאן דער לונגע, ד. ה. רום חארכילט איהם אין האלז, דאס איז שוין דיע לעצטע לעבענסצייכען, ער קימט מעהר ניט אויף. אלזא הערר דאקטאר וויא נאר עס עקזיסטירט דאס ווארט פערשטאפונג איז דאס איין שורש פין מיתה אסכרה?

מוקירכם ומכבדכם יעקב פסנתיר

אין דאס איז דער ענפער:

**Iassi 19. Iulie 1889**

*Geehrter Herr Psanter!*

Auf Ihre Fragen kann ich Ihnen folgende Antwort ertheilen:

a) Alle מפורשים behaupten, dass אסכרה kommt von סכר der gleichbedeutend ist mit סגור, verschliessen.

Was der Tischbi schreibt über den Tod durch Niesen ist eine Fabel. Der בעל התשבי hat damals nicht gelebt, und sagt diese Fabel Andern nach. Es heisst ferner, dass מבטל אברהם אבינו hat diesen Tod aus der Welt geschafft (געוועזין). Dass auch Erwachsene von der Difteritis befallen werden und sogar sterben können, unterliegt keinem Zweifel. Die Erfahrung bestätigt es. Eben jetzt behandle ich eine Frau von 40 Jahren an אסכרה. Der Tod durch אסכרה erfolgt nicht immer durch Erstickung, meistens durch Blutvergiftung, wenn der Pilz (פטרא) von der kranken Stelle

ins Blut übergeht, und es zur Erhaltung des Lebens untauglich macht.

b) Auch heute gibt es zuweilen Fälle, wo die אסכרה von unten, von der Speiseröhre (וושט) zum Halse (בית הבליעה) heraufsteigt. Diese Art ist weit gefährlicher (אחת דתה להמית).

c) Das Röcheln (Charcen) vor dem Tode ist keine אסכרה und keine סתימה. Die Lunge wird gelähmt, und fühlt nicht den Schleim und hat nicht die Kraft denselben auszuhusten, darum wird der Schleim durch die ein- und ausgeathmete Luft hin- und hergezerrt. Dieses nennen die Rabbinen גסיסה und sagen: רוב גוססין למיתה.

mit Achtung *Dr. K. Lippe*

היער פאלגט דערזעלבע בריעף מיט יודישע לעטערן:

געעהרטער הערר פסנתר,

אויף איהרע פראגען קאן איך איהנען פאלגענדע אנטווארט ערטהיילען:

א). אללע מפורשים בעהויפטען דאס אסכרה קאממט פאם שטאממע סכור דער גלייכבעדייטענד איזט מיט סגור פערשליעססן.

וואס דער תשבי שרייבט איבער דען טאד דורך ניעסען איזט איינע פאבעל. דער התשבי האט דאמאלס ניכט געלעבט אונד זאגט דיעזע פאבעל אנדערן נאך. עס הייסט פערנער דאס אברהם אבינו האט דיעזען טאד אויס דער וועלט געשאפט (מבטל געוועזען). דאס אויך ערוואקסענע פאן דער דיפטעריטעס בעפאללען ווערדען, אונד זאגאר שטערבען קעננען, אונטערליעגט קיינען צווייפעל, דיא ערפאהרונג בעשטעטיגט עס. עבען יעטצט בעהאנדלע איך איינע פרוי פאן 40 יאהרען אן אסכרה. דער טאד דורך אסכרה ערפאלגט ניכט אימער דורך ערשטיקונג, מייסטענס דורך בלוטפערגיפטונג ווען דער פילץ (פטרא) פאן דער קראנקען שטעללע אויס אינס בלוט איבערגעהט אונד עס צור ערהאלטונג דעס לעבענס אונטויגליך מאכט.

ב). אויך הייטע גיבט עס צווויילען פעללע ווא דיא אסכרה פאן אונטען פאן דער שפייזערעהרע (וושט) צום האלזע, בית

הבליעה) הערויפשטייגט. דיעזע ארט איזט וויט געפעהרליכער (אחת דתה להמית.)

ג), דאס רעכעלן (חארטשען) פאר דעם טאדע איזט קיינע סתימה. דיא לונגע ווירד געלעהמט אונד פיהלט ניכט דען שליים אונד האט ניכט דיא קראפט דענזעלבען אויסצוהוסטען. דארום ווירד דער שליים דורך דיא איין- אונד אויסגעאטהמעטע לופט הין אונד הערגעצעררט. דיעזעס נעננען דיא ראבינען גסיסה אונד זאגען: רוב גוססין למיתה.

מיט אכטונג דר. ק. ליפפע

## מיתה נשוקה

מיתה אכסרה האבען אונזערע חכמים געפינען דעם שורש אויף א פילאלאגישען וועג, אסברה, סבר סגר, אונד זא ווייטער, אבער מיתה נשוקה? וועלכע מיתה הייסט נשוקה וואס דיא גמרא גלייכט זיא אזוי גרינג וויא מען נעמט ארוים א האר פין דער מילך? זאגען דיא יעטציגע חכמי הדור אז דאס איז מיתה פתאומית (אפאפלעקסיא) אזוי איינער וואס פאלט צי דער ערד אין שטארבט פליצים. דער טויד הייסט נשוקה, א גרינגערער טויד פין דעם איז נישטא, זא בעהויפטען אונזערע יעטציגע געלעהרטע. אז דער מענש וואס שטערבט מיט זא אין טויד ליידעט קיין שמערץ מיר קע־נין זייא אבער דאס ניט אבווענדעז, דען דאס איז בוראי אמת נאכגעקלעהרט נאך דעם יעצטיגען סטודיאום. ווארין וויא קען דען זיין נאך א גערינגערער טויד, וויא ווען א מענש איז געזינד אין שטארק, ער געהט אין טהעאטער אריין, עסט אין טרינקט מיט דעם בעסטען אפעטיט אין פליצים פאללט ער אנידער אין איז שוין טוידט? ער איז גאר ניט קראנק געוועזען, דיא הויט פין זיינע ביינער איז ניט אבגעקראכען פינ׳ם ליגען, אונד נאך אנדערע קרענקליכע יסורים אונד ליידען זינר איהם ערשפארט. איז דאס דען ניט מיתה נשוקה? דארום האבען דיא חכמי הדור ערקלעהרט אז אונטער דיא שווערע נאטירליכע מיתות וואס מיר מענשען זענען אונטערוואורפען, זאלל דיא הייסען מיתה נשוקה, עס זענין אבער דא מעהרערע מיני מיתה אויף זאלכע מיינונגען וואס מען קען זייא נענען מיתה נשוקה, צום ביישפיעל:

ווען איין מענטש איז געזונד אונד שטארק אונד געהט גראבען ליים אדער פיעטריש (קליינע שטיינדליך מיט זאמט) אינטיר איין בארג אין דער בארג פאללט אויף איהם אונד פערדעקט איהם. אין דער מינוט איז ער שוין טויט דער האט אויך קיינע אנדערע יסורים געליטען, ער איז אויך ניט קראנק געוועזען. זאלל דער טויט אויך הייסען מיתה נשוקה?

ווען איין געזונטער פרעכטיגער מענטש געהט פארביי נעבען איין הויז אין עס פאלט אראפ אשטיק שנייא מיט אייז אדער איינע אנדערע שווערע משא פין דעם דאך, אין ער בלייבט אויף דעם ארט טויט ליעגען ער האט אפילו קיין קרעכץ ניט געטאהן, דער האט אויך קיינע אנדערע יסירים געליטען אין אויך ניט קראנק געלעגען. זאלל דאס אויך הייסען מיתה נשוקה?*

ווען איין מענטש גיבט דעם אנדערן איין פאטש אדער מיט עפיס אקלאפ אין קאפ אראן אין ער פאלט אנידער אין איז שוין טויט. דאס זאלל אויך זיין איינע פין דיא מיני מיתה נשוקה. ווען מען זאל זיך דיא מיה נעמין אונד אונטערזובען קאן מען אזעלכע גרינגע מיני מיתות אסאך געפינען.

אבער לפי דעתי נאך מיינער מיינונג איז, אז דיא רעכטע מיתה וואס דיא גמרא רופט זיא נשוקה איז אזוי איינע ארט מיתה וויא מיר וועלין זיא דא פארשטעללען:

מיתה נשוקה הייסט איין גרינגער אין איין ריינער טויט וואס איין מענטש שטארבט אויף זיין געלעגער ער ליעגט איניגע טאגע קראנק ריין אין זויבער אויף זיין בעט ער קאן רעדען, ער פארלירט ניט זיינע געוויסן ער קאן זיך געזעגענען מיט זיין ווייב אין קינדער אויך מיט זיינע אללע גיטע פריינד אין אז עס קימט דיא לעטצטע שעה אז ער זאל זיך אבשיידען פין דיא לעבענדיגע ווערט ערן אנשלאפען פונקט אזוי וויא איין קליין קינד וואס דיא מוטער שלעפט איהם אן אין איין וויגערע מיט זינגען אין קישען. אזוי איין טויט הייסט מיתה נשוקה אין אזוי איין טויט האב איך געזעהען ביא איניגע פין דיא אלטע לייטע וואס זענין געשטארבען אין אונזער

* ר׳ אשר ביילער ר׳ מענדיל ביילערס פאטער איז דעריך געגאנגען נעבען איין הויז געזונד אונד שטארק איז אראב געפאללען אשטיק שנייא מיט אייז פין דעם דאך אויף איהם אוז ער באלד טויט געבליעבען ער האט אויך קיינע אנדערע שמערצען פין קראנק ליעגען ניט געליטען זאל דאס אויך הייסען מיתה נשיקה.

אזיל. וויא איך האב געשריעבען אין נעקראלאג בייא דיא טויטען פעללע אין אויך אויף אזוי איין טויט איז געשטארבען אהרן הכהן אין אינזער געזעטצגעבער משה רבינו אין אויך יעקב אבינו אין נאך אנדערע אזוי וויא מיר וועלין זייא ווייטער פארשטעללען. זייא זענין ניט געשטארבען מיט דער מיתה פתאומית אדער אפאפלעקסיע זייא האבען געוויסט דיא שעה אין דיא מינוט ווען זייא דארפען שטארבען זייא האבען גערעדט ביז אין דער לעטצטער שעה פין זייער לעבען, אזוי וויא אינזערע הייליגע תורה בעשרייבט זייער נעקראלאגיע.

---

בעפאר וויר קימען צו דער נעקראלאגיע וועלין מיר פארשטעללען איינע קריטיק וואס העררי ד״ר. ליפפע גיבט איבער רש״י אויף דער גמרא כפטורי בפי ושט אין אויך אונזערע ערקלערונג דאריבער.

## דיא קריטיק.

דיא קריטיק וואס דר. ליפפע שטעלט פאר איבער דער ר״שי פין דעם ווארט כפטורי בפי ושט איז דער אינהאלט אזוי: ר״שי זאגט אז פטורי הייסט בלשון הגמרא חבלים שטריק פין וואנין דרינגט רש״י אז פטורי איז שטריק דאס נעמט ער פין דיא צווייא ווערטער ופטורי ציצים (מלכים א) תרגום יונתן זאגט אויף דיא צווייא ווערטער ואטינין שושנין טייטשט ר״שי ואטינין שושנין צירת שלשלאות אין זשארגאן וויא קענין מיר דאס טייטשין געשטאלטען פין קייטעלעך אין ווייטער זאגט רש״י פטורי לשון חבלים בלשון גמרא כפטורי בפי ושט. דא באזירט ר״שי ווידער צוריק אויף דער גמרא אין זאגט אז בלשון גמרא הייסט אשטריק פטורי.

אין דר. ליפפע זאגט אז פטורי הייסט דיא עפנונג פין דעם ושט גאנץ איינפאך וויא דיא איכא|דאמרי האבען ערקלערט כפטורי בפי ושט אזוי וויא דיא עפנונג פין דעם ושט. דאס זאגט דיא גמרא אז דיא קרענק פארשטאפט דעם בית חבליעה דאס איז דיא עפנונג פין דעם ושט. אלע חכמי הדור ערקלערן אינז אז דאס ווארט פטורי הייסט דיא עפנונג.

דער אוצר השרשים פין בן זאב זאגט ופטורי ציצים עפנענדע בלומען.

קאנקארדאנציע איפברוך, געהענגע גירלאנדע ; אוצר השרשים הכללי 1 טהייל ווארשוי 1846 שורש פטר ופטורי ציצים אפענע בלומען.

דער ר"ד"ק זאגט ופטורי ציצים פתיחים דמות ציצים ופרחים ופטורי כמו פוטר מים ראשית מדון שהוא כמין פותח.

אין וואלאכישער איבערזעטצונג, ופטורי ציצים „שיא קא פלאריע דיסקיסע." „Şi cu florea deschisă."

וועט איהר וועלן מיינע ליעבע לעזער אז ר"ש"י ז"ל האט ניט געוויסט אז דאס ווארט פטורי הייסט עפנונג ער האט דייקע יאה געוויסט דעם סוד והראייע דארט אין מלכים א זאגט ר"ש"י ומנחם חיברו ופטורי לשון פטר רחם.

אין מצודות ציון זאגט ופטורי ענין פתיחה כמו פטר רחם.

שורש א"ט"ן, אטון ענינו בארמית חבל כי כן תרגום יונתן ותורידם בחבל. באטונא (יהושע ב טו') ונמצא חטובות אטון מצרים (משלי ז' טז') לחוטי פשתן שזורין פאדין (ספר אוצר השרשים הכללי חלק א ווארשוי 1846) ותורידם בחבל בעד החלון תרגום יונתן ושלשלתנון באטונא מן חרכא אז חבל הייסט אטונא איז מיר רעכט ווייל תרגום יונתן נעמט דאס ווארט פון איין קוועללע אוים משלי חטובות אטן מצרים געדרייטע פאדין אזוי וויא שטריק ואת מיתריהם (במדבר ג' כו) אללע תרגומים טייטשען וית אטוניהון אין ספר התשבי ברענגט ער אויך דיא ווערטיר פטורים ופטרום דיא זעלבע אותיות ער זאגט דאס איז פון דעם שורש פטור איין ענדע זאבע אזוי וויא מען זאגט איך האב מיך שוין געפאטירט פון איהם איינע זאבע וואס איז שוין ענדע דער מענש וואס מען ריפט אויף שבת צי דער תורה הייסט מפטיר ווייל דאס איז דיא ענדע אין דער פאר זאגט ער דיא פרשה פון נביאים וואס זיא הייסט אויך הפטורה פון לשון פטור ווייל דאס איז דיא ענדע * (תישבי אות פ.)

פטר, ויפטר. פטור, ברוך שפטרני, נפטר, הנפטר, שנפטר, גט פטורין, פטור, ופטורים, איין מפטירין, מפטיר.

* דיא הפטורות וואס מען זאגט שבת נאך דעם לייגין אין דער תורה איז געבליעבען איין אנדענקען נאך פון אנטיוכס הרשע מלך יון ער האט גוזר געוועהן אויף דיא יודען אז מען טאר ניט לייגען אין דער תורה שבת האבען יודען געזוכט איין פרשה פון נביאים וואס זיא האט זיך געפאסט צו דער פרשה פון דער תורה וואס מען האט געדארפט לייגין און מען האט דאס געלייגט אין דער נאך אז דיא גזירה איז בטל געווארן אבער דער מנהג איז געבליעבען ביז אין היינטיגען טאג. אין דער פאר הייסט דיא פרשה הפטורה לשון הפסקה.

הפטורה דאס איז אלץ דיא זעלבע ארטאגראפיע אזוי וויא כפטורי בפי ושט אין אזוי וויא ופטורי ציצים אין עס ווערט ניט דערמאנט חאטש איינער פון דיא פטורית זאל הייסען אשטריק

אבער דיא פראגע איז וויא קימט פטורי צו חבל ?

נאר רש״י האט זיך בודאי ניט טועה געוועהן, ער האט דאס גענעמען פון דעם ווארט ופטורי ציצים ואטינן שושנין אטונא איז בלשון ארמית חבל אזוי וויא מיר האבען אויבען געלערנט און דאר־רום האט ער גיגלייכט דעם פטורי בפי ושט צו דעם פטורי ציצים. אבער דיא גמרא זאגט ניט אז פטורי הייסט חבל נאר רש״י אליין זאגט דאס אי און דער גמרא אי און מלכים א, נאך מיינע מיינונג איז רעכט אזוי וויא ד״ר. ליפפע זאגט אז כפטורי בפי ושט איז דיא עפנונג פון דעם בית הבליעה. איך מיין אז דיא חכמי הדור ווע־לין ניט שוויגען און וועלן זייער מיינונג דאריבער געבען.

ד״ר. ליפפע זאגט: גם לא מצאנו בערוך שמילת פיטרא מורה על חבל פיטרא מלשון כמעהן ופטריות (שוואמען) גוף הדבשרא הוא מין פטורא קטנה דאס זאל הייסען איין מין קליינע שוואמע וואס זיא וואקסט בייא דיא ברונין. דיא שוואמע הייסט אויף דייטש פילץ און בלשון צרפת פארטיראן. (Portiron)

דיא גמרא רעכנט אוים עטליכע מיני שוואמען, זאל דיא פיטרא זיין איינע פון דיא.

דיא גמרא זאגט: ויצאו העם לשדה והביאו להם כמהען ופטריות. זאגט רש״י כמהען ופטריות בולייין בל״ז שיצאו מלוחלוח הגשמים וידעו כי של ברכה היו (תענית פרק שלישי דף כג עמוד א) אז עס האט גערעגנט איז דאס פאלק ארויסגעגאנגען אויף דעם פעלד און האבען אהיים געבראכט דיא שוואמען וואס זייא קימען ארויס נאך דעם רעגען פון דער פייכטיגקייט פון דער ערד. וגדילו מין הארץ למעוטי כמהען ופטריות (נדה דף נ עמוד א)

איין אנדערע מיני שוואם איז דא וואס זיא וואקסט ארויס פון דער קאושע פון דיא ביימער און דאס איז היפקע וואס מיר פלעגין זיך אמאהל באדיענען מיט דער היפקע און מיט אקרע־מיען און מיט אשטילעכען פייער שלאגען איידער דיא שוועבעליך

זענין ארוים יעצט ווערט דאם בעניטצט וועגען רעמפלעך אין שטאט פעטיל דיא שוואמען ריפט דיא גמרא שובא דארזא.

## המדליק.

אמר רב יוסף שוכא דארזא, רמי בר אבא אמר זאזא.

## פרוש ר"שי.

שובא דארזא יבש הוא ודק ויש במין צמר בין קליפה לעץ והוא מבעורו משאחזה בו האור, זאזא מולש"א בל"ז (שבת פרק ראשון דף כ עמוד ב).

זאזא איז אזוי איין מין מאשק וואס וואקסט ארים דיא ביימער אין אויך אויף דער קאזשע פין דיא ביימער זאזא מולשא (מאאססיע) מאאז במו שערות שגידלין סביב האילן (שבת פרק ראשון מרפה לשון)

נאר איינע מיני מאשק איז דא וואס וואקסט ארום דיא קערניצים. ארים דיא ברעטער פין דיא קערניצים, ארים דיא קאריטים דעם מאשק ריפט אויך אהן דיא גמרא פטרא. פטרא מאונא דחצבא זאגט ר"שי שהוא גדל בשפת הדלי ממים (שבת פרק יד דף ק עמוד ח).

מרפה לשון והוא צמח יהוע שאין לו עיקר ושורש וזרע ואינו יונק מן הארץ בלשון צרפת „פארטיראן" בלשון אשכנז בילץ פילץ, וואס ד"ר. ליפפע ריפט זיא אין זיין דייטשען בריעף פילץ פיטרא.

דאס איז דיא מין שוואמע וואס אויף דייטש הייסט זיא פילץ אין בלשון צרפאם פארטיראן אין בגמרא לשון פיטרא.

אין דאס זאגט דר. ליפפע גוף הרפטרא הוא מין פטורא קטנה.

פטרא אדער פטורא זאל הייסען חבל ווער דא נוט דערמאנט.

קורי עקר לאמיר זעהין מיט אפענע אויגען וואס זאגט ד"ר. ליפפע אין זיין דאקומענט גם אני הכותב לא באתי לחות דעתי רק על גוף החולי הנקרא בפי חכמינו ז"ל בשם אסכרה ביד ה"

הטובה עלי. דר. ליפפע אלס דר. דער מעדיצינע אונד איין גרויסער תלמודיסט ער גיבט אונז ציא פארשטעהען דעם אינהאלט פין דער קראנקהייט וואס זיא הייסט אסכרה אבער ניט איבער דעם טויט וואס אמענטש שטארבט אויף דער אסכרה אין דיא גמרא רעד אויך נאר פין דער קרענק אין ניט איבער דעם טויט דארום זאגט דר ליפפע: הפרוש הזה של הגמרא נכון הוא, אבער רש"י אין דער ערוך זענין זיך טועה וייל זייא זאגען אז דאס משל וואס די"א גמרא זאגט מיט דיא בערליך אין דער וואלל געהט אויף דער מיתה היינו דיא מיתה געהט ארוים שוועהר אזוי וויא דיע בערליך פין דער וואלל, אין נאך דר. ליפפע'ס פערשטאנד געהט דאס משל אויף דער מכה וואס זיא מאכט זיך אין האלז.

אסכרה יסכר פי דוברי שקר (שבת פרק שני דף א עמוד ב).

מרפה לשון ערשטיקונג, צודריקונג דער לופטרעהרע (ברכות דף ח עמוד א.)

אכל כל מאכל ולא אכל מלח, שתה כל משקה ולא שתה מים ביום ידאג מן ריח הפה ובלילה ידאג מפני אסכרה (ברכות פרק ששי דף מ עמוד א).

השם סרוניכי נרדף אם אסכרה (יומא פרק שמיני דף פ ד)

חינכי אבעבועות הגדילים בגרון כמין גלאנדי (מאנדיל דריזען) האבעבועות תקרא כן לפי שדמתה לפרי הארז שקורין בלשון רומי גלאנס ובלשון צרפת גלאנדיא (איין אייבענבוים וואס וואקסט חזיר נים) והרופאים קורין אותה אנגינא סענאנכיע אין דאס ווארט קימט פין סרוניכי (ברכות מרפה לשון פרק ששי ד מ)

גלאנדי אייכלין וזהו הפרי הגידל באילן סרק ששמו אלון והוא מאכל חזיר יער (מרפה לשון מסכת מנחות).

ומה שאמר שם ששום היחידי הנשחק בשמן ובמלח שהוא טוב לכאב השנים וקשה לחורא. אין דער איינציגער קנאביל וואס ער ווערט צימישט מיט בוימעהל אין מיט זאלץ וואס דאס איז גיט צו צאהנשמערצען אין שלעכט צו דער חורא. זאגט דר. ליפפע אז מלת חורא מורא על מין מורסא לבנה. מורסא הייסט איין מין געשוויר וואס זיא איז אזוי וויא איין מכה פיל מיט מאטעריע דיא גמרא זאגט המפים מורסא בשבת לעשות לה פה חייב אויף צו פיקען דיא מכה אין צו מאכען אלאך אים שבת טאר מען ניט.

אם להוציא מכנה לחה פטור. אבער אויף ארויס צו נעמין דיא מאטעריע מעג מען יאה (שבת פרק יד דף ק עמוד ב).

מרפה לשון מורסא געשוויר עס איז אזוי איין; מכה פאלל מיט מאטעריע.

דיא גמרא זאיט אז חיורא הייסט בשר בעלת שחין בהמה, אין אזוי האבען מיר געלערנט אמר ליה לרוש גלותא. חיורא לא עביד לן האודנא. לא שחטנו היום בהמה בעלת שחין (גיטין פרק שביעי דף סח עמוד א).

מיר האבען האנט ניט געקוילט אזוי איין בהמה אז זיא זאלל האבען דעם שחין וואס הייסט חיורא. אם כן איז דיך דאס צרעת חיורא איין מין געשוויר וואס זיא עקסיסטירט אינטער בהמות, וויא קימט דיא חיורא צו חינכי. חינכי איז איין מין אנגינע וואס זיא מאכט זיך אין האלז אזוי, וויא קליינע חזיר ניסליך.

אין חיורא איז איין מין שחין בהמה כמין מורסא אזוי וויא איין מכה וואס זיא פיללט זיך אן מיט אייטער, קימט דיא גמרא אין זאגט אז דער קנאביל וואס ער ווערט פארמישט מיט בוימ־עהל אין מיט זאלץ וועגען צאהנשמערצין מיז אבגעהיט ווערין אז ער זאלל ניט פאללען אויף דיא צווייא וואונדען חיורא אין חינכי. דא זענין מיר געצווינגען אז מיר זאללען פארשטעללען דיא גמרא אריגינאל מיט פרוש ר״ש״י, דאמיט מיינע ליעבע לעזער זאללען פער־שטעהען אז דיא גמרא האט ניט גירעד אויסען וועג.

דיא גמרא שטעללט זיך אניעדער אין זאגט אזוי לכבא. אמר רבה בר רב הונא ליתי תומא יחידאה ונימרסיה במישחה ומילחה וניתביה אטופראי דאליוניה דההוא גיסא דכייב ליה וגהדר ליה גדנפא דלישא וניזדהר לבישרא דקשה לחיורא לחינכי.

## פרוש ר״ש״י.

לכבא. חולי השינים הפנימית. תומא יחידאה, ראש שום שלא היה בו אלא צלע אחד, ונמרסיה ישחקנו. אטופראי, דאליוניה על ציפורן של בוהן יד. וניזדהר לבישריה. שלא יגע אותו שום בבשרו, דקשה לחיורא צרעת. לחינכי. אבעבועות הגדילים בגרון כמין ילאנט (גלאנדיא) ובלשון רומי אישטראנגילון (גיטין דף סט עמוד א)

## דא איז איינע פראגע.

דא שמיםט דיא גמרא פין צאהנשמערצען אין פין אסכרה וואס זיא מאכט זיך בא מענטשין אין האלז וויא זשע קימט דער שחין בהמה אין האלז פין אמענטשין אז דער ציריבענער קנאבעל מיט בוימעהל אין מיט זאלץ זאלל ניט פאללען אויף דיא צווייא וואנדען.

דיא גמרא האט דאס זייער ריכטיג בעטראכט אז דיא חיורה (שחון בהמת) מאכט זיך בא מענשין אין האלז אויך אזוי וויא מיר האבען אזעליכע פעללע שוין בייגעוואהנט דאסס איין יונגער מאן האט אהן גערידהרט אזוי איין מין קראנקע בהמה אין האט זיך ניט אב געוואשען דיא הענד אין האט זיך געמאכט איין ציגארע האט ער באלד דיא קרענק איבער גענעמען אין האלז אין איין קורצער צייט איז ער אבגעטערענט געווארדען פין דיא לעבענדיגע מענשען. דיא קרענק וואס דיא בהמות באקימען הייסט אויף מאלדאווישׂ האלאק פין דעם ווארט דולק איין ברען* ווען דיא קרענק זאלל נאר זיין בא דיא בהמות אין ניט בא איין מענשען אין האלז וואלט דיא גמרא ניט געוועהן זיא ציגעשטעללט צי דער חנכי אונד צי דיא צאהנ־שמערצען. דיא פראגע בלייבט אויף איין שפעטערן ענפער

---

אויף דער שטעללע פין דער גמרא כפטורי בפי ושט האב איך אנגעפראגט להחכם ר׳ הלל כהנא מיבאטאשאן וגם להחכם ר׳ חיים בערשזאראנא מיבוקארעשט וזה תוכן הענינים מהשאלות והתשובות על ענין בפטורי בפי ושט.

## שאלה.

לדיד היקר והנכבד הרב המיפלג בהכמת התלמוד כמהר״ר הלל כהנא ני׳

דאס ספר סטאטיסטיקע נעקראלאזשיקע איז געגרינדעט אויף דער גמרא תניא נמי הכי תשע מאות וג׳ מיני מיתה נבראו בעולם קשה שבכולן אסכרה ניחא שבכולן נשוקה.

אסכרה דמוא כחיורא בגבבא דאמרי דלאחורי נשרי ואיכא דאמרי כפטורי בפי ושט (ברכות ד ח ע א) פירוש רש״י כפטורי הייסט

---

* דולק איין ברען ווייל דיא בהמה האט קיין וואסער צו דער צייט, בעקימט זיא איין ענטציגדונג אין דאס בילדיט איין געשוויר מיט מאטעריע.

חבל אשטריק כמו ופטורי ציצים (מלכים א ו) תרגום יונתן ואטינין שושנין זאגט רש"י צירת שלשלאות פטורי לשון חבלים בלשון גמרא כפטורי בפי ושט. דא באזירט רש"י ווידער אויף דער גמרא אין זאגט אז שטריק הייסט בלשון גמרא פטורי. החכם המרומם דר. ליפפע דר. דער מעדיצינא זאגט אז פטורי הייסט דיא עפנונג פין דעם ושט איינפאך וויא דיא איכא דאמרי האבען ערקלערט כפטורי בפי ושט אזוי וויא דיא עפנונג פין דעם ושט. דאס זאגט דיא גמרא אז דיא קרענק אסכ"ה פערשטאפט דעם בית הבליעה דאס איז דיא עפנונג פין דעם ושט. אין דאס איז מיר טאקע שווער צו פערשטעהען, דיא גמרא זאגט ניט אז פטורי הייסט אשטריק דאס האט נאר ר'ש"י ז"ל געזאגט זיין פרוש. איך האב נאך גערזוכט אויף מעהרערע ערטער איך זאלל זעהען צו ופטורי ציצים זאל הייסען אשטריק וואס זאלל אויף זייא הענגען בלומען האב איך גערפינען אין מעהרערע אוצר השרשים ופטורי ציצים הייסט אפענע בלומען אין אללע אנדערע מפרשים זאגען פטורי לשון פטר רחם כפוטר מים ראשית מדון, דער אוצר השרשים הכללי חלק א ווארשוי 1846 שורש אט"ן ער זאגט אטון בארמית חבל כי בן תרגום יונתן ותורדם בחבל (יהושע ב טו) באטונא ונמצא חטובות אטון מצרים (משלי ז טו) לחיטי פשתן שזורין (פאדין) אז דער תרגום יונתן זעצט איבער דאסווארט אטונא הייסט אשטריק איז מיר רעכט. ווייל ער ווייזט אהן פין וואנין ער נעמט. דיא קוועללע איז פין אטון מצרים געדרייטע פאדים, אבער פטורי זאלל הייסען אטונא פין וואנין איז דער שורש. ואטונין שושנין טייטשט רש"י צירת שלשלאות מיר שיינט אז דאס נעמט רש"י אויך פין דעם תרגום ותורידם בחבל בעד החלון תרגום יונתן ושלשלתנון באטונא מן הרכא * אבער דיא הויפטפראגע איז, וויא קימט דער פטורי בפי ושט צו דעם ופטורי ציצים דאס איז שווער צו פערשטעהען.

אזוי ביטטע איך אז זיא זאללען אזוי גוט זיין אין נאבזוכען אין דער גמרא אונד אין אנדערע הייליגע ספרים אונד אינז דיא שאלה רוין ערקלערין מיט גרונד וויא דיא הלכה בלייבען זאלל

* אין דא אין דער אראבישער שפראכע הייסט איין גראבער שטריק חבל. אין איין דין שטריקיל מערעסיע.

אדער כפטורי בפי ושט זאלל הייסען דיא עפנונג פין דעם ושט אבער כפטורי זאלל הייסען אשטריק וואס מען שלעפט איהם דורך איין ענגעס לאך פין אשיף אזוי וויא רש״י זאגט.

מוקירך ומכבדך המצפה לתשובתך

יעקב פסנתר.

בוקארעסט -7 מאי 1889.

## דיעזעלבע שאלה האב איך געפרעגט

לידידי היקר והנכבד הרב המפליג בחכמות התלמוד ובקי בלשונות בני קדם בכתב ובלשון מהר״ר חיים ביזשאראנא דירעקטאר יער שפאניאלישער שאהלע.

## תשובות הרב הנכבד מוהר״ר הלל כהנא בעל המחבר גלילות הארץ ואבל משה.

בשם ה׳ יום ה׳ ער״ח סיון שנת „בחקר דברי חכמים״ לפ״ק באטושאן יע״א.

ברכת שמים מעל בחיים טובים ושיבה נעימה תחול על ראש ידידי הנכבד היקר, דורש בקדמוניות בני עמו להוצא תעלומה אור כש״ת מו״ה יעקב פסנתיר הי״ו !

מכתבו היקר מיום 2. מאי בעתו קבלתי הן קרבו ימי בחינת הנערים מבית הספר העומד תחת משמרתי וטרדותי רבו עלי והנה עצרוני למלאות רצונו ונאלץ הייתי לאחר תשובתי אליו עד היום ולכן עם כבודו הסליחה.

בטרם אשיבו על שאלתו העקרית. מה ענין פטורי בפי ושט שבגמרא לענין פטורי ציצים אשר במקרא ולתת פתרון אחד לשתיהן? מצאתי לנכון להביא לפניו בראשונה כל המקומות מהתלמוד והמדרשים אשר בהם בא המאמר כפיטורי בפי ושט. ומה שביארו המפרשים ובעלי הערכים.

א) במ״ס ברכות ח׳ וא״ד כפיטורי בפי ושט ופרש״י ז״ל ים אקיאנים יש בו מקומות שאינו מקבל ברזל ומחברין לוחי הספינה ע״י חבלים ועקלים שתוחבים בנקביו ותוקעין אותן בדוחק לפי שהן גסין כמידת הנקב פיטורי חבלים דמתרגמינן ופטורי צצים (מלכים א׳ ו״) אטונין. בפי ושט הוא הנקב שהיא עגיל כפי ושט.

ב) במ״ס מועד קטן בסופו דף כ״ט, „אמר ר׳ חנינא קשה יציאת נשמה מן הגוף כציפורי בפי הושט. רבי יוחנן אמר כפיטורי בפי

ושט ופרוש שם רש״י ז״ל כציפורי בפי הושט כחבל שיש בו קשר ויוצא בקושי מן התורן. פיטורי חבל שקושרין שתי ספינות ביחד.

ג) מדרש רבה ויקרא פרשה ד׳ ר׳ ברכיה ור׳ קרציפא בשם ר׳ יוחנן אמרין כפיטורין היוצאין מן הושט, ו״ר חנינא אמר כציפורן (צ״ל כציפורי כמו במ״ס מ״ק) היוצא מן הושט. ועיין מתנות כהונה שם שמביא פרש״י ממ״ס ברכות (בלשון אחרת ממה שנמצאה ברש״י שם שהבאתי למעלה) וז״ל חבל שיש בו קשר ורוצים למשכו דרך חור קטן שאינו נמשך אלא בדוחק גדול.

ד) מדרש רבה קהלת פסוק, ואלו חיה אלף שנים. כיצד הוצאת הנפש? ר׳ יוחנן אמר כקפיטורין (צ״ל כפיטורי) מתוך הושט ר׳ חנינא אמר ציפורן צ״ל ג״כ כציפורי מתוך הושט וגם שם פירוש המפריש פיטורי: חבל

ה) מדרש תנחומא פ׳ מקץ, דאמר ר׳ ישמעאל אין לך קשה מיציאת הנפש האיך יוצאה? ר׳ יוחנן אמר כקפיטורין צריך ג״כ להיות כפיטורי) ויצאה מתוך הושט. כך הנפש יוצאה מן הגוף רבי חנינא אמר בציפורן (צ״ל בציפורי) בתוך הושט. והמפרש שם פירוש. כקפיטורין פירוש חבל שיש בו קשר ורוצים למשוך אותו דרך חור קטן של תורן הספינה שאינה נמשך אלא בדוחק. כציפורין פ׳ סיב של דקל שסותמין בו נקב הספינה וכשמכניסין אותו בנקב של הספינה שדומה לושט קולו הולך וחזק מאוד.

ו) בעל הערוך מחלק המלה הזאת לשתי מלות פי־טורי ומפרש אותה ג״כ חבל. וכן המלה ציפורי ג״כ בפתרון חבל (עין ערוך ערך פי־טורי וערך ציפורי)

ז) וכן החכם ר׳ יוסף שענהאף בספרו המשביר או ערוך החדש ערך פיטורי מפרש פיטורי: חבל. —

נפנה עתה אל דברי המפרשים אשר פירשו המלה פטורי צצים. יען כי התרגום ממלת חבל וממלת מיתר הוא אטון, כמו והחבלים בראשנו (מלכים, א׳, כ׳ ל״א) ותורגם ואטונין ברישנא. והיא ג״כ לשון מקרא אטון מצרים עין ערוך ערך אטון) ומיתרי (במדבר ג׳ כ״ו) ותרגם אנקלוס ג״כ אטונוהי (עין מחברת הערוך לר׳ שלמה פרחון ערך אטן) וכן המלה פטורי ציצים הנמצא ד׳ פעמים במלכים א׳ ו׳ בהפסיקים יח. כט, לב. לה, ותורגם בכל פעם ואטונין שושנין ולכן מביא רש״י ז״ל שם בראשונה פירוש מלת פטורי כתרגומו אטונין והוא חבל בלשון מקרא. עם כל זה לא הניח רש״י להביא.

פירוש שני על מלת פטורי כאשר בארו יתר המפרשים המלה הזאת. וז״ל רש״י: ומנחם חברו פטורי לשון פטר רחם וכמו יפטירו בשפה וכפירושו האחרון פירשו ג״כ הרד״ק פטורי פתוחים דמות ציצים ופרחים. וכן הרלב״ג פטורי ציצים הוצאת הצמחים וכן הגאון ר״ אליהו ווילנא זצ״ל בביארו על בנין הבית פירוש פטורי ציצים פתוחים פרחים מלשון פטר.

נשיב עתה לשאלתו. אחרי מכל המקומות שבא המלה פיטורי בארו כל המפרשים שפתרונו הוא חבל ויען שגם פטורי ציצים שבמקרא מתורגם אטונין שהוא ג״כ חבל ולכן הביא רש״י בצדק במלכים שהוא כלשון הגמרא פיטורי ובמ״ס ברכות שהיא בלשון המקרא פטורי, יען שפתרין שניהם היא חבל, ואין מקום עתה לשאלתו. את זאת ראיתי לפי דעתי להשיבו על שאלתו אבן אם יביא איש אחר לבאר הענין בדרך יותר טובה ישמח לבי גם אני.

והנני ידידו הדורש שלומו ומברכו בשיבה טובה נעימה ומאשרת.

מכבדו

**הלל כהנא.**

תשובת הרב המפואר גדול בתורה ובתלמוד ר׳ חיים ביגאראנו

לכבוד הישיש הזקן זה קנה חכמה כמוהר״ר יעקב פסנתור שלום עד בלי ירח!

שב נכבד! שאלתני לפרש אליך דברי הש״ס בברכות ח ע״א על מיתת האסכרה וז״ל א״ד כפטורי בפי ושט וכ״ו. הנה השערות רבות ונכבדות נאמרו ע״ז. ואשר אחזה אנכי הצעיר באלפי ישראל הוא זה:

הנה זאת ידענו מראש כי חכמינו הקדמונים ז״ל, אם כי כל שערי החכמות פתוחים היו לפניהם, אך רוח אחרת היתה אתם. ושטותם אינם כשיטותינו בימים האלה. כאשר נודע לנו ממשטרי השמים וכסיליהם. וכמו כן בשיטת הרפואות, כאשר הגד לנו בשם הרמב״ם רופא בחיר ה׳ בספר הרפואות שלו קחנו משם ותרוה נחת.

ואומר חולי האסכרה שונה הוא בתכונותיו משארי חלים כי השם נגזר מפעל „סכר״ השוה לפעל „סגר״ כאשר כתב החכם

האביר ג׳ועניוס בספר מלין שלו בערך „סכר“ וז״ל Verstopfen
סכר das arabisch. Sakar mit dem syr. und Cald.
אסכרא dav. Verstopfung des Halses „Angina“ u. s. w.

ובלתי ספק שהוא החולי אשר יתהוה מלחות המתקבצית בגרון, ומונע האויר לבוא אל חלל הגוף. שהוא עיקר חית כל בעל חי. וכן כתוב בספר התשבי סמן סכר ראה שם.

וכונת הש״ס הוא על קושי יציאת הנשמה דוקא ולא על החולי כאשר נראה מבואר יוצא בסוף מ״ס מועד קטן וכן בקהלת רבה פ׳ ז׳ (לפי המקומות ההם נראה בפירוש שהוא על כל מיני מיתה ולא על האסכרה דוקא ע״ש) עה״פ והנפש לא תמלא והובא בריש ויקרא רבה וז״ל: כיצד הוצאת הנפש? רי״א בקיפטורין מתוך הושט (בש״ס בציפורי ובויקרא רבה בפיטורין) רח״א כצפורין מתוך הושט רבי שמואל ב״ר אמר כסילון רטוב והפוך מן הושט. ר״שי וכן הערוך בערך פיטורי ואחרים אומרים שפיטורי או צפורי הם חבלים גסים הנכנסין ויוצאים בקשי בפי נקב קטן וצר כמפורש בדבריהם ולשון פיטורי לדעתם היא כמו פטורי ציצים שתרגומו אטונין והוא לשון חבלים ומיתרים המתורגמים כן בכל מקום. וכמוהו אטון מצרים ונמצא שם זה גם כן בלשון ערבי „טון“ על החבל ויתר ראה גם כן גזעניוס שורש אטן וציפורי נ״ל לדעתם שהוא גם כן מל׳ ערבי צפר שר״ל Winden Flechten Seil עין שם בערך צפר בהוראתו השניה ואולי כן הוא ג״ב בל״ sfóră רומענית אולם המעין במפרשי המדרש ישקיף ויראה שצפורי הוא צפורן שפי׳ מזרב זריב וקורע ומקלקל הושט ודומה לסברת ר״ש שם שאמר כסילון רטוב והפוך מן הושט שר״ל בקוץ לח והפוך הוא ונשקע בתוך הושט היוצא בקושי גדול משם. וקרובים הדברים לא״ד קמא בברכות ח ופשוט. ודברי תורה עניים במקום א׳ ועשירים במקום אחר.

וברוך הבוחר בחז״ל ובמשנתם

דברי המוקירך בערכך הרם

**חיים ביגאראנו ס״ט**

פקיד בבה״ם להספרדים בבוקארעשט כ״ט לספירה תרמ״ט.

דיא גמרא תומאה יהידאה וואס מיר האבען דא אייבען גע־
שריעבען איז מיר זייער שווער געוועהין צו פארשטעהען, וויל וויא
קימט צאהנשמערצען צו שחין בהמה, האב איך געפרעגט מיין
געליעבטען אלטען גוטען פריינד חחכם גדול בש״ס ובפסקים מהר״ר
כתתיהו שמהה ראבענער נ״י, אזוי האט ער ניט געשפארט זיינע
טהייערע פעדער און האט מיר באלד געענפערט מיט דיעזע
ווארטען.

בשם ה״! אור ליום א׳ לסדר: למען ייטב לך ,,והארכת ימים״
שנת תרמ״ט, ראמאן. ישאו הרים שלום לידידי התורני הישיש
שוחר תושיה כמוהר״ר יעקב פסנתר נ״י

איהרע שאלה אין דער גמרא (גיטין דף ס״ט, ע״א) באזירט
זיך אויף איין טעות וואס זיא האבען געהאבט אין פשט. — זיא
גלויבמען נעמליך, דאס דיא ווערטער: דקשי לחיורא לחינבי זינד
איין זאטץ אונד אין אמת געהט דאס ווארט: „לחינבי“ צום צווייטען
זאטץ; זאנסט מיסטע שטעהען: „לחיורא ולחינבי.“ וכך פירושו:
לכבא (דאז ל׳ פאן לכבא איזט ניכט פאם שורש, זאנדערן עס איזט
אבגעקירצט פאן אל.) צי צאהנשמערצען (זאגט רבה בר רב הונא)
איזט גוט קנאבלויך עטצ. . . מאן מוס אבער בעהוטזאם זיין, ער
זאל ניכט דאס צאהנפלייש בעריהרען, דקשי לחיורא. דענן עס
קאנן איינע ע נ ט צ י נ ד ו נ ג ענטשטעהען: (חיורא הייסט יעדע ענט־
צינדונג. שחין. זאוואהל ביים מענשען אלס ביים טהיערע). יעטצט
פאנגט איין צווייטער זאטץ אן: „לחינבי״, צור אנגינא (זאגט ר׳
יוחנן) איזט גוט חומתי כי ממרו עטצ. . . . חינבי הייסט אנגינא
כפירוש רש״י: אבעבועות הגדילים בגרון, ובלשון רומי אשטריי־
גא׳לון. דיעזעס לאטיינישע ווארט איזט איין דרוקפעהלער. עס
זאללטע שטעהען אדסטרינקציאן. Adstrinction. vom Zeitwort:
adstringo (zusammenziehen, eng, Verengerung); daher
das Wort „Angina“.

צום בעוויז, דאסס דאס ווארט „לחינבי“ געהערט צום צוויי־
טען זאטצע, שויען זיא אבען (סוף ס״ח ע״ב) רעכנעט דיא גמרא
אויס פאלגענדע היילמיטטעל: לדמא דרישא ליתי שורבינא . . .
לצליחתא ליתי תרנגולא ברא. . . לברוקתי ליתי עקרבא. . .
לשברירי דלילא ניתי שודרא ברקא. . . לשברירי דוממא ליתי

שבעה סומקי. . . לדמא דאתי מפומא בדקינן ליה. . . לכבא ליתי תומא יחידאה. . . לחינכי — חומתי כי ממרו. . . ודי לחכימא! — לכן אין בו לא קושיא ולא תירוץ, כי בפשט הזה יבוא הכל על מקומו בשלום.

עתה אתה ברוך ה׳! אחת שאלתי מאתך אותה אבקש, בצאת הבויגען מבית הדפוס אשר יבוא בו מאמרי על אודות ויגוע ויאסף ביחד עם ההערה שלי, לשים עין ההגהה עליהם, למען לא תבאנה בהם שגיאות הדפוס. ולשלחם אלי תיכף ומיד. הואל־נא ידידי, גם כן להודיעני את יום הולדתך באיזה חודש אשר תחוג בו חגיגת שבעים שנה, ובכן אצא ואומר שלום! יתן ה׳ ותאריך ימיך עד מאה ועשרים שנה, כאות נפש ידידך באמת הדורש שלומך וטובתך כל הימים.

הצעיר

**מתתי׳ שמחה ראבענער.**

נעקראלאגיע מין התורה על מיתת עשרה צדיקים אשר מתו במיתה נשוקה גם כל המפרשים העידי על מיתת הצדיקים האלה כי מתו במיתה נשיקה אף ידי תיכון עמם.

## אין דאס זענין דיא 10 צדיקים וואס זענין געשטארבען במיתה נשוקה.

1 שרה אשת אברהם אבינו
2 אברהם אבינו
3 ישמעאל בן אברהם
4 יצחק בן אברהם
5 יעקב בן יצחק
6 מרים הנביאה בת עמרם
7 אהרן הכהן בן עמרם
8 משה רבינו בן עמרם
9 יהושע בן נון משרת משה רבינו
10 דוד המלך בן ישי.

## נעקראלאג פאן אונזער מוטער שרה.

אינזער מוטער שרה איז געשטארבען מיט מיתה פתאומית. ותמת שרה בקרית ארבע הוא חברון. שרה איז געשטארבען אין דער שטאט חברון זאגט רש"י לפי שעל ידי בשורת העקידה שנזדמן בנה לשחיטה וכמעט שלא נשחט פרחה: קודם שסיים המבשר שלא נשחט פרחה נשמתה ממנה (עי' שם ר"ש"י).

אין דער אור החיים זאגט שסיבת מיתתה היה עקידת יצחק וכמעט שלא נשחט פרחה נשמתה: (עיין שם אור החיים).

אז מען איז געקוממען אין מען האט איהר געזאגט דיא בשורה אין איידער מען האט ארויס געזאגט דאס ווארט שלא נשחט איז זיא שוין געשטארבען. פאר גרויס צער האט זיא געטראפען דיא מיתה פתאומית אדער איינע אפאפלעקסיע. נאך דעם היינטיקען סטודיאום זאלל דאס זיין דער גרינגסטער טויט אזוי וויא דאקטאר ראבינאוויטש אונד דאקטאר ליפפע וויללען בעהייפטען, אז אזוי איין מין טויט זאלל הייסען מיתה נשוקה (פרשת חיי שרה).

ידידי הרב המאור הגדול ר' אבנר כתבן פרעגט מיך אשאלה: אם מיתה כמו שמתה שרה נקראה נשיקה. מיתה המיוחסת רק לצדיקים. הלא הנני רואים. כמה רשעים שמתו על זה האופן.

אין ערשטען דעם תירץ זענען שולדיג צו פארענפערן דיא חכמי הדור וואס זייא האבען ערקלערט דיא מיתה פתאומית פאר מיתה נשוקה. נאר וואס מיין דבי זאגט אז רשעים שטארבען אויך אויף דער מיתה אפאפלעקסיע וויא קען דאס הייסען מיתה נשוקה?

אין ערשטין איז אידער מענש צוזאממענגעשטעללט מכמה איברים בשר גדין ודם ער מעג זיין פין וואס פאר איין רעליגיאן ער ווילל איז ער אינטער געווארפען דיא אללע קרענקען אין דיא אללע מיני טויטען אין דער רבי האט פארגעסין. אז מיר האבען געלערנט יש קונה עולמו בשעה אחת, דער גרעסטער רשע ער טיט נאר איין שטיקעלע מצוה הייסט ער שוין צדיק אדער בעל תשובה קאן ער שוין שטארבען אויף איין מיתה פתאומית אדער אויף אזוי איין מיתה נשוקה וויא מיר שטעללען זיא דא פאר: אז ישמעאל האט צוגעטהיילט מעהר כבוד זיין ברידער יצחק בא דער קבורה פין זייער פאטער אברהם האט ער שוין געהייסען צדיק בעל תשובה אין בא זיין טויט שטייט שוין ויגוע וימת.

אזוי איין שאלה דארף מיין רבי ניט צי פרעגען וויל בא מיר זענין אללע מענשען צי גלייך גערעבינט פאר מענשען אין ער איז אינטערוואַרפען אויך דער מיתה אסכרה אין אויך מיתה נשוקה.

אין דאס וואס הרב כתבן ווייזט אין זיינע תשובות אז דיא גמרא זאגט אז נאר 6 מענשען זענין געשטארבען מיט מיתה נשיקה וויא קומ איך צי צי שטעלען נאך 4 מענטשען.

איז דיא תשובה אזוי:

דער תלמוד האט אינז פארגעשטעללט 903 מיתת זענין באַשאפען געווארען אויף דער וועלט דיא שווערסטע מיתה הייסט אסכרה, אין דיא גרינגסטע מיתה הייסט נשוקה. דיא תלמודיסטען האבען אינז געגעבען צו פערשטעהען וואס פאראיין מיני טויט דיא אסכרה זאל זיין: נאר מיט דיא ווערטיר בחיזרא בגבבא אין כפיטורי בפי ושט שפעטער זענין געקימען דיא מפרשים אין האבען געפינין אז דאס ווארט אסכרה זאלל שטאממען פין סכר אדער סגר פערשטאפפונג אזוי איין מין אנגינע וואס זיא פארשטאפפט דעם האלז. דיא מפרשים האבען דאס ווארט געטראפען אויף איין פילאלאגישען וועג אין אזוי איז דאס באשטעטיגט אין אנגענאממען געווארען

אין אויף מיתה נשוקה האט דער תלמוד געזאגט כמשחל בניתא מחלבא כשם שמושך נימת שער מתוך החלב אזוי וויא מען נעמט ארויס אהאר פין דער מילך אזוי גרינג איז דער טויט נשיקה. אזוי וועלען מיר פארשטעללען דרייא מיני מיתה וועלין מיר זעהען וועליבע מיתה מיר קענין נענין נשיקה.

.1 מיתה פתאומות אפאפלעקסיע, אמענטש שטארבט פליצים.

.2 אמענטש ליעגט צי בעט קראנק איין לאנגע צייט ביז דיא הויט קריכט איהם אב פין דיא ביינער אין ער שטארבט מיט יסורים קשים.

.3 איינער ליעגט צי בעט איינינע טאגע אין רעד שעהן אין איז בא דעם גאנצען שכל אין געזעגענט זיך מיט זיין ווייב אין קינדער אין מיט זיינע גיטע פריינד אין ווערט אנשלאפען אזוי וויא איין קליין קינד עס כארבילט איהם ניט אין האלז, עס בארטשיט איהם ניט אין בויך אין אויף דער ארט זענין געשטארבען דיא אללע וואס דיא גמרא זאגט אז זייא זענין געשטארבען מיט מיתה נשיקה.

אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, דיא האבען זיך פאר זייער טויט געזעגענט מיט דער לעבענדיגער וועלט אין דער נאך וישכב עם אבותיו אין זענין איינגעשלאפען נעבען זייערע עלטערן. דער זעלבער טויט איז געשעהען בא יהושע בן נון און בא דוד המלך אויך אזוי איין טויט נעם איך אויך אהן פאר נשיקה.

לויט דיא דאקטורים שרייבען מיר אין זייערע בריעף, איז ניט באקרעפטיגט אז אפאפלעקסיע זאלל הייסען מיתה נשיקה ד״ר. ראבינאוויטש זאגט נשיקה איז גלויב איך המיתה פתאומית ד״ר. ליפפע זאגט הולי נשיקה לא ידעתי פרושו ואולי הוא המחלה הנקראת בפי האחרונים שיתק, און וייל דיא שפעטערע האבען אהן גענעמען אז מיתה פתאומית איז גלייך צו מיתה נשיקה דרום האב איך אינזער מוטער שרה אויך מצרף געוועהן צו מנין און אז מיין רבי ר׳ אבנר כתבן פארשטעהט דיא מיתה נשיקה אויף איין אנדערן וועג. קאן ער דאס ערקלערן אין זיין ספר כוח שור וואס עס געפינט זיך בא איהם בכתב יד.

## נעקראלאג פון אינזער עלטער פאטער אברהם.

פאר זיין טויט האט ער איינגעטהיילט זיין פארמעגען צו זיינע קינדער ער האט זייא אבגעגעבען דיא ירושה בא זיין לעבען אזוי זאגט אינזער הייליגע תורה.

ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק, ולבני הפילגשים אשר לאברהם נתן אברהם מתנות וישלחם מעל יצחק בנו בעודנו חי קדמה אל ארץ קדם. און אברהם גיבט אללעס זיינס זיין זוהן יצחק און צוא אנדערע קינדער פון דיא קעבס ווייבער גיבט ער אויך מתנות און שיקט זייא אוועק פון זיין זאהן יצחק נאך בא זיין לעבען און דער נאך אז ער האט שוין באווארינט זיינע קינדער שטעהט וויי־טער ואלה ימי שני חיי אברהם אשר חי מאת שנה ושבעים שנה וחמש שנים. ויגוע וימת אברהם בשיבה טובה זקן ושבע ויאסף אל עמיו. און אברהם אבינו איז אלט געווארין הונ־דערט פיניף און זיביציג יאהר און איז געשטארבען מיט איין גרינ־גען טויט מיט דער אמתדיקער מיתה נשיקה.

ווארין איבעראל וויא עס שטעהט ויגוע הייסט איין גרינגער טויט וואס דער מענטש מיטשיט זיך ניט. ער ווערט איינגעשלא־

פען שטיל רוהיג דער עוצר השרשים טייטשט ויגוע ענינו מיתה קלה בלי מכאוב וחולי. וימת ויגוע פערשיידען, פערגעהען, שטערבען. כל אשר בארץ יגוע (בראשית ז) יגוע כל בשר יחד (איוב ל ד) וגוע מנוער (תהלים פ ח) פערגענגליך.

באר מים חיים זאגט ויגוע הוא ענין המיתה הנאמר אצל כל הצדיקים ואח"כ אמר וימת אברהם בשיבה טובה מיט דעם ווארט ויגוע ווערין טיטלירט אללע צדיקים בא זייער טויט ווייל דאס איז איין מיני מיתה קלה בלי מכאוב איין גרינגער טויט אהנע צו ליידען שמערצען (בראשית כ ה פ חיי שרה)

## נעקראלאג פון ישמעאל בן אברהם.

בא ישמעאל שטייט אויך ואלה שני חיי ישמעאל מאת שנה ושלשים שנה ושבע שנים ויגוע וימת ויאסף אל עמיו ווייל ער האט תשובה געטאהן איז ער זוכה געוועהן אז ער זאל שטארבען במיתה קלה בלי מכאוב.

דער באר מים חיים זאגט אויף דעם פסוק ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו אל מערת המכפלה, ווען זייא האבען אברהם מקבר געוועהן אין דער מערה איז יצחק פאראויס געגאנגען און ישמעאל נאך איהם, באר מים חיים זאגט ובזה יוצדק מאמר חז"ל מלמד שעשה ישמעאל תשובה והוליך את יצחק לפניו חאטש ער איז געוועהן דער עלטערער זיהן האט ער צוגעטהיילט כבוד יצחקן ער זאל געהען פאראויס און ישמעאל פון הינטען דאס זאגט די תורה ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו. רש"י זאגט אויך לא נאמרה גויעה אלא בצדיקים (עיין שם רש"י) אזוי איז ישמעאל אויך געשטארבען וויא זיין פאטער אברהם במיתה קלה ונשוקה.

## נעקראלאג פון אונזער פאטער יצחק.

נאך אונזער רעכענונג איז יצחק אויך געשטארבען מיט מיתה נשיקה אזוי געפינען מיר אז פאר זיין טויט איז יעקב געקומען מיט אללע קינדער צו זיין פאטער יצחק ער זאל זיך מיט איהם געזעגענען פאר זיין טויט, ויבא יעקב אל יצחק אביו ממרא קרית ארבע הוא חברון אשר גר שם אברהם ויצחק, און וויא יצחק האט זיך נאר געזעגענט מיט זיינע קינדער זאגט באלד די תורה ויהיו ימי יצחק מאת שנה ושמונים שנה ויגוע יצחק וימת ויאסף אל עמיו

יקן ושבע ימים ויקברו אותו עשו ויעקב בניו (בראשית ל ח)* אזוי איז יצחק אויך געשטארבען במיתה נשיקה און ניט מיט מיתה פתאומית אדער אפאפלעקסיע.

אינזער עלטער פאטער יעקב אבינו איז אויך געשטארבען מיט מיתה נשיקה און ניט מיט קיין מיתה פתאומית אדער מיט אפא־פלעקסיע אזוי וויא דיא תורה הקדושה ערקלערט אונז, און זיין נעקראלאג און אזוי פאנגט אן דיא תורה צו שרייבען אין דער בע־ציעהונג דען טויטען פאלל פון יעקב אבינו

ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה יעקב האט געלעבט אין מצרים 17 יאהר.

ויהי ימי יעקב שני חייו שבע שנים וארבעים ומאת שנה וויא יעקב איז נעקימען אין דער עלטער אריין פון 147 יאהר זאגט דיא תורה ויקרבו ימי ישראל למות און עס האט זיך גענעהנטערט דיא טעג ישראלס צום שטארבען. ויקרא לבנו ליוסף האט ער גערופען זיין זאהן יוסף און האט איהם דערצעהלט דיא זאלסט וויסען אז איך דארף שטארבען זאלסט דיא מיך אוועק פיהרען קיין מצרים און זאלסט מיך באגראבען נעבען מיינע עלטערן און אזוי ווייטער. און באלד נאך דער מעשה איז יעקב קראנק גע־ווארין. שטייט ווייטער ויאמר ליוסף הנה אביך חולה האט יוסף גענעמען זיינע צוויא זעהנע און איז געגאנגען מבקר חולה זיין זיין אלטען פאטער. וויא מען האט נאר געזאגט אז יוסף קומט, האט זיך דער אלטער קראנקער יעקב אויף געזעטצט אויף זיין בעט און ער האט זעהר שעהן גערעד מיט זיין זיהן יוסף ער האט איהם גע־וויזען אז ער איז בא דעם גאנצען שכל און בא דיא מענטשליכע געוויסען אזוי וויא ער איז געוועהין בא דער יוגענד ער האט איהם געבענטשט מיט זיינע קינדער.

און דער נאך האט יעקב צוזאממענגערופען אללע זיינע קינ־דער און האט זייא זייער פיעל מוסר געזאגט און האט זייא אויך געבענטשט פאר זיין טויט און נאך דער ברכה האט ער זייא גע־

* בא דער קבורה פון אברהם אבינו איז געגאנגען פריהר יצחק און דער נאך ישמעאל האטש ער איז געוועהין דער עלטערער ברידער האט ער געוויזען זיין צדקות און האט יצחקן מכבד געוועהין ער זאל געהין פאראויס אבער דא איז שוין עשו געוועהין טאקע אגוט שטיק חזיר און ארשע ער האט ניט געלאזט אז יעקב זאל געהין פאר איהם דארום שטעהט פריהר עשו און דער נאך יעקב.

זאגט אני נאסף אל עמי קברו אתי אל אבתי איך ווער פערזאמ־מעלט צי מיין פאלק, זאלט איהר מיך בעגראבען נעבען מיינע עלטערן אין דער מערה המכפלה. אז ער האט נאר געענדיגט דיא צואה

ויכל יעקב לצות את בניו ויאסף רגליו אל המטה ויגוע ויאסף אל עמיו ער האט צוזאממען גענעמען זיינע פיס אויף דעם בעט ארויף אין איז איינגעשלאפען שטיל רוהיג אזוי וויא אקינד ווערט איינגעשלאפען אין זיין וויגעלע דאס איז אויך איין אמתה מיתה נשיקה

מרים הנביא איז אויך געשטארבען מיט מיתה נשיקה, אזוי זאגט רש״י (ז חקת).

## נעקראלאגיע פין אהרן הכהן.

אין אזוי זאגט דיא תורה הקדושה: קח את אהרן ואת אלעזר בנו והעל אתם הור ההר. גאט האט געזאגט צי משה נעם אהרן אין זיין זאהן אלעזר אין פיר זייא ארויף אויף דעם בארג והפשט את אהרן את בגדיו והלבשתם את אלעזר בנו. אין דיא זאלסט אויס טאהן פין אהרן דיא קליידער אין זאלסט זייא אהן טאהן זיין זיהן אלעזר. ואהרן יאסף ומת שם. אין אהרן זאלל דארט שטארבען. ויעש משה כאשר צוה ה׳, משה האט געטאהן אזוי וויא גאט האט איהם געהייסען. ויעלו אל הור ההר לעיני כל העדה. ער האט זייא ארויף געפיהרט אויף דעם בארג פאר דיא אויגען דער גאנצער געמיינדע ויפשט משה את אהרן את בגדיו וילבש אותם את אלעזר בנו. אין משה האט אויסגעטאהן אהרן דיא קליידער אין האט זייא אנגעטאהן זיין זאהן אלעזר. וימת אהרן שם בראש ההר (במדבר כ א) אין אהרן איז געשטארבען אויף דעם שפיץ בארג.

יעטצט וועלין מיר לערנין דיא פסוקים מיט רש״י.

קח את אהרן בדברים של ניחומים. גאט האט געזאגט צי משה נעם אהרן מיט גיטע רייד אין זאלסט איהם טרעסטען. אמר לו האט משה געזאגט צי זיין ברידער אהרן אשריך שתראה כתרך נתון לבנך אז וואהל איז צי דיר אז דיא זעהסט דיין קרוין איז געגעבען געווארין צי דיין זאהן. מה שאין אני זכאו לכך. וואס איך

בין דאס גאר ניט זוכה. את בגדיו את בגדי כהונה גדולה הלבישיהו. ער האט פריהר אנגעטאהן אהרן דיא גרויסע בגדי כהונה. והפשיטים מעליו לתתם על בנו בפניו אין דער נאך האט ער זייא אבגע־צוגען ער זאלל זייא אהן טאהן זיין זאהן פאר זיינע אויגען. אמר לו הכנס למערה. געה אריין אין דער הייעל. והכנס איז ער אריין געגאנגען. ראה מטה מוצעת ונר דלוק. האט ער געזעהען איין פארר בערייטעט בעטיל אין אלעכט ברענט. אמר לו האט משה געזאגט צו אהרן. עלה למטה. געה ארויף אויף דעם בעט ועלה איז ער ארויף געגאנגען. פשוט ידיך צו אוים דיינע הענד. ופשט האט ער זייא אויסגעצויגען קמוץ פיך מאך צו דיין מויל וקמץ האט ער פארמאכט. עצום עיניך מאך ציא דיינע אויגען. ועצם. האט ער צו געמאכט. מיד חמד משה לאותה מיתה. וזה שנאמר לו (דברים לב) כאשר מת אהרן אחיך מיתה שנתאויתה לה

## בעל הטירים זאגט.

וימת אהרן שם בג״ מלמד כי מת בנשיקה *: דער בעל הטירים זאגט זייער רעכט, אזוי איין מיני טויט וויא אהרן הכהן איז געשטארבען הייסט ריכטיג בנשיקה חאטש ער איז ניט גע־שטארבען אויף איין אפאפלעקסיע.

יעטצט וועלן מיר זעהען דעם טהייערן נעקראלאג וואס דיא תורה הקדושה שרייבט וועגען אינזער געזעטצגעבער משה רבינו אין מיט וואס פאר איינע מיני מיתה ער איז געשטארבען בודאי ניט אויף איין אפאפלעקסיע אין טאקע נאר מיט מיתה נשיקה

אין ערשטין האט משה געוויסט דעם יום המיתה (וועהרענד איינע אפאפלעקסיע ווייסט ניט דעם יום המיתה) אין דעמזעלבען טאג וואס ער האט גערארפט שטארבען האט ער צוזאממענגעריפען כל ישראל אין האט זייא געהאלטען איינע שעהנע רעדע, אין ער־שטען האט ער זייא ערקלערט דעם יום המיתה אין האט אזוי געזאגט בן מאה ועשרים שנה אנכי היום היינט בין איך געקימען אין דער עלטיר פין 120 יאהר איך קאן שוין מעהר ניט דינין אין גאט האט מיר געזאגט אז איך וועל דעם ירדן ניט אייבער געהען אין אזוי ווייטער. וויא עס שטייט אין פ׳ וילך. וויא אזוי האט משה

* ויראו כל העדה כי גוע אהרן; אין דיא גאנצע געמיינדע האט געזעהען וויא אהרן איז איינגעשלאפען.

געוויסט אז ער דארף היינט שטארבען שטייט ווייטער אין פסיק ויאמר ה׳ אל משה הן קרבו ימיך למית אין גאט האט געזאגט צי משה הן עס איז אמת קרבו ימיך למית היינט איז געקימען דיא צייט אז דיא זאלסט שטארבען דער אור החיים זאגט דרשו רז״ל היום מלאו ימי משה ע״ב ובא דבר ה׳ אליו ואמר הן כדבריך קרבו ימיך האט משה זיך פארבערייטעט אין האט איינגעזאמעלט זיינע יודיליך אין האט זייא זייער פיעל מוסר געזאגט אין אויך דיא שירה פין האזינו אין דארט נאך דער שירה האט איהם גאט ווידער איין מאהל געזאגט משה זאם דיך ניט דא אסאך מיט דיינע יודיליך געה ארויף אויף דעם בארג היינט איז דיא צייט פין דיין שטארבען, אין אזוי זאגט דער פסיק וידבר ה״ אל משה בעצם היום הזה לאמר עלה אל הר העברים הזה. ומת בהר אשר אתה עלה שמה והאסף אל עמיך כאשר מת אהרן אחיך בהור ההר ואסף אל עמיו. אין גאט האט גירעט צי משה אין דעמזעלבען טאג געה ארויף אויף דעם בארג נבו אין דיא וועסט דארטין שטארבען אויף דעם בארג מיט אזוי איין טויט וו״א דיין ברידער אהרן א״ז געשטארבען דאס הייסט מיט מיתה נשיקה בעל הטירים זאגט כאשר מת אהרן בג״י הן בנשיקה מת אהרן (בעל הטורים פ׳ האזינו) אין דארום זאגט רש״י כאשר מת אהרן אחיך באותה מיתה שראית וחמדת אותה אזוי וויא אהרן איז געשטארבען מיט מיתה נשיקה אזוי וויא דיא האסט אליין געזעהען מיט דיינע אויגען אין צי איהר געגליסט אין דיא האסט געזאגט אש״רי מי שמת במיתה זו (פ׳ האזינו שם ברש״י) אזוי וועסטי אויך שטארבען מיט מיתה נשיקה. וויא איניער רבי משה האט געלעזען דיא לעטצטע טשעטאציע אין ער האט געזעהען אז עס איז קיין פארדאן אין ער קאן זיך שוין דא ניט מעהר פארזאמען אין האנטיגען טאג מוז ער שוין געהען אויף דעם בארג ארויף זיך לייגען שלאפען, האט ער געזאגט רב׳ ש״ע לאז מיך נאך איין שעה לעבען איך זאל בענטשין מיינע יודיליך פאר מיין טויט אין האט שוין טאקע באלד אנגעפאנגען צי זאגען דיא ברכה ה״ מסיני בא וזרח משעיר למו אין אזוי ווייטער ביז ואתה על במותימו תדרך. דארום זאגט דער פסיק אובען וזאת הברכה אשר ברך משה. איש האלהים את בני ישראל לפני מותו אין דאס איז דיא

ברכה וואס משה האט געבענטשט זיינע יודיליך איין שעה פאר זיין טויט והראיה אז ער האט נאר אויסגעלאזט על במותימו תדרך האט ער שוין ניט געהארט אז מען זאלל איהם ריפען ער איז שוין אליין ארויף גענאנגען אויף דעם בארג ווארן אזוי זאגט דער פסיק ויעל משה מערבות מואב אל הר נבו. אין ווייטער וויא אזוי דער פסיק דערציילט אינז וימת שם משה עבד ה׳ בארץ מואב על פי ה׳.

אין דארט איז געשטארבען משה דער קנעכט גאטטעס אין לאנד מואב אויף גאטטעס באפעהל רש״י זאגט על פי ה׳ בנשיקה תרגום יונתן בן עוזיאל אין ירושלמי זאגען על נשיקת מימרא ד״ה.

ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו לא כהתה עינו ולא נס לחוה אין משה איז אלט געוועהין 120 יאהר אז ער איז געשטארבען זיין אויגע איז ניט טינקעל געוועהין אונד זיינע קרעפטע זענין ניט פארשווינדען געווארין רש״י זאגט ולא נהפך תואר פניו. אין תרגום זאגט ולא שנא זיו יקרא דאפוהי עס איז איהם ניט פארענדירט געווארין זיין צירה דאס הייסט ער איז אנשלאפען געווארין גלייך וויא ער לעבט (משה מת בנשוקה).

## נעקראלאג פין יהושע בן נון.

יהושע איז אויך געשטארבען במיתה נשיקה אזוי דערצעהלט אינז דער פסיק אז יהושע האט גערארפט שטארבען האט ער צי־זאממענגעריפען כל ישראל. ויהושע זקן בא בימים

ויקרא יהושע לכל ישראל לזקניו ולראשיו ולשפטיו ולשטריו ויאמר עליהם אני זקנתי באתי בימים. ווייטער שטייט והנה אנכי הולך היום בדרך כל הארץ איך בין געקימען אין דער עלטיר אריין אין איך דארף היינט שטארבען אין ער האט זייא געזאגט זייער שעהנע שטראף רייד. נאך דעם אז ער האט זייא שוין אב־געשטראפט שטייט וישלח יהושע את העם איש לנחלתו ויהי אחרי הדברים האלה וימת יהושע בן נון עבד ה׳ בן מאה ועשר שנים (יהושע כ ג כ ד) דאס הייסט מיתה נשיקה

זייא האבען געוויסט דיא צייט פין יום המיתה בא יעקב שטייט ויקרבו ימי ישראל למות אני נאסף אל עמי קברו אותי אל

אבותי אין האט זיך געזעגינט מיט אללע זיינע קינדער דאס הייסט מיתה נשיקה. אהרן האט געזעהין דיא גדולה פין זיין זיהן איינגע שעה פאר זיין טויט אזוי וויא מיר האבען געשריעבען אויבען, אין איז איינגעשלאפען שעהן אין ריין אזוי איין טויט הייסט נשיקה.

משה רבינו האט זיך געזעגינר מיט זיינע יודיליך אין האט זייא געבענטשט פאר זיין טויט אין איז אנגעשלאפען רוהיג לא כהתה עינו ולא נס לחה זיין צירה איז ניט פארביטען געווארען. יהושע בן נון דאס זעלבע ער האט זיך געזעגינט מיט זיינע יודיליך אין איז געשטארבען במיתה נשיקה.

השי״ה האט זייא איינגעוויגט אין זיין וויגעלע אזוי וויא דיא מוטער וויגט איין איהר קינד אין אוויגעלע מיט זינגען אין קישען דארום האבען דיא חכמי התלמוד גערופען דעם טויט מיתה נשיקה אין ניט אזוי וויא דער רבי האט מיר געטאטשט נשיקה הייסט קישען (מנשיקות פיהו שיר א) על פי ה׳ גאט האט משה אקיש געטאהן אין האט איהם צי גענעמען דיא נשמה. נא מיינע ליעבע לעזער איינענטליך איז דאס טאקע איינע שעהנע ערקרערונג פין איין מלמד וואס ער גיבט אזוי צי פארשטעהין דעם תלמוד.

## דוד מלך ישראל חי וקים

### נעקראלאג איבער דעם טויט פין דוד המלך.

נאך אינזער מיינונג איז דוד המלך אויך געשטארבען מיט מיתה נשיקה.

דער פסיק שטעלט אינז פאר זיין נעקראלאג אויף אזוי איין ארט.

והמלך זקן מאוד ואבישאג השונמית משרת את המלך דער מלך איז געקימען אין דער טיעפער עלטיר אין דיא דינסט אבישג האט איהם בארינט דאמאלס האט ער איבער געגעבען דיא מליכה זיין זיהן שלמה בא זיין לעבען אזוי וויא דיא געשיכטע דערציילט אינז אין ערשטען קאפיטעל פין מלכים א ער איז ניט קראנק גע־וועהין איהם האט נאר ציגעטרעטען דיא עלטערשוועכע. ער איז געזעסין אין צימער אויף זיין בעט אז מען איז געקימען אין מען

האט איהם געזאגט די בשורה אז זייא האבען שוין געקריינט זיין זיהן שלמה פאר קעניג איבער ישראל אין איבער יהודא איז ער געווארען פאלל פריידע. אין איז אויפגעשטאנין אין האט זיך גע־בוגט אויף דעם געלעגער צו גאט ברוך הוא אין האט אזוי געזאגט געלויבט זייא דער גאט ישראלס דער האט היינטע געגעבען מיינעם זאהן צו זיצען אויף מיינער שטיהל אונד מיינע אויגען זעהין איהם. וישתחו המלך על המשכב * וגם ככה אמר המלך ברוך ה׳ אלהי ישראל אשר נתן היום יושב על כסאי ועיני רואות. דא ווערט ניט דער מאנט דאס ווארט בני דער תרגום טייטשט דעם פסיק (אשר נתן היום) דיהב יומא דין בר יתיב על כורסי מלכותי ועיני חזאן.

איז דען דאס איין קליין פערגעניגען געוועהין בא דעם מלך דוד אז ער האט ציגעזעהין אזוי איין שמחה מיט זיינע אויגען פאר זיין טויט. ווארין באלד נאך דער מעשה שטייט ויקרבו ימי דוד למות ויצו את שלמה בנו לאמור אנכי הולך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש. נאך דער צוואה שטייט באלד וישכב דוד עם אבותיו ויקבר בעיר דוד. וישכב אין ויגוע האט איינע בעדייטונג ויגוע וימת ויאסף אל עמיו אדער וישכב עם אבותיו איז איינס פין דיא זעלבע (זייא אין קארעספאנדענץ פין אינזערע שאלות ותשובות).

אין אזוי האבען מיר געלערנט וישכב אין ויגוע הוא מיתה קלה שנאמר בצדיקים.

פין דיא פסיקם נעמין מיר ארויס אז דוד בן ישי איז אויך געשטארבען במיתה נשיקה אזוי וויא דיא פריהריגע צדיקים.

מיר זאלען זאגען אז דוד המלך האט אויך געוויסט דעם יום המיתה אזוי וויא משה רבינו האט ער בודאי ניט געוויסט. אזוי וויא דיא גמרא ווייזט אינז וויל דוד איז נאך ניט געקימען צו דער מדריגה וואס משה רבינו איז געוועהין לויט דיא גמרא זאגט האט ער פארלאנגט פין השי״ת אז מען זאל איהם מודיע זיין דעם יום המיתה ווען ער וועט שטארבען. אזוי האבען מיר געלערנט אין דער גמרא שבת פרק שני דף ל עמוד א ב אמר דוד לפני הקב״ה רבונו של עולם הודיעני ה׳ קצי. אמר לו גזרה הוא מלפני שאין

* וישתחו השתחוה לאל על המשכב (רד״ק) וכן כתוב במצודת דוד ער האט זיך געביקט צו גאט אויף זיין געלעגער.

מודיען קיצו של בשר ודם. האט דוד געזאגט: ומדת ימי מה הוא. האט מען איהם ווייטער געענפירט גזרה הוא מלפני שאין מודיען מדת ימיו של אדם. האט דוד געפרעגט ואדעה מה חדל אני איך וויל חאטש וויסען אין וועליכען טאג איך וועל שטארבען; אמר לו בשבת תמות אין אזוי ווייטער. אז דוד איז געוואר געווארין אז ער וועט אם שבת שטארבען איז ער אנאנצען טאג געזעסין אין האט געלערנט כדי דער מלאך המות זאל צי איהם ניט ציטריַיטען. חאטש בא מיתה נשיקה האט דער מלאך המות ניט צי טאהן נאר אזוי דערצעהלט אינז דיא גמרא.

כל יומא דשבתא הוה יתיב וגריס כולי יומא ההוא. יומא דבעי למונח נפשיה קם מלאך המות קמיה ולא יכיל ליה. דלא הוה פסק פומי מגירסא. אמר מאי אעביד ליה הוה ליה בוסתנא אחורי ביתו. אתא מלאך המות. סליק ובחיש באילני. נפק למיחזי הוה סליק בדרגא, איפחית דרגא. מתותיה אישתיק ונח נפשו.

מיינע ליעבע לעזער דא איז איינע פראגע: אין מלכים א ווערט פארגעשטעללט איין נעקראלאג אין דער מענטשליכער נאטור אזוי וויא איין מענטש געזעגענט זיך מיט זיינע קינדער אין מיט זיינע גוטע פריינד פאר זיין טויט. אונד אין דער גמרא שטעלט מען דיא געשיכטע גאנץ אנדירש פאהר. נאר כולם דברי אלהים חיים.

דיא גמרא איז פאר מיר ניט געשאפען איך פארשטייא זיא גאר ניט. נאך מיינע געוויסען גיבט מיר דיא גמרא צי פארשטעהען דיא לעצטען דרייא ווערטער מתותיה אישטיק ונח נפשו זיין מיתה איז געוועהין שטיל אונד רוהיג. מתותיה אישתיק ונח נפשו אין ויגוע וימת ויאסף אל עמיו אין וישכב עם אבותיו איז אלין אין דערזעלבען בעדייטונג עם כן על אחת כמה וכמה.

דוד המלך אחד משלשה הצדיקים אשר מתי בשבת מת במיתה נשיקה.

דוד בן ישי שעשה צדק לעולם עם כל ישראל מת במיתה נשיקה דוד מלך ישראל לא מת ע״י מלאך המות, איפחית דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשו הוא מיתה נשיקה.

דוד מלך ישראל חי וקים*

* זעה אין היועץ נומער 1042. 16 יוליא 1888

ראש חודש ניסן תרמ״ט! בוקארעשט.

הויך געשעצטער הערר ראבבענער, זיא קעננין מיך נאך פֿין יאססי פֿאם יאהרע 71—70 ווען איך האב געדריקט מיין ערשטע קראניקע בא ר׳ הירש גאלדנער, זי וויסען דאס זייער גיט אז איך האב אין קיינע שאהלען געלערנט ליצעאום אדער אניווערזיטעט האב איך ניט געזעהען פֿאר מיינע אויגען. תורת משה איז מיין ליצעאום, נביאים כתובים איז מיינע אניווערזיטעט אין דיא מפרשים זענין מיינע לעהריר דאס ביסיל וויסענשאפֿט וואס גאט ברוך הוא האט מיך בא קליירעט האט ער מיר דאס געוויזען דורך תורה נביאים כתובים אלע מיינע ווערקע וואס איך האב מיט גרויסער שוועריגקייט ארויסגעגעבען האב איך נאר פֿין דארט געלערנט דאס יעצטיגע בוך באשטייט אויף סטאטיסטיקע נעקראלאגיקע נאר פֿין דיא טויטע וואס זענין געשטארבען אין אינזער אזיעל אין סטאטיסטיקע ביאגראפֿיקע פֿין דיא לעבענדיקע וואס זייא געפֿינען זיך דארט אין דאס אללעס האב איך געלערנט אין דיא היילינע שריפֿטען, אלערלייא פֿרוכטען זענין אין דעם פֿאראדיעס צי קריגען ווען איינער וויל שעהנע פֿריכטע איז דא צי קריגען. פֿאראריצים זויערע עפפעל איז אויך דארט דא דיא שענסטע פירות זענין גע־פֿלאנצט אין דעם גארטען, נאר זייא זענין פֿארדעקט מיט שמע־קעדיגע בלעטיר (דיא תורה איז אלעגאריש געשריעבען).

איך האב געזעהען דאס ספר ציונים לתורה צוזאממען מיט דעם ספר אש דת עס איז מיר אין הארצין איין געגאנגען אזוי ווי א איין פֿרישע פֿיטער אויף איין ווארים לייב זיא האבען ווירקליך פֿין אינטער דיא בלע־טער פֿין דעם עץ החיים ענדעקט דיא כתרי אותיות וואס זייא זענין געלעגען באהאלטען נאך פֿאן רבי עקיבא צייטען אהן ביז יעצט (אחד מעשרת הרוגה מלכות.)

יעצט ביטע איך איין ענפֿער אויף מיינע שאלות וואס מיר איז פֿארגעקימען אין מיינעם לערנין.

## שאלה.

דאס בוך סטאטיסטיקע נעקראלאגיקע איז געבויעט געוואַ־יען אויף דער גמרא ברכות תשע מאות ו״ג מיני מיתה נבראו בעולם קשה שבכולן אסכרה ניחא שבכולן נשיקה (ברכות דף ח עמוד א) נאך

דער ערקלערונג וואס דר. ראבינאוויטש אין דר. ליפפע האבען מיר געגעבען נאך זייער מיינונג אין נאך מיינעם פערשטאנד האב איך שוין דאס גענצליך באארביט אין 2 קאטעגאריען מיט אללע מפרשים פין תורה נביאים כתובים, איינע איז מיתה נשיקה, דיא צווייטע איז מעהרערע מיני מיתית וואס עס געשעהט צווישען אינז מענשין, אין בעפאר איך צייג אן איעדער מענטשין פין אינזער אזיעל מיט וואס פאר איין טויט ער איז געשטארבען שטעל איך פאר איינע קורצע סטאטיסטיקע נעקראלאזשיקע.

פין תורה נביאים כתובים איינגע וואס זענין געשטארבען מיט מיתה נשיקה, אין איינגע וואס זענין געשטארבען מיט אנדערע פארשידענע מיתית אין דיאביידע מיני מיתית פארגלאבען זיך מיט דיא מיני מיתות וואס עס האט זיך געטראפען. דיא אלטע מענטשין פין אינזער אזיעל. דיא זענין געשטארבען מיט מיתה נשיקה נאך דער בעהאנדלונג פין אלע מפרשים

1. אינזער מוטער שרה מיתה פתאומית נאך דעם יעצ־טיגען סטאדיאום הייסט דיא מיתה אפאפלעקסיע דיא גרינגסטע מיתה נשיקה.
2. אברהם ויגוע וימת, ויגוע הוא מיתה קלה בלי מכאוב, (עוצר השרשים).
3. ישמעאל ויגוע.
4. יצחק ויגוע.
5. יעקב ויגוע.
6. מרים הנביאה נשיקה (נאך דיא מפרשים
7. אהרן הכהן נשיקה.
8. משה רבינו נשיקה.
9. יהושע בן נון נשיקה.
10. דוד המלך נשיקה (כמו שפרשתי במחברתי זה בכתב יד).

דיא 10 מענער וואס מיר האבען דא אויסגערעכינט זענין געשטארבען מיט מיתה נשיקה דיא מפרשים באהויפטען אז נאר בא צדיקים שטייט דאסווארט ויגוע וימת באר מים חיים זאגט ויגוע הוא ענין המיתה הנאמר אצל כל הצדיקים (בראשית כ ה פ חיי שרה) דער אוצר השרשים זאגט אז וישכב אין ויגוע האט אינע בעדייטונג ויגוע וימת ויאסף אל עמיו אדער וישכב עם אבותיו איז

איינס פין דיזעלבע בעדייטונג אויף איין גרינגען טויט וואס דיא גמרא ריפט זיא נשיקה

יעצט פרעג איך אשאלה. אזעלכע 2 שטאאטסמעננער וויא יוסף הצדיק אין יהושע בן נון זענין געוועהין. ווארום איז בא זייער מיתה ניט דערמאנט דאס ווארט ויגוע, אויך ניט וישכב נאר גראדע אין סעמפלע וימת יוסף וימת יהושע גלייך וויא בא אללע פראסטע מענטשען בא אברהם יצחק יעקב האבען זייערע קינדער טהייל גענעמין, אין זייער קבירה אזוי וויא אין דער תורה שטייט ויקברו יצהק וישמעאל בניו אין אזוי ווייטער. אין בא יוסף הצדיק האבען מיר געלערינט וירא יוסף לאפרים בני שלשים גם בני מכיר בן מנשה ילדו על ברכי יוסף פארשטייט מען דיך אז ער האט געהאט קינדער אין קינדס קינדער ווארום האבען זיינע קינדער ניט גענעמין קיין טהייל ניט בא ויין טויט אין ניט בא זיין קבירה אין ניט בא זיין באלזאמירען אפילו קיינע רופאים איז אויך ניט דער־מאנט, ויחנטו אתו ויישם בארון במצרים ווער האט זיך מיט אזוי איין גרויסער פערזאן מתעסיק געוועהן ווער האט איהם באלזאמירט ווער האט איהם מלוה געוועהין? דער פסיק איז נאנץ אבגעקירצט אפשר וויל ער האט קיין קבירה ניט נעהאט האט ער קיין לויה אוך ניט געהאט.

אזוי בית איך דען הערין ראבענער זיא זאללען אזוי גיט זיין אין נאכזיכען אין מעהרערע ספרים וויא עס ווערט געהאנדעלט איבער דער מיתה פין דיא צווייא גרויסע צדיקים יוסף בן יעקב אין יהושע בן נון איבערהויפט דיא גמרא מיז בודאי האנדלין איבער אזעלכע פראגען, דיא מיתה פין דוד המלך ווערד פארגעבראכט אין דער גמרא מיט איין אנדער לשון אין פסיק האבען מיר געלערנט וישכב דוד עם אבותיו אין דער גמרא שבת פרק שני דף ל לער־נין מיר איינע גאנצע מעשה אויף וואס פאר איין ארט דוד איז געשטארבען, איפחית דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשו דוד המלך איז ארויס נעגאנגען אין גארטען אריין ער זאלל זעהין ווער עס קלאפט אין דיא ביימער האט זיך דיא טרעפפ ציבראכען אין ער איז נעשטארבען מיט איין שטיללען טויט. דאס ווארט אישתיק ונח נפשו זאלל זיין איינס מיט וישכב, נאך מיינער מיינונג זאלל דאס אויך זיין איינע פין דיא מיני מיתה נשיקה נאר וויא זיא

וועלן דאס אויסגלייכען וועט באַ מיר היילינ זיין אין אזוי וועט דאס געדריקט ווערין

יעטצט קומט דיא צווייטע קאטעגאריע פין מענטשען דיא וואס זענין געשטארבען מיט אלערלייא פערשידענע מיתות אבער ניט אויף מיתה נשיקה ניט אויף מיתה אסכרה אין אויך ניט מיט מיתה נאטוראלע (כדרך כל בני אדם) נאר אזעלעכע מיתות וואס זענין געטראפען געווארען אויף איין פאליטישען וועג.

1. אינזער מוטער רחל (קינדילבעט).
2. נאדב ואביהו (שרפה).

דיעזע זענין אללע פאליטישע מיתות.

3. קורח מיט זיין סעקטע רעוואלוציאנערע
4. עכן בן כרמי
5. פעלדמארשאל סיסרא
6. אבימלך בן ירבעל
7. שאול המלך
8. איש בושת בן שאול
9. אבישלום בן דוד
10. אסא מלך יהודא
11. קעניגין איזבל
12. יהורם מלך ישראל
13. אחזיהו המלך אין זיין מוטער אתליהו
14. יהודע הכהן אין זיין זוהן זכריה הכהן
15. יואש המלך
16. אמציהו המלך
17. עזיהו המלך
18. יושיהו המלך
19. צדקיהו המלך

אין אויב דיא גמרא ברענגט ערגיין איבער איינינע פין דיא 19 נייטען וואס איך האב זייא דא פארגעשטעללט ואלטען זיא אזוי ניט זיין אונד אין איינים מיט דיא תשובות בעהאנדעלן אין אנצייגען איערעס אויף זיין ארט פין וואנין דאס איז גענעמען גע־ווארין אין אזוי וועט דאס געדריקט ווערין בראש הספר אין

איהרען נאמען. דאס מאנוסקריפט זאל געשריעבען ווערין אין ריינעם לשון הקודש.

מוקירך ומכבדך המצפה לתשובתך
**יעקב פסנתר.**

## תשובות החכם גדול בתורה מליץ מפואר כמה"רר מתתיהו שמחה ראבענער בעל המחבר ספר ציונים לתורה, אש דת, זמרת הארץ, ועוד מאמרי מליצה הרבה.

לכבוד התורני המושלם מוה"ר יעקב פסנתר נ"י

נדרשתי, ידידי. לאשר שאלתני, באמרך עם הספר: שלשה המה נפלאו ממני וארבע לא ידעתים. א) הנה המפרשים אמרו, לא נאמרה גויעה אלא בצדיקים, ומדוע באברהם יצחק ויעקב נאמר „ויגוע" ויאסף; אולם ביוסף הצדיק וביהושע בן נון, משרת משה רבינו ע"ה, לא נאמר רק וימת יוסף, וימת יהושע. כמו בשאר אנשים פשוטים ולא כתוב בהם „ויגוע"? (ב) בשלשת האבות היו בניהם מתעסקים בקבורתם, ככתוב בתורה, באברהם: ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו; ביצחק: ויקברו אותו עשו ויעקב בניו וביעקב: וישאו אותו בניו ארצה כנען ויקברו אותו, אולם ביוסף אשר היה לו בנים ובני שלשים, מדוע לא נמצא כתוב כי לקחו חלק במיתתו, בקבורתו או בחניטתו? — (ג) במלכים ב', ב, כתוב וישכב דוד עם אבותיו, ובגמרא שבת ל' מצינו. איפח"ת דרגא מתותיה, אישתיק ונח נפשי'. אם מיתתו זאת נחשבה למיתה נשיקה, כמו וישכב עם אבותיו? גם בקשת ממני להודיעך דעת רז"ל על האנשים אשר מתו לא באסכרה ולא בנשיקה (ברכות ח') אף לא במיתה טבעית כדרך כל הארץ. ד"מ ברחל (קשוי לילד) נדב ואביהו (שרפה) וגם בשאר אנשים אשר מתו במיתות שונות מדיניות (פאליטישע) כמו קרח ועדתו. עכן בן כרמי ועוד כיוצא בהן.

ובכן עתה באתי לאמר לך. שלשה מי יודע? אך את אשר ישים השכל (אשר חננו אלהים) בפי, אותו אשמור לדבר, ואני סלותי

---

א) (עיין ב"ב ט ז.) וז"ל. כל מיתה שיש בה גויעה זו היא מיתתו של צדיקים א"ל אין והא דור המבול? א"ל אין גויעה ואסיפה קאמרינן. וכן מצינו בפעם ראשונה אצל אברהם מלת זקן ביעקב „חולה" (עיין ב"מ פ"ז ובסנהדרין, ק"ז) וז"ל: עד אברהם לא היה זקנה שנאמר ואברהם זקן בא בימים, עד יעקב לא הוה חולשא: שנאמר ויאמר ליוסף הנה אביך חולה.

לי דרך חדש. אשר לא דרכו בו המפרשים אשר קדמוני, בשגם לא ארע נפשי אם תמים דרכי, ואל בינתי אל תשען. שמעני ואתה דע לך.

א) הנה מודעת זאת כי מספר שני חיי אדם עלי תבל ארצה חצצו על פי ה׳ רק ק״כ שנים, כי כן כתוב הזר הוא בתורה (בראשית ו) לא ידון רוחי באדם לעולם, בשגם הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה. ואנחנו מצאנו כי אנשים רבים אחר המבול חיו הרבה יותר מק״כ שנים? אמנם לדעתי כן הוא: בראשית היצירה היה כל אדם בריא אולם בלי חולי ומכאוב עד ק״כ שנים למי חייו, רק מבן ק״כ ולמעלה אפסו הכחות מרוב השנים ושובע הימים, ובטלו הטוחנות וחשכו הרואות בארבות, והגיעו השנים, אשר יאמר אין לי בהם חפץ. וזה נרמז בשרש. „גויעה“ (משורש „יגע“) (לעבענסמידע) ומצינו לשון גויעה רק אצל הצדיקים שלשת האבות „ויגוע וימת ויאסף“ (א). וזאת לדעת כי תיבת „ויגוע“ בלי. „ויאסף“ אחריה, רומזת על מיתה לבד (שטערבען, פערשיידען) כמו; ויגוע כל בשר כל אשר בארץ יגוע, (נח, ו) גם בישמעאל כתוב „ויגוע ויאסף“ (ב). והנה רק בארבעה האנשים האלה כתוב. ויגוע וימת ויאסף (ג). יען וביען אברהם אבינו חי קע״ה (הרי חי נ״ה יותר) ישמעאל בנו קל״ז (הרי חי י״ז יותר). יצחק אבינו ק״פ (הרי חי ס׳ יותר) ויעקב אבינו קי״ה (הרי חי כ״ה שנים יותר מק״כ שנים הקצובים מאת ה׳). ובכן באלה השנים הנותרות החלה אפיסת הכחות *) לכן יאות בהם המלה „ויגוע“; אולם

א) הערה א׳ נדפסה בטעות בדף הקודם עיי״ש

(ב) (שם) אמר ר׳ יוחנן: ישמעאל עשה תשובה בחיי אביו ומדאדבריה ש״מ תשובה עשה בימיו ועיין פי׳ רש״י בתורה על הפסוק ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו. מכאן שעשה ישמעאל תשובה והוליך את יצחק לפניו, והוא שיבה שנאמרה באברהם.

(ג) ורק ביעקב לא נאמר אחר „ויגוע“ המלה „וימת“ ולזה רמזו רז״ל (תענית, ה׳) יעקב אבינו לא מת וגם רש״י פי׳ כן בתורה על הפסוק הזה.

*) הערה. עיין באוצר חכמת מהר״י כהן צדק אשר כתבתי שמה זה ימים כבירים. וזה לשונו בקוצר מלין: הנה כמה דוגמאות נמצאות במקרא, אשר העין הבאה בסוף השורש, מהפכת כוונת המלה מחיוב אל השלילה, ולפעמים אל התחלת השלילה. כמו מלת „גור“ אשר מורה על הוית הדבר וקיומו באיזה מקום. כמו אם לבן גרתי. ובהיפך מורה מלת „גרע“ בעי״ן על שלילת הדבר, כמו כסותה ועונתה לא יגרע, כלומר לא יחסר כי גרע לשון חסרון הויה, אך לפעמים טעם גרע אינו שלילה גמורה, כי אם הפיכת הדבר מבחינת הטוב אל בחינת הרע, כמו ותגרע שיחה לפני אל. שאין ענינו שתיקה ועזיבת הדבור לגמרי, אבל ענינו עזיבת הדבור מבחינת הטוב, כלומר דברי הכבוד והיראת הראוים כלפי מעלה. לדבר עליו סרה — והוא ממש טעם „גוע“ כשמדמין אות ה עם „גו“ ואם הוא מחובר עם מלת וימת מורה על הפיכת מצבו הטוב אל מצבו הרע שהוא החולי. וכן הוא משפט השורש „כן“. „וכנע“ „קב“ (שטעמו מדה המחזקת דבר) ו„קבע“ (שענינו הסרת הדבר כמו, וקבע את קובעיהם נפש.) — „מנה“ (מל וימן ה׳ דג גדול) ו„מנע“ וכיוצא בהם וכן הוא הדין כשהעי״ן היא בתחלת התיבה, כמו „דור“ שהיא דירת קבע ו„עדר“ שהיא שלילת הדבר והסרונו, כמו איש לא נעדר. ועוד רבים כיוצא בהם.

הכותב.

ביוסף וביהושע, אשר כל אחד חי רק מאה ועשר שנים, ועוד לא הגיעו למספר הקצוב ק״ב שנים, לכן לא נאמר במיתתם „ויגוע" וכן בדוד הע״ה אשר חיה רק שבעים שנה ג״כ לא נאמר „ויגוע" רק „וימת בשיבה טובה" (ד״ה א כט) (ד) ובמלכים ב׳ כתוב וישכב דוד עם אבותיו. —

ומצאתי און לי באיש האלהים, זה משה רבנו ע״ה אשר גם במיתתו לא נאמר „ויגוע" רק וימת משה עבד ה׳ (דברים לד) והתורה הקדושה בעצמה כתבה עליו: ומשה בן מאה ועשרים שנה במותו (שם), ר״ל כי הוא האחד ואין שני לו, אשר חיה כמספר הקצוב על פי ה״; לזאת לא יתכן לאמר עליו „ויגוע", יען כי לא אפסו בו כחותיו, כאשר התורה מעידה עליו: לא כהתה עינו ולא נס לחה, (ה) — אמנם באהרן הכהן אחיו אשר היה חי קכ״ג (כחשבון בעל צמח דוד) לא נאמר בו רק וימת אהרן שם (במדבר ט׳) אולם שפיל לסיפא דקרא: ויראו כל העדה כי „גוע" אהרן, וד״ל. — ואם עוד תשאלני: הלא באיוב, אשר היה אחר המעשה עוד ק״מ שנה מדוע לא יאמר בו רק „וימת" ולא „ויגוע ויאסף", הן „הצדיק" אבד, ואין איש שם על לב? על זאת אענך: הבט נא וראה אמרות חכמינו ז״ל: (בבא בתרא, ט״ז, ע״א) אז תדע הסוד. והבן.

ב) מצינו בתורה: וימת יוסף, ויחנטו אותו ויישם בארון במצרים (בראשית נ) לדעתי כי יען יוסף הצדיק, איש אשר רוח אלהים בו נתן צו שלא יבנה על קברו פאר־עמוד (פיראמידע), כאשר יאות למשנה המלך כמוהו, לכן הושם בארון. ולזה רמזה התורה וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ר״ל כי במות מלך אחד ממלכי מצרים, אז נאלצו התושבים לבנות על קבורתו פאר־עמוד, ציון לכבוד ולתפארת ככתוב: ויעבידו מצרים את בני ישראל . בפרך" (שטיינבריכע) מלשון מפרק הרים, (כי אותיות גיכ״ק מתחלפות)

---

(ד) (עיין מועד קטן, כ״ח) ששים היא „מיתה בידי שמים" שבעים „שיבה", שמונים „גבורות".

(ה) ואולי לזה אמרו רז״ל (חולין קל״ט) משה מן התורה מנין? **בשגם** הוא בשר והיו ימיו מאה ועשרים שנה, יען כי רק הוא האחד אשר היה ק״כ שנים, אשר מנו לו מאת הבורא ,תעלה ורק על זאת שאלו רז״ל, מנין מן התורה כי רק משה לבדו הוא האיש, אשר חי כדברי אלהים חיים? שנאמר: בשגם. (גימטריא שמ״ה במספר משה.)

והוא להוציא אבנים גדולות מהררי־אל לעשות פאר־עמודים בשיא גדלם, כנודע ליודעי בינה לעתים.— אי־לזאת חפץ יוסף למות בלי כל יקר־המותה (טארטענקולטום) וימת חרש לבל יודע מותו לכל המצרים ויהי כן.— ובהגיע תור פדות ישראל מתחת סבלות מצרים, אז העלו בני ישראל את עצמות יוסף, כאשר השביע אותם לפני מותו, ויקברוהו בשכם (יהושע, כ״ד).

ג) המעשה בגמרא שבת, בנידון דוד הע״ה, הוא מליצה חידות (אללעגאריע) „רזי לי רזי לי" יאמר נא ישראל, ומשם לא יוכל איש ללמוד הלכה למעשה.— ועל אודות שאלתך הרביעית, אינני כעת בבית עקר הספרים שלי, אך אחת אענך עיין בספר „תולדות אהרן והוספות" (הנדפס בווילנא תרמ״א), משם עיניך תחזינה את כל המראה מקומות מספרים שונים על כל הפסוקים ההם, אשר אתה צריך לדעת אותם.—

אלה דברי ידידך הדורש שלומך וטובתך כל הימים.

## מתתיהו שמחה ראבענער.

פאלטישעני ר״ח אייר „בדבר אמת" לפרט

ידיד יקיר לי!

איך שיקע איהנען היעמיט דיא אנטוואָרט אויף איהרע פראַגען. איך וואר אין ראמאן איינע גערוימע צייט ביא מיינען קינדערן. דארום האבע איך מיט מיינער אנטוואָרט געצעגערט. צייגען זיא גיטיגסט דיעזען העברעאישען אויפזאטץ מיינעם טהייערן פריינדען הרב הגאון וכ״ו מוהר״ר אייזיק שור האבד״ק בוקארעשט והמדינה, אונד וועגן איהם ווירד דיעזע מיינע מיינונג געפאללען, זא קעננען זיא דיעזעס אין איהרעם ווערקע ערשיינען לאססען.

שים שלום להרב הגאון הנ״ל ואמור לו, כי מלאתי את רצונו פעמים, בנידון הנסיעה לארץ הצבי, והלקתי את הערים על יד השמשים בפקידת הרב דפה.

ידידך באמת
הנ״ל

# תשובת הרב הגאון וכ"ו מוהר"ר אייזיק שור האבד"ק בוקארעשט והמדינה.

לכבוד תרבני השלם מ' יעקב פסנתר נ"י!

דבריו ודברי ידידי הרב המופלג החריף החה"ש כ"ו מו"ה מתתי' שמחה ראבענער ראיתי והי' עלה על לבי למנוע עצמי מלהוות דעי בענין זה: כי מעודי לא לבי הלך אחר ענינים שאין להם סוד בהלכה. אולם כי חזקה עלי מצות ידידי הרב הנ"ל להשיב בזה ולא נעלם ממני ברית אהבתינו הבלתי תלוי בדבר כי אם למעלת נפשו ויקרת רוחו אהבת עולם אהבתיו. ולעשות רצונו חפצתי ואמהר תשובתי בזה אולם בקיצור נמרץ כי לא אוכל להתהלך ברחבה כי אנוכי רפה ידים. ואם מעט הוא כבר אמרו רז"ל אחד המרבה.

א) ע"ד שאלתו על מה שאמרו חז"ל במס' ב"ב דף ט"ז כל מיתה שיש בו גויעה זו הוא מיתתן של צדיקים ולמה באברהם יצחק ויעקב נאמר ויגוע ויאסף אולם. ביוסף וביהושע ב"נ לא נאמר רק וימת ולא כתב בהם ויגוע עכ"ד. הנה גם בנח כתוב וימת אף שהאריך ימים הרבה (ובזה נדחה דברי ידידי הרב הנ"ל) וכן בתרח כתיב וימת תרח ותרח עשה תשובה עיין בראשית רבה פרק למ"ד וברש"י פ' לך ובמס' סנהדרין דף ס"ד וברא מזכה אבא ואין להבין למה בישמעאל כתוב ויגוע וימת ויאסף מחמת שעשה תשו' ויש להאריך בזה וצ"ע וכן מצאנו אצל משה כתוב וימת שם משה וכן ואלעזר בן אהרן מת וכן בשמואל. אולם אתמה על ידידי הרב הנ"ל שעיניו משוטטים בכל למה לא ראה דברי הש"ס במס' ע"ז דף כ"ה ע"א מאי ספר הישר אר"ח ב"א אר"י זה ספר אברהם יצחק ויעקב שנקראו ישרים שנאמר תמות נפשי מות ישרים ופרש"י שם בלעם מבקש ע"ע שימות מיתה של גויעה כמותן ועיין במוהרש"א שם בח"א.

ומ"ש הרב הנ"ל ויגוע בלי וימת רומזת על מיתה לבד והבי"א ראי' מדור המבול שכ' ויגוע. אחר המחילה נעלם ממנו דברי התוס' מס' תענית דף ה' ע"ב יעקב אבינו לא מת וכן משמע דכתיב ויגוע ולא כתוב וימת. גם לפי"ד למה כתוב אח"כ כל אשר נשמת חיים כו' וימת כו' אולם לפענ"ד יש לפרש משום

דנודע כי גויעה היא אפיסת כח והמיתה הוא פירוד הנפש מהגוף והאסף אל עמיו הוא שוב הנפש למחיצת צדיקים ממקום שנלקח ונהנה מזיו השכינה וא"כ זה כוונת הפסוק ויגוע כל בשר היינו שאפס כחם מחמת גודל הפחד ואח"כ כל אשר נשמת חיים כו' מתו פירוד הנפשות והבן ומוטב הי' להרב הנ"ל להביא הפסוק ביהושע כ"ב והוא איש אחד לא גוע בעונו.

ומ"ש הרב הנ"ל וכ"מ בפעם ראשונה אצל אברהם מלת זקן כי' שנאמר ואברהם זקן בא בימים. אתמה מאד על ידידי הרב הנ"ל הלא מקודם עם מ' שנה נכתב אצל אברהם ואדוני זקן דהיינו במשמעו וזקן בא בימים היינו זקן ויושב בישיבה ע' במס' יומא דף כ"ח ע"ב. גם ידוע דוקנה מאברהם היינו ליבון שער ע' במוהרש"א בח"א במס' ב"מ.

ועיין במדרש רבה בראשית פ' ס"ב ר"י אמר כל מי שנאמר בו גויעה מת בחולי מעים ובידי משה שם כ' דהיינו שישכב בחולי מעים עשרה או עשרים יום ובדריב"א שדרך חולי מעים שאינם מתים פתאום אלא שוכבים על מטתם בחליים ונופל בם לשון גויעה שנגועו כל יום ויום מעט עד תומם אבל שאר חולי שמת בפ"א ל"ש לשון גויעה אלא מיתה ובזה י"ל הרבה ואכ"מ ועיין במס' כתובות דק"ג ע"ב

ב) ומ"ש למה באבות לקחו בניהם חלק בקבורתם וביוסף שהי' לו בנים ובני שלשים לא לקחו חלק בקבורתו או בחניטתו עכ"ד. אתמה מאד על הרב הנ"ל שלא ראו עיניו במ"ר במקומו וימת יוסף כו' ר"פ אמר שבטים חנטו אותו הה"ד ויחנטו אותו ויישם בארון במצרים ומי הן ואלה שמות בנ"י. ומה שלא עסקו בו בני יוסף משום דהניחו לו כבודו בגדולים עיין במס' סוטה די"ג גם ידוע דברי רז"ל שם היכן יוסף קבור א"ל ארון של מתכת עשו לו מצרים וקבעוהו בנילוס הנהר כדי שיתברכו מימיו כו' ר"נ אמר בקברניט של מלכים הי' קבור וא"כ ניחא שפיר שלא לקחו בניו חלק כי לא הי' אפשר בידם.

(ג) ומ"ש בדוד שמצינו במס' שבת דף למ"ד איפחת הרגא מתותיה אשתיק ונח נפשי'. אם מיתתו זאת נחשב למיתת נשיקה עכ"ד הנה כבר ידוע דברי רז"ל במס' מ"ק דף כ"ח ע"א ת"ר מת פתאום (היינו שלא חלה) זו היא מיתה חטופה ומצינו שם ר"ה

נח נפשי׳ פתאום הוו קא דייני רבנן תנא להו זוגא דמהדייב ל״ש אלא שלא הגיע לגבורות אבל הגיע לגבורות זו היא מיתת נשיקה וכן רב חסדא ורב אשי עיי״ש ולשון נח נפשי׳ מלשון ינוחו על משכבותם וע׳ מס׳ כתובות דף ק״ד ההוא יומא דנח נפשי׳ דרבי וכן בכ״מ.

ומ״ש דמרים מיתה בנשיקה כפי דעת המפורשים. אתמה הלא הוא גמרא מפורשת במס׳ מועד קטן דכ״ח ע״א ובמס׳ ב״ב דף י״ז ע״א והנה בשם איתא רק ששה שמתו בנשיקה אברהם יצחק יעקב משה אהרן מרים ולפי מש״ל גם שרה מתה בנשיקה וכן דוד. ומיתה אסכרה זו מיתה רעה עיין במס׳ יבמות דס״ב ע״ב בגמ׳ אמרו שנים עשר אלף זוגים תלמידים הי׳ לו לר״ע כו׳ וכולן מתו בפרק אחד כו׳ אר״ח ב״א כו׳ כולם מתו מיתה רעה מאי הוא אר״נ זו מיתה אסכרא ויש להאריך בזה אולם עת לקצר והנני הדו״ש

יצחק אייזיק שור אבד״ק בוקארעשט.

דיא תשובה געהער צו דער זעלבער שאלה וואס איך האב געפרעגט דעם העררן ראבענער.

## תשובת הרב המאור הגדול החריף ובקי בחדרי תורה כש״ת מוהר״ר אבנר כתבן נ״י אבד״ק רימניק סאראט והגליל.

שו״ת ד׳ סיון תרמ״ט רימניק סאראט

ידידי הישיש המשכיל ודורש קדמוניות הר׳ יעקב פסנתר הי״ו בבוקארעשט.

מכתבך הגיעני בעתו. ובו ביום רשמתי בו הערות אשר עלו ברעיוני בעת עיינתי במכתבך. אבל אח״ז נעלם מכתבך מעיני לאשר התערב בתוך הרבה מכתבים שהגיעוני אז. ולא ראיתיו עד היום בהשיני מכתבך השני נתתי הדבר אל לבי ובקשתי ומצאתי. וזאת תשובתי ע״ד שאלתך מדוע נאמר וימת יוסף וכן וימת יהושע ולא נאמר בהם שכיבה או גויעה כמו שנאמר בצדיקים אחרים? דע כי במס׳ ב״ב דף קט״ז עמוד א׳ מסר לנו התלמוד בבלי כלל

גדול. והוא מי שהניח בן כמותו נאמר בו וישכב או ויגוע ומי שלא הניח בן כמותו נאמר בו וימת. וכלל זה נלמד ממקרא מפורש ע״ש. ועתה אחרי כי ידוע לנו אשר יוסף לא הניח בן כמותו, וגם יהושע בן נון לא היו לו בנים כלל רק בנות כדאיתא במס׳ מגילה דף ג׳ ע״ב לכן נאמר בכל אחד מהם וימת ולא וישכב.

ואשר שאלת מדוע לא נאמר ביוסף מי המה אשר חנטו אותו? גם לא נאמר כי בניו קברוהו. כמו שנאמר באברהם יצחק ויעקב? שאלה זו כבר נשאלה בראשית רבה פרשה ק׳ וז״ל ויחנטו אותו מי חנטו. ר׳ יהודה אומר רופאים חנטוהו, ור׳ פינחס אומר שבטים חנטוהו. שנאמר ויחנטו אותו ויישם בארון במצרים (ומי הן) ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה עכ״ל המדר״ש. ולי נראה לפרש לדעת ר׳ יהודה ויחנטו אותו ויישם בארון (ע׳ מי ?) במצרים.

וע״ד שאלתו מדוע לא נאמר ביוסף כי בניו קברוהו? תשובתי כי קבורה לא נקראה רק בנקבר במקום מנוחת עולמים „די ערוויגע רוהע.״ כדמוכח במס׳ ב״מ דף פ״ד ע״ב. והנה יוסף נטמן ארונו במצרים רק עד עת צאת ישראל ממצרים. שאז יעלו עצמותיו אתם כאשר השביעם ויקברוהו בשכם במקום אשר משם נלקח למצרים. והנה המצרים ידעו את השבועה אשר השביע יוסף את בני ישראל שבצאתם ממצרים יקחו ארונו אתם. לכן השקיעו את ארונו של יוסף בנהר נילוס. ובלי תפונה נזהרו לבל ידעו ב״י את המקום. וחשבו כי עי״ז לא יוכלו בני ישראל לצאת ממצרים אם לא ימצאו את הארון כמבואר בילקוט.(ובמד״ר פ׳ ברכה פ״א כתוב ענין זה באריכות יותר) ובש״ס מס׳ סוטה דף י״ג ע״א אמרו כי גם משה רבנו לא ידע היכן יוסף קבור עד כי אמרה לו סרח בת אשר. כי המצרים עשו לו ארון של מתכת וקבעוהו בנהר נילוס הלך משה ועמד על שפת ואמר יוסף יוסף! הגיעה העת שנשבע הקב״ה שאני גואל אתכם, והגיעה השבועה שהשבעת את ישראל, אם אתה מראה עצמך מוטב. ואם לאו הרי אנו מנוקין משבועתך. (ובמדרש תנחומא נאמר כי משה כתב ג״כ קמיע על חרס וזרקו לנילוס) מיד צף ארונו של יוסף ונטלו משה. וע״ז נאמר שם בגמרא כי בשכר שקבר יוסף אביו זכה לכבוד הזה שנתעסק עמו משה רבן של כל ישראל כמ״ש ויקח משה את עצמות יוסף עמו

וגם בעת שקברוהו בשכם זבה וקברו אותו כ ל י ש ר א ל. ולא רק בניו. כי אמרו כאשר כבודו בגדולים (משה רבינו) יותר מבקטנים (בניו) כן כבודו להקבר במרובין (כל ישראל). יותר מבמועטין (בניו).

וע״ד אשר לא נאמר שכיבה ביהושע בן נון כבר הור׳תי למעלה לאשר לא נשארו בנים אחריו. ואשר אצלו לא נאמר הספד ובכיה כמו שנאמר במשה? אמת הדבר כי לא הספידוהו ב״י כי לא אהבו אותו העם כאשר אהבו את משה. כמו שנאמר בילקוט פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה. זקנים שבדור אמרו אוי לאותו בושה ובלימה. וכן התרעמו עליו לאשר נשתכחו ממנו הרבה הלכות בימי אבלו של משה. כדאיתא במס׳ תמורה דף ט״ז וכאשר באו לפניו לדרוש מאתו הדין לא ידע מה להשיבם. וזה הי׳ ענשו לאשר משה אמר לו קודם פטירתו שאל ממני כל הספקות שיש לך והשיבו יהושע הלא כתבת בתורה שלא משתי מתוך האהל וא״כ מה תדע את אשר לא אדע. ואז נחלש דעתו של משה ועי״ז נשתכחו ממנו כל ההלכות הנ״ל. וכאשר בא אח״כ ובקש מהקב״ה שיורה לו הדינים שנתעלמו ממנו השיבו פ״א נתתי תורה ולא שתי פעמים. א״ל א״כ מה אעשה נגד העם? לך וטורדן במלחמה השיבו הקב״ה. והנה העם לא מרו את פיו אבל בלבם לא יכלו לאהבו כמשה. וכן יהושע נתעצל בכבישת הארץ ולא כבש רק עבור ב׳ שבטים וחצי. לכן התעצלו גם הם בהספידו. ואמנם הקב״ה כעס עליהם על מה שלא הספידוהו עד שבקש להפוך את ההר געש עליהם כמבואר במס׳ שבת דף ק״ה ע״ב.

ועתה הנני להשיב על כלל דבריך שכתבת שמיתה פתאומית הנקראת אפאפלעקסיע היא מיתת נשיקה. וכן על הפרט שפרטת עשרה אנשים שמתו מיתת נשיקה. — ע״ז אשאלך ראשית. אם מיתה כמו שמתה שרה נקראה נשיקה. מיתה המיוחסת רק לצדיקים הלא הננו רואים כמה רשעים שמתו ע״ז האופן. וכן קללת המון עם לאמר, „עס זאל איהם איין שלאג טרעפען „ האם יקללו את שונאיהם שימותו במיתת צדיקים מיתת נשיקה.?— גם איך יתכן לפי הכלל שלך לומר על יעקב אבינו שמת בנשיקה הלא הוא היה חולי לפני מותו כמ״ש הנה אביך חולה וציוה את בניו וברך אותם?

גם מאין תדע לומר אשר יהושע בן נון מת בנשיקה? גם בדבר דוד המלך לא קלעת אל האמת כי בשום אופן לא נוכל לומר שמת בנשיקה כי נשיקה פירש הש״ס מיתה שלא ע״י מלאך המות (ואל תבקש בזה לומר כדרך המתחכמים כי אינו נראה בעניך פי׳ הש״ס על מלת נשיקה ואבחר לך באור אחר אבל עליך לדעת כי השם הזה מיתת נשיקה המציא רק התלמוד ולכן אין לך בזה רק כפי מה שפירשו הם. וד״ל. — ודוד המלך מת ע״י מלאך המות כדאיתא במס׳ שבת דף למד. וכמס׳ ב״ב דף י״ז ע״א כמעט מבואר בפירוש אשר דוד לא מת במיתת נשיקה. —

לכן הנני לבאר בזה כל שמות מיתה הנאמרים בש״ס. ואלה הם:

גויעה ואסיפה נאמר רק על הצדיקים ועל החסידים במבואר במס׳ ב״ב דף ט״ז ע״ב. וכמו שאומרים בלשוננו על אדם חשוב (הינגעשידען) שכיבה נאמר רק על מי שמניח בן כמותו במ״ש במס׳ ב״ב דף קט״ז ע״א.

ובמס׳ מועד קטן דף כ״א ע״א נאמר בזה״ל: מת פתאום זהו מיתה חטופה, חלה יום אחד ומת, זהו מיתה דחופה או מגפה. שני ימים ומת, זהו מיתה דחויה. ג׳ גערה, ארבעה נזיפה. חמשה זהו מיתת כל אדם. ומסיים הש״ס דכ״ז נאמר רק על מי שלא הגיע לגבורות (שמונים שנה) אבל במי שהגיע לגבורות יכולה היות מיתה פתאומית ג״כ מיתת נשיקה. (דוד המלך הי׳ רק בן שבעים.) וענין מיתת נשיקה פי׳ הש״ס במס׳ ב״ב י״ז ע״א כי הוא שלא ע״י מלאך המות אלא אמצעית השכינה וחשב שם כי רק ששה מתו בנשיקה ואלו הן אברהם יצחק ויעקב משה אהרן ומרים ו ל א י ו ת ר ולמד כ״ז מקרא.

וענין הנשיקה חלילה לנו לחשוב דבר הגשמה להקב״ה כי ח״ו נשק לאיש או אשה וע״ז מתו חלילה לנו מחטוא במחשבה רעה כזאת רק בלשון התלמוד נקרא נשיקה נגיעה או קרבת דבר לדבר כמו בדין חלה. ב׳ חלות נושקות זא״ז. וכמו מטהרין את המים בהשקה בסדר טהרות. *) וכן פי׳ בספר אור החיים על הפסוק בקרבתם לפני ה׳ וימותו וז״ל שנתקרבו לפני אור עליון בחיבת הקודש ובזה מתו והיא סוד הנשיקה. עכ״ל. וכמו שפירש הגאון

*) וכן: תא ואחוי לך איכא דשמיא וארעא נשקו להדר. (הערת בן הכותב).

וכ"ו הרב ר' מאיר ליבוש מלבים בספרו שירי הנפש כל סדר שיר השירים על זה האופן עי"ש ותמצא נחת. והענין הוא כי הנשמה היא נאצלת חלק אלוה ממעל ושכינה נקראת ע"ש הפסוק אני ה' השוכן אתם. וידוע כי החלק הוא שואף תמיד להתחבר אל הכלל כמו אם תקרב אבוקה בשלהבתה אל נר דולק מיד יכבה הנר כי השלהבת הקטן של הנר תקפוץ תיכף אל העיקר ה"ה שלהבת האבוקה. כן הוא בדבר הזה כאשר יפקח ה' עין השכל של הצדיק וישפיע אור שכינת כבודו יתברך עליו ביתר שאת אזי יעזוב חלק אלוה אשר בקרב האדם (ה"ה הנשמה) את משכנו בגויה עלי ארמות ויתדבק עם השכינה כמו שלהבת העוזבת את הנר ומתדבקת בשלהבת האבוקה. ומיתה כזאת קרויה נשיקה. והיא באמת שלא ע"י מלאך המות. אבל אין ליחס מיתת נשיקה למי שמת ע"י שמועה רעה או שמועה טובה כמו שרה אמו או למי שנפל מהגג ומת, כמו דוד. כי נשיקה נאמר רק על המסתכל בחכמה ובקדושה עד כי יאבד כל רגש גשמי ותדבק נפשו בהשכינה וזהו רק ע"י הכנה והתפשטות הגשמי. ונשיקה כזאת ה"י רק באלה הששה היינו אברהם יצחק יעקב משה אהרן ומרים כמ"ש בע"ס ואלה התשעה עשר שמונה כבודו לא הספיק לי הזמן לשום עיון עליהם אבל זאת אזכור היטב כי עוזיהו המלך מת כדרך כל אדם. וגם צדקיהו המלך אשר הלך בגולה אבל מת כדרך כל אדם. ואי"ה לאחר יום טוב אשים עין בקורת על כל אלה ג"ב והנני

ידידו דו"ש **אבנר כתבן** אבד"ק רימניק סאראט והגליל.

---

דא האבען מיר געענדעט אינזערע שאלות מיט דיא תשובות נאך איינגע שאלות וואס זענין מיר איבערגעבליעבען וועלין מיר וויא אי"ה שטעלין אין צווייטען טייל סוף ספר סטאטיסטיקע ביאגראפיקע.

דיא לעטצטע שאלה וואס מיר האבען דא אויבען גירעדט פין מיתת דוד המלך שטעל איך פאר דיא חכמי הדור איבערהויפט מיינע ליעבע לעריר וואס זייא האבען מיט מיר תלמוד געלערנט זיא זאלטען אללע בא איין עצה זיין אין נאך קלערין דיא לעטצטען ווערטיר פין דער גמרא וואס זיא שליעסט דיא געשיכטע פין

מיתת דוד המלך וועלן זיא זעהין אז דוד איז געשטארבען במיתה נשיקה ולא ע"י מלאך המות:

איפחית דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשו

זאגט קלאר ארויס:

## מיתת דו"ד נשיקה

אייב עס מעגליך איז זאלל מען מיינע אידעען בעקרעפטיגען דאס דוד מלך .ישראל מת במיתה נשיקה. אין יהושע בן נון משרת משה רבינו זאל אויך אנגעשלאססען ווערין אינטער דיא וואס זייער טויט ווערט גערעכינט במיתה נשיסה.

## נעקראלאגיע פין תורה נביאים כתובים על מיתות האנשים אשר מתי במיתות שונות.

דא שטעללען מיר פאר איינע סטאטיסטיקע "נעקראלאגיקע וואס אינזערע אלטע געשיכטע האט געשריעבען איבער דיא הויך געבילדעטע מעננער נאך מיט טויזנטער, יאהרען צוריק, אין וואס פאר איין ראללע זייא האבען געשפיעלט בא זייער לעבען אין דער דאמאלינער פאליטישער וועלט. דיא תורה האט אינז פארגעשריעבען זייער לעבענסבעשרייבונג אונד זייערע טויטענפעללע. מיט וואס פאר איין מיני טויט איעדער איז געשטארבען. יעטצט זאל דאס ערסטע הייסען ביאגראפיע, אין דאס צווייטע נעקראלאגיע אין דארום האב איך פאר רעכט געפינען איך זאל צים ערסטען שטעללען איינע קורצע סטאטיסטיקע נעקראלאגיקע פאן דיא אלטע צייטען אונד דאן פין דיא יעצטיגע צייטען.

1. אינזער מוטער רחל איז געשטארבען אין קינדלבעט מיתה על פי מקרה.

פאליטישע מיתות.

2. נדב ואביהו
3. קרח מיט זיין סעקטע
4. עכן בן ברמי
5. פעלד-מארשאל סיסרא
6. אבימלך בן ירבעל
7. שאול המלך
8. איש בושת בן שאול
9. אבישלום בן דוד

10. אסא מלך יהודה
11. קעניגין איזבל
12. יהורם מלך ישראל
13. אחזיהו המלך אין זיין מוטער אתליהו
14. יהודע הכהן אין זיין זיהן זכריה הכהן
15. יואש המלך
16. אמציהו המלך בן יואש מלך יהודה
17. עזיהו המלך
18. יושיהו המלך
19. צדקיהו המלך.

אינזער מוטער רחל איז געשטארבען מיט זייער איין שווערין טויט פון אקינד האבען, אין אין מיטען וועג ניט אין קיין שטאט אין ניט אין קיין דארף. דיא תורה דערצייעלט אזוי: ותקש בלדתה ויהי בהקשתה בלדתה ותאמר לה המילדת אל תיראי כי גם זה לך בן ויהי בצאת נפשה כי מיתה ותקרא שמו בן אוני ואביו קרא לו בנימין ותמת רחל ותקבר בדרך אפרתה היא בית לחם ויצב יעקב מצבה על קברתה הוא מצבת קברת רחל עד היום:

אויף דעם וועג צווישען בית אל אין אפרת איין תחום שבת פון אפרת איז רחל אין קינדיל בעט געקימען אין זיא האט זייער שווער דאס קינד געווינען האט דיא העבאממע זיא געטרייסט אין איהר געזאגט דיא בשורה אז דאס איז אויך איהר זיהן אין איידער דיא נשמה איז איהר אויסגעגאנגען האט זיא איהם געריפען בן אוני אין יעקב האט איהם געריעפען בנימין אין דארט אויף דעם וועג איז זיא געשטארבען אין יעקב האט איהר דארט געשטעללט איין מצבה צום אנדענקען. זיא איז געשטארבען מיט איין שווערין ביטערן טויט אין ניט מיט מיתה נשיקה (בראשית ל״ה פ וישלח)

נדב ואביהו זענין פארברענט געווארין אין פייער אזוי וויא דיא תורה זאגט: ויקחו בני אהרן נדב ואביהו איש מחתתו ויתנו בהן אש וישימו עליה קטורת ויקריבו לפני ה אש זרה אשר לא צוה אתם ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל אותם וימתו לפני ה׳, זייא האבען גענעמען זייערע פייערפאנין אין האבען ארויף געלייגט רייכער-ווערק אין האבען ארויף געלעגט פרעמדעס פייער וואס גאט האט

זייא ניט געהייסען. דאמאלס איז ארויס איין פייער פון גאט און האט זייא פארברענט, און מיט אזוי איין טויט זענען זייא געשטארבען פאר גאט (ויקרא פ' שמיני).

## נעקראלאג פון קרח מיט זיין סעקטע.

מיט וואס פאר איין מיתה דער רעוואלוציאנער קרח איז געשטארבען וויסט דיא גאנצע וועלט דיא תורה דערציילט אונז איין גאנצען נעקראלאג וויא אזוי דיא קריעג האט זיך אנגעפאנגען און ביז צו דער ענדע מיר דארפען ניט דערפון אזוי פיעל שרייבען עס איז שוין איעדען בעקאנט דיא געשיכטע נאר דיא לעצטען פאר ווערטער ווערען מיר בעניצען צו דער זאכע.

ויהי ככלתו לדבר את כל הדברים האלה ותבקע האדמה אשר תחתיהם ותפתח הארץ את פיה ותבלע אתם ואת בתיהם ואת כל האדם אשר לקרח ואת כל הרכוש וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה ותכס עליהם הארץ ויאבדו מתוך הקהל וויא משה האט אויפגעהערט צו רעדען איז דיא ערד געשפאלטען געווארען אונטער זייא און זייא זענען איינגעשלינגען געווארען קרח מיט זיין גאנצער סעקטע מיט ווייב און קינדער מיט דיא הייזער מיט זייער גאנץ עשירות זענען פערזונקען לעבענדיג און דער טיעפע דער ערדע און דיא ערד איז צו געדעקט געווארען איבער זייא און זייא זענען פארלוירען געווארין פון דער לעבענדיקער וועלט.

## נעקראלאג פון עכן בן כרמי מיט זיין גאנצער פאמיליע.

זייא זענען פאר משפט געווארין סקולי און שרפה און זייא זענען מיט אזוי איין פירכטערליכען טויט געשטארבען. זיין משפט געהט אזוי אויף דער ארט: ויאמר יהושע אל עכן בני שים נא כבוד לה' אלהי ישראל ותן לו תודה והגד נא לי מה עשית אל תכחד ממני און יהושע זאגט צו עכן: מיין קינד זייא מודה פון גאטים כבוד וועגין און זאג מיר וואס דיא האסט געטאהן, דיא זאלסט פאר מיר ניט לייקענין האט עכן געזאגט צו יהושע. — יאה איך בין שולדיג פאר גאט איך האב איבער געטרעטין דעם חרם אונטער דעם רויב האב איך געזעהין איין מלכות קלייד פון כבל

אין 2 הינדערט זילבער שקלים אונד איינע גאלדענע שטאנגע אין דער וואג פון פינפציג שקלים, האב איך דערצי געגליסט אין איך האב דאס באהאלטען אין דער ערדע אונטער מיין געצעלט אזוי האט יהושע געשיקט אין מען האט דאס ריכטיג געבראכט אזוי האט מען דעם עכן בן כרמי מיט זיין גאנץ כני בית אויך מיט דיא בהמות אין אויך דיא גניבה אין מען האט זייא פערווארפען מיט שטיינער אין דער נאך פארברענט מיט פייער: (יהושע ז) דיא זענין געשטארבען מ"ט אזוי איין פירכטערליכער מיתה.

## נעקראלאג פון דעם פעלדמארשאלל סיסרא, מיט וואס פאר איין טויט ער איז געשטארבען.

וסיסרא נס ברגליו אל אהל יעל אשת חבר הקיני ותצא לקרת סיסרא ותאמר אליו עירה אדוני סורה אלי אל תירא ויסר אליה האהלה ותכסהו בשמיכה. אין סיסרא איז אנטלאפען צי פיס פון זיין מיליטער אין דעם געצעלט פון יעל אשת חבר הקיני איז זיא איהם אקעגין געגאנגען אין האט איהם אריין גענעמין אין האט איהם צוגעדעקט מיט איין רויכיקען מאנטעל, ער האט בא איהר וואסער געבעטען האט זיא איהם מילך געגעבען אין אז ער איז גיט אנשלאפען געווארען האט זיא גענעמין אנאגעל אין האט איהם אריין געשלאגען אין זיינע שלעפע דאריך אין דאריך ביז צי דער ערדע אין מיט אזוי איין טויט איז דער פעלדמארשאלל סיסרא געשטאר־בען (שופטים ד).

## נעקראלאג פון אבימלך בן ירבעל.

אבימלך האט באלאגערט דיא שטאט תבץ אין האט זיא איינגענעמין, האבען דיא שטאטלייטע זיך באהאלטען אין איין טורם איז ער צוגעגאנגען צי דעם טארם פייער געבען, האט איינע פרוי אויף איהם געווארפען איין שטיק מיהלשטיין אין האט איהם זיין קאפ צי בראכען האט ער געזאגט צי זיין געוועהר טרעגער ער זאל דיא שווערט אין איהם אריין שטעכען, מען זאל גיט זאגען אז איין פרוי האט איהם געהארגיט (שופטים סוף קפיטיל 9) מיט אזוי איין טויט איז דער אבימלך געשטארבען.

## נעקראלאג איבער שאול המלך זיין טויט.

ופלשתים נלחמים בישראל (שמואל א ל א)

אין דיא פלשתים האבען געפיהרט איינע פירכטערליכע מלחמה מיט ישראל, אז דיא יודען זענין נעצווינגען געוועהין צי אנטלויפען פאר דיא פלשתים ווייל פין דיא יודען זענין זייער אסאך געפאללען אויף דעם בארג גלבוע אין דיא פלשתים זענין נאכגעלאפען שאול המלך אין האבען איהם געטראפען מיט זיינע 3 זיהן וויא שאול האט געזעהין אז זיינע 3 זיהן זענין טויט, אין דיא מלחמה איז אויף איהם שווער. האט ער מורא געהאט טאמער פאלט ער אין זייערע הענד אריין לעבענדיג וועלין זייא פין איהם שפעטין תאט ער געזאגט צי זיין געוועהר טרעגער: צי ארויס דיין שווערט אין שטעך אין מיר אריין, איך זאל ניט פאללען לעבענדיג אין זייערע הענד אריין האט דער געוועהר טרעגער מורא געהאט דאס צי טהין, האט שאול גענעמין זיין שווערד אין איז אויף איהר גע־פאללען אין געהארגיט געווארין. וויא דער געוועהרטרעגער האט דאס געזעהען איז ער אויך געפאללען אויף זיין שווערד אין איז אויך געהארגיט געווארין. אין דעמזעלבען טאג איז געשטארבען שאול המלך מיט זיינע 3 זיהן אין מיט זיין גאנצער לייבגארדע. אויף דעם אנדערן טאג זענין געקימען דיא פלשתים אפ ציהען דיא הרוגים האבען זייא געפינען שאול המלך מיט זיינע דרייא זיהן טויט אויף דעם בארג גלבוע האבען זייא אבגעשניטען שאולין דעם קאפף אין אויך דיא געוועהרע אין האבען דאס ארים געשיקט אויף זייער גאנצען לאנד זיך צי בארימען מיט דער מלחמה, אין שאולס קער־פער מיט זיינע דרייא זיהן האבען זייא אוועק געפיהרט אהיים דיא אללע כלים מיט דיא געוועהרע האבען זייא אנידער געלייגט צום אנדענקען אין דעם געצין בילדהויז אשתרות אין דיא פיער קער־פער האבען זייא אויפגעהאנגען אויף דער מויער בית שן.

וויא דיא איינוואהנער פין יבש גלעד האבען גיהערט וואס דיא פלשתים האבען געטאהן זענין זייא גאנאנגען באנאכט אין האבען דיא פיער קערפער אראב גענעמען אין האבען זיי געבראכט קיין יביש אין דארט האט מען דיא קערפער גערייניגט פין דעם שמוץ אין מען האט פארברענט דיא בגדים וואס

דיא קערפער זענין געוועהין איינגעוויקעלט (*) אין דיא ביינער האבען זייא באגראבען אינטער איין בוים דארט אין יבשה אין זייא האבען געקלאגט אין געפאסט 7 טאג נאך דיא הרוגים.

## נעקראלאג פין איש בושת שאול המלך זיהן.

דער מלך איש בושת האט געקעניגט צווייא יאהר אין זיינע צוויי גענערעלע רכב אין בענה זענין אריינגעגאנגען אין זיין שלאפ־צימער ווען ער האט געשלאפען אין האבען איהם אבגעשניטען דעם קאפף אין האבען איהם אוועק געפיהרט צ'א דוד המלך. (שמואל ב ד) דער איז מיט אזוי איין טויט געשטארבען.

## געקראלאגיע איבער דעם טויט פין אבישלום בן דוד.

דער מענטש איז אויף אזוי איין ארט געשטארבען אין אזוי פאנגט אן זיין נעקראלאג.

ויקרא אבשלום לפני עבדי דוד ואבשלום רוכב על הפרד ויבא הפרד תחת שובך האלה הגדולה ויחזק ראשו באלה ויתן בין השמים ובין הארץ והפרד אשר תחתיו עבר. אין דיא קנעכט פין דוד המלך האבען געטראפען אבשלום רייטען אויף איין מויל אייזעל אזוי איז אבשלום פאר זייא אנטלאפען דארוך דעם וואלד אפרים אין דאס מוילטהיר איז געקימען אינטער דיא צווייגען פין איין גרויסען אייכענבוים. דא איז ער ערגריפען ווארדען בא דיא האר פין זיין קאפף אן דיא צווייגען פאן דעם אייכענבוים אין דאס מויעלטהיר איז אוועק געלאפען איז ער געבליעבען הענגען בא דיא האר צווישען הימעל אין צווישען דער ערד אין דער לופט אין איין מאנן פין דוד פארטייא האט דאס געזעהין האט ער דאס געמעלדעט זיין הויפטמאנן יואב בן צריה האט ער אליין גענעמען דרייא שפיסען אין האט זייא אריין געשטאבען אין זיין הארצען דאריך אין ער האט נאך געלעבט אין געהאנגען אויף דער אייכע אזוי זענין ציגעשפרינגען צעהין קנעכטע, וואבס וואפענ־טרעגער אין האבען איהם נעהארגיט אין האבען איהם אריין גע־ווארפען אין איין גראסען גריב וואס עס איז געוועהין אין דעם וואלד אין האבען אויף איהם ארויף געווארפען איין גרויסען הויפען שטיינער

(*) וישרפו אותם שם (שמואל א סוף ל"א) זאל הייסען איין מין באלזאמירען אזוי וויא מען פלעג אין יענע צייטען באלזאמירען דיא מלכים עיין שם רש"י.

מיט אזוי איין מין טויט איז אבשלום בן דוד געשטארבען. חאטש דוד האט אהן געזאגט אללע דרייא גענערעלע אין הויפטלייטע דיא וואס זענין געגאנגען אין דער מלחמה אריין אקעגין אבשלום אז מען זאלל איהם ניט אהן ריהרען האט יואב בן צריה ניט געפאלגט דעם באפעהל פין דוד המלך.

## נעקראלאג פין אסא מלך יהודה.

אויף זיין עלטער איז ער קראנק געווארין איף זיינע פיס רק לעת זקנתו חלה את רגליו וישכב אסא עם אבותיו ויקבר עם אבותיו בעיר דוד אביו (מלכים א ט"ו) דער איז געשטארבען פין איין געשווילעכין פין דיא פיס. ביז צים קאפף ויחלא אסא בשנת שלשים ותשע למלכותו ברגליו עד למעלה חליו וגם בחליו לא דרש את ה׳ כי ברופאים (דברי הימים ב ט ז).

## נעקראלאג פין דער קעניגען איזבל דיא הונד האבען זיא אויף געגעסין

ויבא יהוא יזרעאלה ואיזבל שמעה ותשם בפוך עיניה ותיטב את ראשה ותשקף בעד החלון ויהוא בא בשער ותאמר השלום. זמרי הורג ארניו. וויא דיא מלכה איזבל האט געהערט אז דער מלך יהוא געהט קיין יזרעאלה האט זיא זיך שעהן פארצירט איהר קאפף אין ארים געמאלט ארים דיא אויגען אין האט זיך אנידער געשטעלט ארויס קיקען דאריכען פענסטער וויא דער מלך יהוא איז ציגעקימען צום פענסטער זאגט דיא קעניגען איזבל: ווילסטי שלום מיט מיר מאכען דען; דאס וואס דיא האסט געהארגיט דיין הערר איז קיין חידוש ניט זימרי הרג אדוניו דענן זימרי האט אויך געהארגיט זיין הערר אלה בן בעשא. האט ער אויפגעהויבען זיין פנים צי דעם פענסטער מי אתי מי ווער איז צווישען איך מיט מיר. צי היילפען מיר. וישקיפו שנים שלשה סריסים האבען אראפ געקיקט צי איהם צווייא דרייא באדיענער. ויאמר שמטוה האט דער מלך געזאגט ווארפט זיא אראפ צי דער ערד וישמטוה האבען זיא דיא באדיענטע אראפ געווארפען ויז מדמה אל הקיר ואל הסוסים אין עס האט געשפריצט דאס בליד פין איהר אויף דער וואנד אין אויף דיא פערד וירמסנה אין האבען זיא צעטרעטען נאך דעם

מיטטאגסמאהל האט דער מלך יהוא געזאגט בארעקט דאך דיא פארפלוכטע פרויא אין באגראבט זיא דענן זיא איז איין קעניגס אטאכטער. וויא מען איז געגאנגען זיא נעמין צים באגראבען האט מען פין איהר מעהר ניט געפינען נאר דעם קאפף אין דיא פים אין דיא הענד אין דעם איבעריגען גוף האבען דיא הונד אויף גע־געסין. דאס איז אויך איין שענער טויט פין איינע קעניגין (דער מצודת דוד זאגט, כי רוב הגוף אוכלו הכלבים). (מלכים ב ט).

## נעקראלאג פין יהורם מלך ישראל.

יהורם מלך ישראל איז געשטארבען מיט איין געפעהרליכער קרענק דיא נעדערים זענין איהם ארויס פין יאהר צו יאהר אללע מאל נאך שטארקער: ואתה בחליים רבים במחלה מעיך מן החולי ימים על ימים אחרי כל זאת נגפו ה' במעיו לחולי לאין מרפא ויהי לימים מימים וכעת צאת הקץ לימים שנים יצאו מעיו עם חליו וימת בתחלאים רעים ולא עשו לו עמו שרפה כשרפת אבותיו בן שלשים ושתים היה במלכו בירושלים וילך בלא חמדה ויקברהו בעיר דוד ולא בקברת המלכים. אין גאט האט איהם געשלאגען אין זיינע נעדערים מיט דער קראנקהייט אהנע היילונג אין דאס איז געשעהין פין יאהר צו יאהר אין נאך ענדע פין צווייא יאהר זענין ארויסגעגאנגען זיינע געדערים בא זיינער קראנקהייט אין ער איז געשטארבען אין בייזען קראנקהייטען אין זיין פאלק האבען איהם ניט געמאכט קיין פארברענונג אזוי וויא מען פלעג מאכען פיר זיינע עלטערין ער איז אוועק געגאנגען פין דער וועלט אהנע אנגליסטיגקייט דאס הייסט ער האט קיין נחת רוח ניט געהאט פין דער וועלט ווייל ער איז געוועהין איין גרויסער בעל יסורים אין מען האט איחם באגראבען אין דער שטאט פין דוד אין ניט אין דיא באגרעבעניש פין דיא מלכים (דברי הימים ב כא)

## נעקראלאג פין אחזיהו המלך בן יהורם אין זיין מוטער דיא קעניגען עתליהו:

אחזיהו בן יהורם איז געווארען קעניג בא זיין פאטערס לעבען ווייל זיין פאטער איז געוועהין זעהר איין געפעהרליכער קראנקער

מענטש אזוי וויא מיר האבען אויבען געשריעבען. לפי שהיה אביו נגוע בתחלואים קשים (עיין שם רש"י) דעם אחזיהו האבען זייא געחאפט אין שמרון ער איז געוועהין דארט באהאלטען אין האבען איהם געבראכט צו דעם מלך יהוא בן נימשי אין ער האט איהם גע־הארגיט אין ער האט איהם געהייסען באגראבען אין ירושלים.

ועתליהו אם אחזיהו ראתה כי מת בנה ותקם ותדבר את כל זרע הממלכה לבית יהודה. וויא עתליהו האט געזעהען אז איהר זיהן איז געהארגיט געווארין האט זיא אויסגעהארגיט דיא גאנצע משפחה לבית יהודה זיא האט געוואלט אויסראטען אז עס זאלל איין מענטש ניט בלייבען פין זרע בית דוד. דער תרגום רב יוסף זאגט וקמת וקטלת ית כל זרעא דמלכותא דלאנש בית יהודה גאט האט אבער ניט געוואלט אז דיא זאמען פין דוד המלך זאל פארלוירען געהין, ותקח יהושבעת בת המלך את יואש בן אחזיהו ותגנוב אותו מתוך בני המלך המומתים ותתן אותו ואת מינקתו בחדר המטות ותסתירידו יהושבעת בת המלך יהורם אשת יהוידע הכהן כי היא היתה אחות אחזיהו מפני עתליהו ולא המיתתהו. אין יהושבעת דיא טאכטער פין מלך יהורם, דיא פרויא פין יהודע הכהן זיא האט אוועק געגאנביט איין קליין קינד פין אינטער דיא אנדערע קינדער וואס זיא האט וייא פארסאמט יואש בן אחזיהו ער איז אלט געוועהין איין יאהר איהם מיט זיין אממע אין האט זייא באהאלטען אין שלאפצימער פין קדשי קדשים רש"י זאגט בעזרה בחדר שכיבת הכהנים. תרגום רב יוסף זאגט בקודש קדשיא אין דארט אין בית המקדש זענין זייא געוועהין באהאלטען 6 יאהר אין דיא עתליהו איז געוועהין קעניגין איבער דעם גאנצען לאנד אין האט געטאהן וואס זיא האט געוואלט.

דאס קינד איז אלט געווארין 7 יאהר האט יהוידע הכהן צו זאמען געריפען אללע גרויסע מעננער דיא אנשים חשובים פין דעם גאנצען לאנד אין האט זייא געזאגט אז עס איז געקיממען דיא צייט אז דיא זרע מליכה פין דוד המלך זאל קימען אויף דעם טראהן פין דוד המלך זענין זייא אללע באשטאנין האט מען ארויס־גענעמען דאס קינד פין זיין באהעלטיניש, ער איז אלט געוועהין 7 יאהר אין מען האט איהם אריין געפיהרט אין בית המקדש אין מען האט איהם געזעצט אויף דער קעניגליכער שטיהל אין מען

האט איהם אנגעטאהן; דיא קעניגליכע קרוין; אין מען האט גע־שריגען; יחי המלך; דער מלך זאל לעבען. וויא דיא קעניגין עתליהו האט דאס געהערט איז זיא אריין געלאפען אין בית המקדש אין האט אויף זיך צעריסען דיא קליידער אין האט געשריגען: איהר האט זיך אויף מיר איין בונד געמאכט. יהוידע הכהן האט באלד געשאפט דיא גענערעלער איבערן חיל אז מען זאל זיא ארום רינגלען אין מען זאל זיא ארויספיהרען פין דעם בית המקדש אין דרויסען אין דארט זאל מען זיא הארגענין, אזוי האט מען זיא בא דיא הענד ארויס געפיהרט אין דארט האבען זייא איהר אבגע־שניטען דעם קאפ. מיט אזוי איין טויט איז דיא קעניגין עתליהו געשטארבען. (דברי הימים ב כ"ב כ"ג).

## געקלאג איבער דעם טויט פין יהוידע הכהן אין זיין זיהן זכריה הכהן.

ויזקן יהוידע וישבע ימים וימת בן מאה ושלשים שנה במותו ויקברהו בעיר דוד עם המלכים כי עשה טובה בישראל ועם האלהים וביתו (עיין מצודת דוד), אין יהוידע הכהן איז געשטאר־בען אין דער עלטיר פין 130 יאהר אין מען האט איהם באגראַ־בען צווישען דיא מלכים אין זיינע צייטען איז זייער גוט געגאנגען דעם לאנד מען האט גערייניגט דיא געצין בילדער דיא גאנצע מדינה האט זייער שטארק געהאלטען מיט דעם אלטען יהוידע הכהן. ער איז נאר געשטארבען האבען זייא זיך אומגעקעהרט צום געצען דיענעריא אין האבען זיך נאך גענעמין דיא פרעמדע נאַ־ציאנען ורוח אלהים לבשה את זכריה בן יהוידע הכהן מיט איין רוח נביאה פין גאט איז בעקליידעט געווארין זכריה הכהן אין ער האט זיך ארויף געשטעללט אויף איין הויעך ארט אין האט גע־שריגען מיט איין הויעכער שטיממע אזוי האט גאט געזאגט איהר וועט ניט מצליח זיין ווייל איהר האט גאט פארלאזט אזוי וועט גאט אייך אויך פארלאזען. האבען זייא זיך אללע געמאכט איין בונד מיט באפעהל פין מלך יואש אין האבען איהם געהארגיט אין הויף פין דעם טעמפעל. פאר דעם גוטס וואס זיין פאטער יהוידע הכהן האט אין איהם געטאהן דערפאר האט ער געהארגיט זיין זיהן זכריה. אין זיין שטארבען האט ער געזאגט גאט זאל דאס

זעהין וויא מען הרגיט מיך איבער זיין שליחות ער זאל פארשטין מיין בליט אין זאל נעמין איין נקמה פין זייא (עיין מצודת דוד). יעצט מיינע ליעבע לעזער זאלען דאס אין אכט נעמין דיא בעצאהלונג פין איין אונשולדיגעז מאנן. זיין פאטער יהוידע הכהן איז געוועהין אזוי איין עהרענמאנן אין האט אזוי פיעל גיטס געטאהן דעם לאנד אין איז געשטארבען מיט איין נאטירליכען מענטשין טויט אין איז באגראבען געווארען מיט גרויס עהרע בקברות המלכים. אין זיין זיהן זכריה, וויל ער האט זייא געזאגט דעם אמת אין פין זייער טובה ווענין, האבען זייא איהם פארווארפין מיט שטיינער ביז ער איז געשטארבען מיט איין ביטערן בארבארישען טויט (דברי הימים ב כג כד).

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין יואש המלך.

דער מלך יואש האט אין גאנצין פאר ווארפין דיא גיטע וועגען פין יהוידע הכהן אין גאטים דיענסט, אין אז ער האט געהארגיט זכריה הנביא האט ער זיך פאראייניגט מיט דיא אללע געצינדיענער ער האט אבער אסאך ניט געדויערט, פין דעם טאג אהן וואס ער האט געהארגיט זכריה הכהן אין ביז צים יאהר האט גאט אויף איהם אהן געשיקט דאס חיל פין ארם אין מען האט געריבט גאנץ יהודה וירושלים. אין דעם קעניג יואש האבען זייא צערבראכען זיינע ביינער אין האבען איהם געלאזט מיט שווערע קרענקען אויף זיין בעט ליעגען.

ואת יואש עשו שפטים ובלכתם ממנו כי עזבו אותו במחליים רבים. אין דאס איז נאך ניט גענוג געוועהין וואס ער איז געלעגען אין ביטערע יסורים קראנק צישלאגען אויף זיין בעט האבען זיך איין קשר געמאכט זיינע באדינטע ויהרגהו על מטתו אין זייא האבען איהם געהארגיט אויף זיין בעט אין אזוי איז ער אויך געשטארבען אין גרויסע יסורים אין מען האט איהם ניט באגראבען בקברת המלכים. (דברי הימים 2 24)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין אמציהו בן יואש מלך יהודה.

ומעת אשר סר אמציהו מאחרי ה' ויקשרו עליו קשר בירושלים וינס לכישה וישלחו אחריו לכישה וימתיהו שם וישאהו על הסוסים

ויקברו אותו עם אבותיו בעיר יהודה אין פין דער צייט אהן וואס אמציהו האט אבגעטרעטען פין גאט (עיין שם רש"י) האבען זיך געמאכט איין בונד אויף איהם אין ירושלים אז מען זאל איהם הרגינן, איז ער אנטלאפען קיין כיש (אבאסיניען) האבען זייא איהם נאכגע-שיקט קיין כיש אין האבען איהם דארט געהארגיט אין איהם ארויף געלעגט אויף דיא פערד אין האבען איהם געבראכט צו דער שטאט יהודה אין דארט האבען זייא איהם באגראבען נעבען זיינע עלטערן דער איז געשטארבען במיתה הרוגה. (דברי הימים ב סוף כ ה)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין עזיהו המלך.

עזיהו המלך איז גענאנגען אין בית המקדש אריין אין האט געוואלט מקריב זיין קטורת אויף דעם מזבח אזוי איין דיענסט וואס עס געהער צו דיא כהנים האבען דיא כהנים ניט געלאזט. ער האט אבער דיקא געוואלט מקריב זיין דיא קטורת אויף דעם מזבח איז ער באלד קרעציג געווארען אין מיט דיא קרעץ איז ער געשטאר-בען ויהי עזיהו המלך מצורע עד יום מותו וישכב עזיהו עם אבותיו מיט אזוי איין טויט איז געשטארבען דער מלך עזיהו (דברי הימים ב כ ו)

## נעקראלאג איבער דעם טויט פין יאשיהו המלך.

יאשיהו המלך איז פארוואנדעט געווארען אין דער מלחמה מיט פרעה נכו אין איז געשטארבען אין שווערע יסורים אזוי זאגט דער פסיק וירו היורים למלך יאשיהו ויאמר המלך לעבדיו העבירוני כי החליתי מאד ויעבירהו עבדיו מן המרכבה וירכיבהו על רכב המשנה אשר לו ויוליכהו ירושלים וימת.

דיא בויגען ווערפער האבען געשאסען פיילען אויף דעם מלך יאשיהו האט דער מלך געזאגט צו זיינע קנעכט פירט מיך איבער פין דעם רייטוואגען ווארין איך בין זייער קראנק האבען זייא איהם איבערגעפיהרט אויף דעם אנדערן רייטוואגען אין האבען איהם אוועק געפיהרט קיין ירושלים אין ער איז באלד געשטארבען. ויקבר בקברות אבותיו אין איז באגראבען געווארען נעבען זיינע עלטערן וכל יהודה וירושלים מתאבלים על יאשיהו אין אין גאנץ יהודה אין ירושלים האבען געטרויערט אין געקלאגט אויף יאשיהו אויך ירמיהו הנביא האט געקלאגט אויף דעם מלך יאשיהו וויל ער

איז געוועהן גיט צו גאט און צוא לייט. און ערשטין צו גאט איז ער געוועהן שטייט אזוי ויסר יאשיהו את כל התועבות מכל הארצות אשר לבני ישראל ער האט אוועק געשאפט אללע אונווירדיגקייטען פון דיא יודישע לענדער דאס חייסט דיא געצין בילדער און איעדער האט געמיסט דיענען גאט. אפילו דיא פרעמדע וואס זייא האבען זיך געפינען צווישען ישראל כל ימיו לא סרו מאחרי ה׳ אלהי אבותיהם און אלע זיינע טעג פון יאשיהו האבען דיא ישראל ניט אבגעקעהרט פון גאט פ״ן זייערע עלטערין ער האט זייא געמאכט איין פסח מיט איינע גרויסע פאראדע. דער פסוק דערצייעלט אזוי ולא נעשה פסח כמוהו בישראל מימי שמואל הנביא וכל מלכי ישראל אזוי איין פסח איז ניט געמאכט געווארין צווישען ישראל פון דיא צייטען פון שמואל הנביא אהן און אינטער אלע מלכי ישראל. עיין שם רש״י (דברי הימים ב ל ד ל״ה).

## נעקראלאג איבער דעם טויט פון צדקיהו המלך.

און דער צייט איז שוין געוועהן דיא יודישע מליכה אינטער דיא פרעמדע קעניגע, אזוי האט דער צדקיהו מורד געוועהן און מלך בבל ויעל עליהם את מלך כשדיים איז דער מלך כשדיים ארויף געגאנגען קיין ירושלים מיט גרויסער מאכט און האט געמשפט דיא ישראל מיט דער שווערד און מיט פייער אזוי וויא דער נביא ירמיה דערצייעלט אונז. דעם מלך צדקיהו האט מען געחאפט לעבענדיג מיט זיינע קינדער. וישחט מלך בבל את בני צדקיהו לעיניו וגם את כל שרי יהודה שחט ברבלתה (אנטיאכיע) ואת עיני צדקיהו עור ויסריהו בנחשתים ויבאהו מלך בבל בבלה ויתנהו בבית הפקדת עד יום מותו.

און דער מלך פון בבל האט געקוילעט דיא קינדער פון צדקיהו פאר זיינע אויגען און אלע גרויסע מעניר פון שבט יהודה און אויך דיא סנהדרין האט ער אומגעבראכט און אנטיאכיה און דיא אויגען פון צדקיהו האט ער בלינד געמאכט און האט איהם געבינדען און קופערנע קעטען און האט איהם אוועק געפיהרט קיין בבל און דארט האט ער איהם ארייין געזעצט און איין תפיסה הויז ביז און טאג פון זיין טויט און דארט איז ער געשטארבען ביסורים קשים (ירמיה נ״ב).

ענדע נעקראלאגיע מין התורה.

איינע פראגע איז דא צי בעמערקען צי וואס האבען מיר געדארפט שרייבען אזעלעכע טויטענפעללע וואס איז שוין געשריע־בען אין אינזערע הייליגע ספרים נאך מיט טויזענטיר יאהר צוריק. איינס איז צי ווייזען אז איך האב קיין נייעס ניט אויפגעטאהן, נאר וואס דענן איז דער חילוק. די תורה האט געשריעבען נאר פין דעם הויכען שטאנד פין מלכים ושרים. און מיר שרייבען פין אלטע ארימע לייטע. דאס איז אבער דערפאר, ווייל איך בין איינער פין די ערשטין גרינדער דעס פעראיינס בתי מחסה לזקנים. און איך בין ניט אבגעשטאנען פין מיין ארבייט ביז אין היינטיגען טאג. דאס ערשטע געלד האב איך געזאממעלט אויף דעם פלאץ וואס מען האט צים ערשטין געקויפט. און איך האב ר׳ וואלף מיכאלאוויטש געמאכט פאר קאסירער אום דאס פעראיין זאלל ניט פאללען. און איך האב מיינע אלטע ביינער ניט געשוינט ביז איך האב געזעהין אויסגעבויעט די הייזער און אריין גענעמין אלטע מענטשין. און איך האב די אלטע לייט ציגעזעהין אזוי וויא אפאטער זיינע קינ־דער אויך בא זייער קרענק און אויך בא זייער טויט אזוי וויא מיינע ליעבע לעזיר ווערין זעהין אין דער געשיכטע פין דעם צווייטען טהייל דייטליך באשריבען מיט געדריקטע דאקומענטע. דארום איז די געשיכטע בא מיר הייליג. און דערפאר האב איך פער־גלייכט די אלטע לייטע וואס זענין געשטארבען אין אינזער אזיעל צי די מלכים ושרים וואס אינזער הייליגע תורה האט מיר אהן געוויעזען.

---

## נעקראלאגיע פין די אלטע לייט וואס זענין געשטארבען אין בוקארעסטער אזיעל.

### שנת תרמ״ב 1881.

1. באבע פאיע ראם נפטרה עשרה בטבת שנת תרמ״ב ונקברה י״ב בו 20 דעצעמבער 1881 בת שמונים לימי חייה.

די באבע פאיע איז געוועהין די ערשטע וואס מען האט זיא אויפגענעמען אין בתי מחסה לזקנים אין די ערשטע וואס זיא איז געשטארבען אין אינזער אזיעל. די באבע פאיע איז געוועהין איינע קארפאלענטע פרויא הויך געוואקסען און דיק אים קערפער אין פעטט אויף דעם לייב, זיא איז תמיד געוועהין ריין געקליידעט

אין אויף איהר ריין בעטטציינ געשלאפען. נאך איינגע חדשים נאך איהר אויפנאהמע איז זיא צו בעט געפאללען און איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען אדער ארונטער געגאנגען. זיא האט זיך פאר איהר געלד געדינגען איינע אלטע פרויא זיא זאל זיא באדיענען אין דער קרענק. זיא איז געלעגען איין פאר חדשים. איינגע טאג בעפאר איהר טויט האט זיא אנגעהויבען צו וואנדערן פון איין בעט אויף דעם אנדערן ביז זיא איז צום צווייטען בעטט געקימען האט זיא זיך געקאטשיט אויף דער ערד ווייל זיא האט ניט געקענט אויף דעם בעט ארויף שטייגען פלעגט זיא בלייבען ליגען אויף דער ערד. דיא אלטע פרויא וואס זיא האט זיא באדיענט האט זיא ניט געקענט אויפהעבען ווייל דיא באבע פאיע איז געוועהן זעהר איין שווער מענטש, מיט שווערער מיה פלעג איך מיט מיין ווייב זיא אויף איהר בעט ארויף לעגען און אזוי האבען מיר זיך מיט איהר געטראגען בייא טאג און בייא נאכט ביז זיא איז געשטארבען מיט איין שווערען ביטערען טויט, איהר צרה איז אין גאנצען פארביטען געווארען ניט צום דערקעננען.

## 1 8 8 2.

2. יעקב גאלאנטאן נפטר ט"ז שבט תרמ"ב ונקבר י"ז בו 24 יענער 1882 בן שבעים לימי חייו.

יעקב גאלאנטאן אז מען האט איהם אריינגענעמען אין אזיל איז ער געוועהן בא דיא גאנצע מענשליכע געוויסען און איין קורצער צייט בעפאר זיין טויט האט ער זיין גאנצען שכל פערלוירען און האט געהערט פיסטע רעד און שיון ניט געוועהן ריין אין דער מענטשליכער נאטור, מיר האבען שוין געמיסט איין מושאמא אינטער לעגען אויף זיין בעטט און שיהל בא דעם דאונין האט ער געלאזט דיא השתנה איך האב איהם געמיזט פארביטען און שיל אריין צו קימען. מיר האבען מיט איהם פיעל מיה געהאט דאריך זיינע אונריינליכקייט און מיט דער אבווייבונג איז ער געשטארבען.

3. בלימא קיפערנוז נפטרה כ"ח שבט תרמ"ב ונקברה כ"ט בו 5. פעבער 1882 בת מאה והמישה לימי חייה.

בלימא קיפערנאז, ווער עס האט דאס מענטש ניט געזעהין האט קיין לעבענדיגען אנטיקלעכין מענשענקערפער אויף דער וועלט ניט געזעהין. זיא איז געוועהין אין דער גרעסע וויא איין קינד פין 3 יאהר זיא האט אויף זיך ניט געהאט איין דרעם פלייש נאר ביינער אנגעהילט אין איין מענשענהויט גאר קיין שום מיני עסין אויף דער וועלט האט זיא ניט באניצט זיא האט גאר ניט געגעסין נאר בראנ־פען האב איך איהר געגעבען אלרע שעה איין קליין גלעזעלע. איין שטארק קול צים רעדען האט זיא געהאט אין איהר מויל האט געקלינגען אזוי וויא אגיטער גלאק ויא איז טאג אין נאכט אין בעט געלעגען אין נאר אין איהר וויס העמדעל אנגעטאהן אזוי וויא אקליין קינד אין אוויגעלע. ארויסגעהען וועגען דעם מענשליכען נאטור האט זיא ניט בעדארפט ווייל זיא האט ניט געגעסען נאר וואסער אבשלאגען פלעג זיא מיין ווייב אראפ נעמען אויף דיא הענד אזוי וויא איין קליין קינד. אין דער נאך זיא צוריק אין בעטט אריין לעגען. 6 וואבען איז זיא געלעגען אין איז גע־שטארבען מיט זעהר איין גרינגען טויט, 5 מינוט פאר איהר טויט האט זיא געטרינקיין איהר פארציע בראנפען אין איז אנגעשלאפען אויף עוויג. זיא איז געשטארבען, אין חנא קיפערנאז איז געבליעבען איונגער אלמן. חנא מיט זיין ווייב בלימא זענען געוועהין דיא עלטעסטע מענשען אונטער דער יודישער געמיינדע אין בוקארעשט אין זיינע יונגע יאהרען איז ער געוועהין איין מעננערשניידער אין אויף דער עלטער האט ער ניט געקאנט זיין מלאכה פיהרען איז ער ארום געגאנגען אין דיא הייזער בעטלען תמיד פלעגען זייא ביי־זאממען געהען ער מיט דעם ווייב, אין דיא וועלט פלעג זייא מעהר אינטערשטיצען אין געבען איין נדבה גיכער וויא אנדערע ארעמע לייטע

---

אים יאהרע 1881 אז מיר האבען געבויט דיא ערשטע 9 שטיבער האט מען בעשלאסען אויף צי נעהמען איינצעלנע אלטע מענשען מעננער באזונדער אין פרויען באזונדער דיא ניט פערהיי־ראטהעט זענין אין אזוי האט מען אויפגענעמען 6 פרויען אין 10 מעננער מיט דעם באדינג אז קיין עסין גיט מען ניט. נאר צימער

וועש. בעלייבטונג, האלין אין איין דיענסט זאלל דאס הויז בעדיע־
ניען. נאך פסח, סאנט געארגע 1881 האט מען דיא מענשען. אויף־
גענעהמען. אין איינינע חדשים ארים האבען מענטשין אנגעטראגען
אז מען זאלל אויף נעהמען אין אזיל דאס אלטע פאאר פאלק
קיפערנוז, האט דאס קאמיטעט ניט געוואלט נאכגעבען דורך מעה־
רערע געגענשטענדע, איינס איז געוועזען געגען דעם פרינציפ אז מאן
אונד ווייב דארף מען ניט אויפנעהמען אין אזיעל, אין דאס צווייטע
איז אז מען דארף זייא פארזארגען מיט עססען אין טרינקען אין
איינקינפטע זענין נאך ניט דא, דאס דריטטע איז מען דארף פין
זייערטוועגען אלליין אדיענסט האלטען אין דאריך דיא פונקטע
קענן מען זייא ניט אויפנעהמען טראין דיא אללע פונקטען וואס
זענין אין וועג געשטאנען אין האבען פארהאלטען דאס אלטע פאאר
פאלק אין אזיעל אויפצונעהמין, האבען זיך געפינגען צווייא שפאר־
ניאלען אין בוקארעסט איינער משה קאאלי אין ר׳ אברהם חיים
אבוהב, דיע צווייא פרענקען האבען קאנטראסטירט מיט ,ינ־
זער קאמיטעט אז זייא וועלען געבען אללע הוצאות וואס מען וועט
דארפען פין זייערטוועגען, פערצעהרען אין מען זאלל זייא אויפנעה־
מען אין אינזער אזיל, נאר אבער אין דיא נייע שטיבער קאן מען
זייא ניט אריין נעהמען, זאלל מען זייא מאכען פלאטץ בייא מיר
אין דער אלטער שטיב וויא איך זיטץ איז דא איין קאמער זאלל
מען זייא דארט מאכען צווייא בעטליך אין איך זאלל זייא דארט
פארזארגען, אין מיין ווייב איז דארויף באלד באשטאנין זיא האט
געזאגט אז זיא וויל דיא מצוה פארדיענען מיט דיא צווייא אלטע
לייט דיא צווייא פרענקען האבען שוין באלד געלד געגעבען אין
עס איז שוין באשאפען געווארען צווייא בעטליך מיט בעטטצייג
אללעס נייא, אין דיא פרענקען האבען נעקויפט נייע בגדים פיר
ביידע אלטע לייט פין איין העמד ביז אין איין אייבערשט מלביש
אין מען האט מיר געלד נעגעבען איך זאלל נעמען איין וואגען
אין זאלל זייא ארויסנעהמען פין זייער באדעי דארט וויא זייא
זענין געלעגען אין זאלל זייא פיהרען אין באד אריין.

איך האב דיא צייט ניט פארזאמט אין האב גענעמען איין
בירזשע אין בין ציגעפאהרען צי דעם ארט וויא דיא צווייא אלטע

ליט האבען זייערע אלטע יאהרען ציגעבראכט. אינטער דער קירבע
ראבראטעאסא איז בייא איין קריסט געוועהן איין אלטער בארדעי
איין גריב אין דער ערד ציגעדעקט מיט ברעטער אין אויף דיא
ברעטער ציגעדעקט מיט ערד אין דערינען איז געוועהן איין לאנג
בעטט פין ברעטער אויסגעשפרעט מיט שטרוי אין דיא אלטע
בלימא קיפערנוז איינע אלטע פרויא איבער דיא הינדערט יאהר איז
געלעגען אויף דיזם שטרוי אין שמאטים איינגעוויקעלט אין דער
אלטער חנא קיפערנוז איין אלטער מאנן אויך איבער דיא הונדערט
יאהר איז ארים געגאנגען נעבען בעט אין האט זיין אלט ווייב
באריענט. דער גאנצער גריב איז געוועהן אינוועגדיג דעקארירט
מיט לויטער שפינוועבס וואס עס האט אראב געהאנגען פין דער
סטעלע. פין דער טהיר ביז צים בעט בין איך געגאנגען צווישען
לויטער שפינוועבס, דאס בעט איז געוועהן באהאנגען מיט אזעלכע
דעקאראציאנען אין דיא פאבריקאנטען פין דעם ייידענשטאף האָ-
בען תמיד פרעהליך געמאכט דיא צווייא אלטע ליט מיט זייער
ארים לויפען אויף דיא טראלדען ארופ אין אראפ. פין דער טהיר
ביז צים בעט בין איך געגאנגען צווישען שטריק פין שפינוועבס
געפלאכטען ביז איך בין געקימע צים בעט, הער איך אין קול פין
דער אלטער פרויא זיא שרייט צי איהר מאנן: „חנא דיא גרויסע
שפינן האט זיך אראב געלאזט איבער מיין קאפף אין ווילל מיר
איין בים טהין;“ האט דער אלטער געענפערט: שרעק ניט מיין
קינד איך האב שוין דיא שפין איבערגעשראקען, זיא איז שוין צו-
ריק געלאפען אין האט זיך באהאלטען אינטער דיא ברעטער.
אללערלייא מיני שפיננען זענען דארט געוועהן. נאר דיא גרויסע
גיפטיגע שפין טארענטאלא (Tarentola) איז דארט ניט געוועהן.
ווענן דיא טארענטאלא זאלל דארט אין דעם בארדעי אויך גע-
וועהן זיין ווארטין דיא צווייא אלטע ליט געמיסט טאנצען זייער
אלטען טאנץ אפראמע אדער איינע קאזאטשקא (*) ווער עס האט
דיא וואהנונג פין דיא צווייא אלטע מענשען ניט געזעהן דער האט קיין

(*) דיא שפין טאראנטאלא אין קארנע צווייא שפאנן דיא גרעס זיא האט אזוי איין נא-
טירליכע גיפט אז ווען זיא בייסט איין מענשען פערלירט ער דעם שכל אין פאנגט אן צי טאנצין
אללע טענצע וויע פיעל ער קאנן, נאר או מען גיסט איהם ארויף איין קאנן קאלטעס וואסער
אויף זיין קאפף בלייבט ער שטילל שטעהען איהר שטאם איז פין דער שטאט טארענט דארום הייסט
זיא טארענטאלא (אוניווערזול 21. יוני 1888 פאזשינא II.)

טרויריגעס לעבען אויף דער וועלט ניט געזעהען. איך בין איינע האלבע שטונדע מארמארירט געבליעבען שטעהען איך האב מיינע גאנצע מענשליכע געוויסען פארלוירען וויא איך האב דערזעהין אזעלכע צווייא אלטע מענשין האבען פארבראכט זייער אלטער אין אזוי איין מיזעריום צווישען גיפטיגע אינסעקטען, איך האב מעהר ניט געזאגט דיא גרייסער גאטט אין הימעל וויא בין איך דא יעצט זעה איך דאס אין חלום אדער בין איך אין איין גרויסען טהעאטער וויא מען שטעללט מיר זא וואס פאר. דער אלטער חנא קיפערנוז האט מיינע ווארטען געהערט האט ער מיר באלד געענפערט. מיין ליעבער פריינד קיין חלום איז דאס ניט, נאר טהעאטער איז דאס יאה. דיא שפינען לויפען אויף דעם שפינוועבס ארויף אין אראפ אזוי וויע דיא קאמעדיאנטען אין שלעפין נאך מיט דיא פליעגען מיט דיא גריללען. דאמאלס האב איך געזאגט עס איז שוין צו פיעל פאר אייך דא צו בלייבען. טהיט אייך אהן אייערע בגדים מיט אייער וייב אין קימט מיט מיר איך וועל אייך געבען איינע שעהנערע וואהנונג אין איך אלליין האב זייא אויף מיינע הענד גענעמען אין האב זייא אין דעם וואגען אריינגעזעצט אין דעם אלטען קיפערנוז נעבען איהר אין בין מיט זייא אראב-געפאהרען צו ר׳ יוסף נרינבערג אין באד אריין אין געהייסען מא-כען צווייא ביטליך אין דער דיענער פין דער באד האט זייא ביידע אויסגעטהין אזוי וויא צווייא קליינע קינדער אין מען האט זייא אריינגעזעצט אין ווארם וואסער אין מען האט זייא געוואשען מיט גרויסע שוואמען אין מיט זייף, מען האט זייא גערייניגט פין זייער שמוץ אין מיר האבען זייא אבגעשווירען זייערע גרויסע פארוואקסענע האאר אין בעשניטען דיא גרויסע נעגעל פין דיא הענד אין פיס אין מיר האבען זייא אנגעטהין גאנץ נייע בגדים אין דיא אלטע שמאטים זייערע האב איך אוועק געלאזט אויף דעם וואססער אין אזוי האב איך דיא צווייא אלטע מענשען אריינגעבראכט אין מיין שטיב אריין אין האב זייא זייערע בעטין אבגעגעבען מיט ריינעם בעטטצייג אין איעדען איין קאלדרע צים איינדעקען. מיין ליעבע פרוי זלאטע האט דיא צווייא אלטע לייט מיט איין גרויס פער-גניגען צינעמען אין מיר האבען זייא אין דער ריינגקייט געהאל-טען ביז אין זייער טויט אריין. איין פאאר מאנאט זענען זייא בייא

מיר אין שטיב בידע געזעסין אין אז זיא איז געשטארבען האט מען איהם שוין ארויף גענעהמען אין דיא נייע שטיבער. זייערע קינדער לעבען נאך צווייא זיהן אין בוקארעסט. איך האב קיין סאנטים געגאסען ניט פין דיא פרענקען ר׳ אברהם חיים אבוהב לעבט זאלל ער זאגען צי האט ער מיר עפיס געגעבען אין ניט פין דעם קאמיטעט עפיס צי נעמען פיר מיינע מיהע.

4. ישראל קערפעל נפטר ה׳ סיון ערב שבועות תרמ״ב ונקבר בו ביום 11. מאי 1882 בן ששים לימי חייו.

ישראל קערפעל איז ארים געגאנגען אויף דיא פיס אין איז פליצים געפאללען צי בעט אהנע לשון אין עס האט איהם נאר געבארכילט אין האלז צווייא טאג דארך אנאנט אין איז געשטארבען מיט א שווערין כיטערען טויט.

5. גרשון באננער נפטר יום ששי ערב ר״ח תמוז תרמ״ב ונקבר בו ביום 4. יוני 1882 בן ששים וחמשה לימי חייו. דער איז געשטארבען בייא זיינע קינדער אין ניט אין אזיעל.

6. אשר טירקילטויב נפטר 10. אב תרמ״ב ונקבר בו ביום 4. יולי 1882 בן ששים ותשעה לימי חייו.

אשר טירקילטויב איין קראנקער מענש, קיין דרעם פלייש איז אויף איהם ניט געוועהין נאר דיא ביינער זענין געוועהין איינגעוויקעלט אין איין מענשענהויט ער האט געגעסען אין געטרינקען ביז אין זיין טויט אריין. ער איז איין צייט פין איינינע חדשים געלעגען צי בעט אין איז אויך מיט איין שווערין טויט געשטארבען.

שנת תרמ״ג. 1883.

7. מענדעל לעבעל, ליב קעבערס א זיהן נפטר כ״ה אדר ראשון תרמ״ג ונקבר כ״ו בו 20. פעבער 1883 בן ששים לימי חייו.

מענדעל לעבעל, מיט דעם האב איך מעהר געהאט פארשווארצט צי ווערין ווייא מיט אללע זקנים וואס זענין אויף מיינע הענד געשטארבען. דער איז געוועהין איין קראנקער מענטש ווייא ער האט געטאגט האט ער ניט גענעכטיגט אין ווייל ער איז געוועהין פין דער גרעסטער נגודישער פאמיליע

האט מען איהם אריינגעגעבען אין אזיעל. דאס קאמיטעט האט
אבער איינגעזעהען אז מען קאנן איהם ניט האלטען אין אזיעל דאריך
זיין געפעהרליכער קראנקהייט (באלע חראניקע) (Bóla Chronică)
האט מען מיך בעאויפטראגט אז איך זאלל איהם פיהרען אין איי-
קריסטליכען שפיטאל, וויא מען וועט איהם וועלין אויפנעהמען
דארט זאלל ער בלייבען. אזוי בין איך מיט איהם 8 טעג ארים
געפאהרין אין דיא גרעסטע קעלטען איך האב מיך מיט איהם גע-
הויבען פין איין בירזשע אויף דער אנדערער פין איין שפיטאל צום
אנדערין מען האט איהם אין קיין שפיטאל ניט געוואלט אויפנעה-
מען, אם ענדע האט מען געפוילט בייא דער עפאריע שפיטאלע-
לאר אז מען זאלל איהם אויפנעהמען אין שפיטאל פאנטעלימאן
4 קילאמעטער ווייט פין דער שטאט דארט ווערדען אויפגענאמ-
מען נאר אזעלעכע וואס זייא האבען באלע חראניקע (אייביגע
קראנקהייט.) מען האט מיר איין בילעט מיטגעגעבען פין דער
עפאריע שפיטאלעלאר אין איך האב איהם אוועקגעפיהרט קיין
פאנטעלימאן מען האט איהם דארט אויפגענעמען. ער איז אבער
דארט געלעגען נאר עטליכע טאג אין מען האט איהם צוריקגע-
בראכט אויף איין פראסט מיסטוועגעלע איבער געפרוירען מעהר טויט
וויא לעבענדיג. איך האב איהם באלד אריין גענעמען אין איין
ווארמער שטיב אין האב איהם באלד געמאכט איין הייסען טשייא
איך האב איהם קוים זיין טויטע נשמה דערוואַרמט, אויף דעם
אנדערין טאג האט ער מיך געבעטען אז איך זאלל איהם ריפען
ר׳ גדליה ברייער ער ווילל מיט איהם רעדען אפאאר ווערטער
פאר זיין טויט. איך בין ריכטיג געגאנגען. אבער ר׳ גדליה האט
זיך אויף מיר שטארק אויסגעבייזערט אין מיט דיא ווערטער מיך
בעגלייטעט: „וואס האט מענדעל מיך צו ריפען איך קעהר מיך
מיט איהם גאר נישט אן.“ נאר וויא קאריאז איז מיר דאס פאר-
געקיממען אז איך האב געזעהען וויא שעהן דיא לעבענדיגע מענ-
שען בעהאנדלען איין טויטען. אין איינע טאג ארים איז דער
מענדעל לעבעל געשטארבען האב איך באלד געמעלרעט ר׳ גדליה
ברייער חאטש ער איז נאך דאמאלס ניט געוועהין קיין קאסיער
אויך ניט אפילי אין קאמיטעט. ער האט מיך זעהר שעהן ציגענע-
מען מיט דעם גרויסן ב ר ו ך ד י י ן א מ ת אין האט מיר באלד גע-

זאגט אז איך זאלל ניט נעהמען בייא קיינעם קיין תכריכין ער וועט שוין אללעס געבען. איך בין געגאנגען צו ר' וואלף מיכאלאוויטש אין האב גענעמען אויף זיין קאנט ליינוואנד אויף תכריכין אפילו נאדלין מיט פאדים אויך. עס איז אבער ווירקליך שעהן געוועזען צו צו זעהען וויא ר' גדליה ברייער האט זיך מתעסק געוועהן אי האט מקיים געוועהן מת מצוה כדינא. דער מענדעל איז גע־שטארבען מיט זייער אשווערען טויט ער האט זיך געמיטשעט איין טאג מיט איין נאכט. איך האב איהם צוגעזעהען אזוי וויא איין פאטער זיין קינד, זיינע רייכע פריינד האבען מיר קיין סאנטים בע־צאהלט פיר מיינער מיה אויך ניט דאס קאמיטעט האט מיר גע־צאהלט ניט פאר איהם אין ניט פאר קיפערנו. איך האב זייא גע־וויעזען וויע געטרייא איך בין פיר דעם אויפבליעהען דעם אוילם.

8, רבקה משנית נפטרה י"ז אדר שני תרמ"ג ונקברה בו ביום 14 מערץ 1883 בת מאה וחמישה לימי חיה.

דיא רבקה משנית איז געוועהן אין דער גרעס וויא איין מעדל פון 6 אדער פון 7 יאהר, זיא האט קיין דרעם פלייש אויף זיך ניט געהאט אין איז געוועהן טויב אזוי וויע איין האלץ. איך האב מיט איהר געמיזט רעדען נאר אויף דעם ווינק. אויף איינמאהל איז זיא קראנק געווארין אין איז געפאללען צו בעטט אין האט בא־קימען געשוואלענע פיס אזוי וויא איין פאסס. ביז אין איין קורצער צייט איז דאס געשווילעכין צום הארץ געקימען. איז זיא געשטאר־בען מיט איין ביטערן שווערען טויט נאר איך האב מיט איהר ווענינער מיה געהאט וויא מיט מענדעל לעבעל.

9. מרדכי בן אליעזר נפטר יום ו ניסן תרמ"ג ונקבר יום ראשון ח' בו .3 אפריל 1883 בן שבעים לימי חייו.

מרדכי בן אליעזר איז פליצים געפאללען צו בעטט אין האט באלד אויפגעהערט צו רעדען אין עס האט איהם נאר געבארבילט אין האלז צוויא טאג דאריך אנאנט אין איז מיט אשווערען טויט געשטארבען.

10. משה פיערמאן נפטר יום ראשון .10 תמוז תרמ"ג ונ־בר יום שני י"א בו .3 יולי 1883 בן שמונים וארבעה לימי חייו

הכהן משה פייערמאנן איז געוועהן א געזינדער מענש. ווען מען האט איהם אריינגענעמען אין אזיל איז ער געוועהן א שיסטער. ער פלייג זיך אלליין פעררעכטען דיא געטים. אין א צייט ארים איז ער קראנק געווארין, צו בעט געפאללען און שוין מעהר ניט אראבגעגאנגען. פיער חדשים איז ער געלעגען און איז מיט א שווערען טויט געשטארבען.

## שנת תרמ״ד

11 באבע שרה ישעיה משה׳ם נפטרת יום שני י״ג אדר תרמ״ד ונקברה שושן פורים 29 פעבער 1884 בת שמונים וארבעה לימי חייה.

דיא באבע שרה פלעג יעהר שוועהר ארימגעהן אויף איהרע פים. זיא איז תמיד ארימגעגאנגען איינגעבויגען, איינגעהויקערט, דער קאפ האט איהר תמיד אראבגעהאנגען. איינמאל האט זיא געוואללט אריבערטרעטען דיא שוועל פון דער קיכע, איז זיא געפאללען און האט זיך א שטארקען קלאפ געגעבען אין הערץ, איז זיא צו בעט געפאללען, האט געקרענקט א פאאר חדשים אונ איז מיט א ביטטערן שוועהרען טוידט געשטארבען. דרייא טאג האט זיא זיך געמיטשעט ביז זיא איז געשטארבען.

12 חנא קיפערנוז הכהן נפטר כ״ה אלול תרמ״ד ונקבר יום ג׳ כ״ו בו 4 סעפטעמבער 1884 בן מאה ועשרים ושש לימי חייו.

חנא קיפערנוז הכהן*). נאכדעם אז זיין ווייב בלימא איז געשטארבען האט מען איהם פון מיין שטיב ארויסגענעמען אונ איהם אריינגעזעטצט אין דיא נייע שטיבער נאך מיט אן־אלטען מאנן. דער שפאניאל משה קאאלי פלעג איהם שיקען פון דער היים עססען אונ שפעטער אז ער האט זיך געשייד פון זיין פרוי, האט ער איינגעצאהלט אין דער קאססע צעהן פראנק א חודש אז קיפערנוז זאלל עססען פון דעם אזיל. דער אלטע קיפערנוז איז געוועהן גאר אבגעזאנדערט אין דער מענשליכער נאטור פון דיא אנדערע אלטע לייט וואס זיי האבען זיך געפינגען אין אונזער אזיל. ערסטענס איז ער געוועהן דער עלטעסטע אונטער אללע. ער איז געוועהן קליין אין דער סטאטור אונ א דיקער פעטער מענש. עס האבען איהם נאכגעהאנגען א פאאר בריסטען וויא ביי א זעגענדיגער פרוי. ער

*) איבער זיינער ביאגראפיע רעד אויך הר׳ מ. שווארצפעלד אין דער צייטונג „פראטערני־טאטע" נומר. 39—38.

האט אויף קיין ברילען ניט געקיקט, אין סידור האט ער געדאַ־
ווינט אהנע אויגענגלעזער, טאבעקע ניט געשמעקט, ציגארע אדער
לי־קע ניט גערויכט, ער האט ניט געהיסט, ניט געשפיגען אינ ניט
געחראקעט וויא אנדערע אלטע וואס זענין יונגער פין איהם גע־
נאר ער האט געהאט א בראך אזוי גרויס וויא א טאפ פין ,
א־נ־אקע. מיט צווייא יאהר פאר זיין טויט איז ער נאך געוועהן
ביים גאנצען מענשליכען פערשטאנד. מען האט געקאנט מיט איהם
רעדען אין יעדר בעציעהונג. וואס מען האט איהם געפרעגט האט
ער שעהן געענפערט: על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. ער פלעג
תמיד ערצעהלען פינ־ם לעטצטען עיפוש וואס עס איז געוועהן
אין יאהר 28. דאמאלס איז ער געוועהן מאלאטשי, ער האט באַ־
גראבען דיא פארעיפושטע אינ דאס מיינסטע פלעג ער ערצעהלען
פין דעם מלך קאראזשא. ווען דער מלך יאהן קאראזשא איז גע־
קיממען נאך בוקארעסט איז ער שוין געוועהן א מענש פין 7 ביז
38 יאהר אינ אז דער מלך יאהן קאראזשא איז אנטלויפען פין
בוקארעסט פאר דיא טירקען איז ער שוין אלט געוועהן 46 יאהר,
אזוי פלעג מיר דער קיפערנוז ערצעהלען. פאלגליך נאך מיינער
רעכנונג איז קיפערנוז מעהר ניט אלט געוועהן וויא 111 יאהר.
דאס רעכנונג איז קלאר אזוי: דער מלך יאהן קאראזשא איז אנט־
לויפען פין בוקארעסט אים יאהר 1819, דעמילס איז קיפערנוז
אלט געוועהן, אזוי וויא ער האט געזאגט, 46 יאהר, געשטארבען
איז ער אים יאהר 1884, אזוי קימט ארויס דאס רעכנונג אז פין
1819 ביז 1884 איז 65 יאהר אין 46 איז 111. אזוי פיער איז
קיפערנוז אלט געוועהן ווען ער איז געשטארבען.

דער חנא קיפערנוז איז געוועהן א געזינטער מענש, ער פלעג
נאך ארויפגעהן דוכינען מיט אללע כהנים אין פלעג זייא איבער־
שרייען. א יאהר פאר זיין טוידט האט ער זיין גאנצען שכל פער־
לארען, ער האט שוין גערעדט פינ׳ם וועג אין איז גענצליך עובר
בטל געווארין מן העולם הזה. ער פלעג זיך אנטהין טלית אין
תפילין אינ געהן אין רעטיראט אריין לצורך. אין דעם יאהר תרמ״ד
יום. כפור האט ער זיך געהייסען געבען בראנפען, ער קאן ניט
פאסטען, אינ איך האב איהם טאקע געגעבען. עס פלעג זיך איהם
טרעפען מעהרערע מאל דאס אימריינקייט וויא ביי א קליין קינד,

פלעג איך שטעללען דיא דיענסט, פלעג זיא איהם אויסטהין נאַקעט אינ איהם אריינזעצען אין א גרויסער מילטער וואססער, איהם בעוואשען ריין אינ אנטהין ריינע בגדים. זיין בעסט עססען איז געוועהן איינגעווייקט ברויט אין ראסעל פין קרויט אדער פין איגירקעס אדער איןווארם וואססער. איך פלעג שוין פאר איהם תמיד זארגען איהם זיינע געוועהנליכע שפייזע פארצובערייטען. איניגע וואכען פאר זיין טוידט פלעג ער שוין ליעגען צו בעט, אבער אין דער רייניליכקייט. ער פלעג לאנגזאם אראבגעהן פינ׳ם בעט וועגען דער מענשליכען נאטור. שבת פרשת נצבים איז געוועהן בייא איהם דער שפאניאל משה קאאלי, האט ער מיט איהם זעהר שעהן גערעדער אינ זיך מיט איהם געזעגנעט אין מאנטאג פארטאג איז ער געשטארבען מיט א גרינגען טוידט, ער איז שטילל איינגעשלאפען. זיין טוידט קען אויך הייסען נשיקה *)

## שנת תרמ״ה

13 האדיל יעקעלאוויטש דיא יאססערן, נפטרה יום ו׳ ז׳ שבט תרמ״ה ונקברה במוצאי שבת ח׳ בו 12 יענער 1885 בת ששים ושלשה לימי חייה.

האדיל איז געווען א הויכגעוואקסענע פרוי, שעהן צים אנזעהן, נאר אבער קרענקליך אויף איהרע אלטע ביינער. אינ וויל זיא איז געוועהן א פרעמדע ניט א בוקארעסטערן האט מען זיא ניט געקענט אויפנעהמען אים אזיל. וויל דאס איז געגען דיא סטאטוטען, האט זיא געגעבען 600 פראנק אום מען זאלל זיא אויפנעהמען, דענן בייא איהרע קינדער האט זיא ניט געקענט זיטצען. זיא האט אבער א סך ניט געלעבט אים אזיל אינ איז געשטארבען מיט א גרינגען טוידט: זיא האט געטרינקען א גלאז טשיי אין איז געבליעבען מיט דעם גלאז אינ דיא הענד, מען האט דאס ערשט נאך דעם טוידט פין איהרע הענד ארויסגענעמין.

14 משה אהרן חייט נפטר יום ראשון ט׳ שבט תרמ״ה ונקבר יום שני י׳ בו 14 יענער 1885 בן שבעים ושש לימי חי״ו.

משה אהרן איז געוועהן א קראנקער מענש, ער האט זעהר

---

*) אין אייניגע צייטען ארים איז דער שפאניאל משה קאאלי אתיים געקימען ביי נאכט אין זיין אייגענעם הויז אין איז אריינגעגאנגען אין שלאפצימער, האט זיך אויסגעטהין א געט פינ׳ם פיס אין איז אזוי זיצענד געשטארבען. אין דער פריה האט מען איהם געפינגען טוידט נאר מיט איין געט אויסגעטהין אין איין געט אויף דעם פיס. עס איז קיין מענש נעבען איהם געוועהן, נאך דער מיינונג פין הערבן דר. ליפפע זאלל דער טוידט פין משה קאאלי אויך הייסען נשיקה.

שטארק געהיסט. ער איז געוועהן א רעליגיעזער מאנן, טאג אין נאכט נאר תהלים געזאגט. פרייטאג ערב ראש חודש שבט איז ער געוועהן אין מרחץ, האט ער זיך פערקעלטעט, איז צו בעט געפאללען אינ מעהר ניט אויפגעשטאנגען. זיין קרענק איז געוועהן אלטערשוועכע. ער פלעג ציביסליך ווייז אראבגעהן פינ׳ם בעט וועגען מענשליכער נאטור אין זיך צוריקלעגען. ער איז געוועהן בייא זיין גאנצען שכל אין גערעד ביז אין דער לעטצטער מינוט. זאנטאג ט׳ שבט בין איך געבען איהם געזעססען אין ער איז געוועהן אין זיינע בגדים אנגעטהין, דיא אויגען האט ער שוין צוגעהאלטען, דיא אויערן האבען נאך געהערט, דאס מויל האט נאך גערעד. מיר האבען איהם געפרעגט וויא ער הייסט, האט ער אינז געזאגט זיין נאמען אינ דעם פאטערס נאמען. צווייא מינוט פאר זיין טוידט האב איך איהם געפרעגט וועמים איז דאס קאפעעלעפעלע, האט ער געזאגט: דאס איז מיינס, אין מיט דעם ווארט איז ער איינגעשלאפען שטילל, רוהיג, ער האט קיין שום הוויות ניט געמאכט. דער מענש איז ווירקליך איינגעשלאפען אזוי וויא א קליין קינד אין וויגעלע. דעם טוידט מעג מען אנריפען מיתה נשיקה.

15 גיטיל פלאטץ נפטרה כ״ג ניסן תרמ״ה ונקברה כ״ד בו 28 מערץ 1885 בת מאה ושש לימי חייה.

גיטיל פלאץ איז געוועהן א געבוירענע א בוקארעסטערן פין א־נ־אלטער בוקארעסטער פאמיליע. עס האט עקזיסטירט א ווערטעל דא אין בוקארעסט: אויף איין אלטען בוקארעסטער פלעג מען זאגען: דער איז פין דיא אלטע ראקענפרעססער. איך האב געקאנט איהרען א זוהן ר׳ מאיר פלאץ, ער פלעג תמיד דאווינען אין אלטען בית המדרש אין סקוינים. אויף איהם פלעג מען זאגען אז ער איז איינער פין דיא אלטע ראקענפרעססער. איך האב אבער געזעהן אז ער איז פארט א־נ־עהרליכער מאנן אין א רעליגיעזער יוד. האב איך איהם געפרעגט וואס זאלל בעדייטען דער שענדליכער נאמען ראקענפרעססער, האט ער מיר ערקלעהרט: אין דעם היעזיגען לאנד מונטעניא האט מען תמיד פיינד געהאט יודען, נאר דיא איניגע פריצים וואס האבען בעדארפט צים בעל מלאכה. האט ער איהם שוין געמיזט ליעב האבען, אין דער יוד

וואס איז געוועהן א חשוב ביים פריץ, האט טאקע געקענט האבען די גרעסטע טובה פין דעם קריסט. אין א צייט איז דאס טירקישע מיליטער אוועקגעגאנגען פין בוקארעסט, האבען די וואלאכען צוזאממענגעטריעבען יודען אין א קריסטליכען הויף וואס איז געוועהן מיט א גרויסער מויער ארים. נאר ניט אללע יודען זענען דארט פערמאכט געוועהן, ווייל איינגע זענען אנטלויפען צי זייערע בעקאנטע פריצים אינ איינגע זענין אנטלויפען פין דער שטאדט. מיין פאטער איז אויך געוועהן איינער פין די געפאנגענע, האט ער מיר ערצעהלט אז מען האט די געפאנגענע אויסגעזעטצט איינע צייט פאן 4—5 וואכען זאללען זיך אללע שמד'ען אין ווער עס וועט ניט וועלין אננעהמין די שמד זאלל מען איהם הרגינן מיט א שוועהרער מיתה. וועהרענד דער צייט האט מען זייא געגעבען ראקעס עססען. אין דער צייט זענען די רוססען אריינגעקיממען אינ האבען געפרעגט אויף יודען, האט מען דעם גענעראל ערצעהלט די געשיכטע, האט ער א בעפעהל געגעבען מען זאלל די יודען פריי לאסען. פין דעמילס אן האבען מיר דעם שענדליכען נאמען. דאס האט מיר ערצעהלט דער מאיר פלאץ אינ זיינע מוטטער גיטעל פלאץ פלעג אויך דערפין ערצעהלען. זיא איז דאמאלס נאך געוועהן א יונג קינד*). זיא איז געוועהן א הויכגעוואקסענע פרוי וויא א שעהנער אייכענבוים. זיא איז געוועהן ריין ביז אין איהר טיעפער עלטער אריין אינ האט איהר שכל ניט פערלוירען ביז אין דער לעטצטער שעה פין איהר לעבען. אויך זיא איז מיט א גרינגען טוידט געשטארבען. עס איז אויף איהר קיין קאמענטאר צי מאכען.

16כ ישראל יאקעלעס נפטר ביום שבת 9 סיון ונקבר יום ראשון י' בו, 11 מאי 1885 בו שבעים וחמשה לימי חייו:

דעם האט מען עקספולזירט פינ'ם בתי מחסה לזקנים ווייל זער האט ניט געוואללט געהן מיט'ן קויש נאך פלייש. ער איז א

*) אין דאס איז אללעס צים גלויבען, ווארין דא אין מונטעניא האט מען מעהרערע מאל געהרגיט יודען, די געשיכטע האט געזאללט זיין אין יאהר 1801. ווארין אין דעם יאהר אין א ערשטען טאג פין זייער פסח 8 אפריל האבען די וואלאכען געהרגיט 128 יודען אין בוקארעסט. מיינע ליעבע לעזער קעננען דאס זעהן אין צווייטען טהייל פין מיינע קראניקעס "קורות היהודים רומעניען„ בלאט 66. אין מיינע קראניסען איז דא מעהרערע זאלכע אימגליקען וואס איז איבערגעגאנגען אויף אינזערע יודען אין די לענדער.

מאל געוועה! א שענער בעל בית אין בוקארעסט אינ א שטיקעל מיוחס. האט ער זיך געשעהמט צי געהען מיט דער קאשניצע נאך פליישׁ, איז ער געשטארבען ביי זיינע קינדער אינ ניט אין אזיל.

17 ריזא זכריה מאהלירס נפטרה יום שני ט״ז תמוז תרמ״ה ונקברה ג׳ שבעה עשר בתמוז 18 יוני 1885 בת תשעים לימי חייה:

דיא ריזא איז אויך געוועהן א הויכגעוואקסענע פרוי, א בוקארעסטערן א געבוירענע, האט זיך אויסגעלעבט איהר רעסט יאהרען אין בתי מחסה לזקנים אין איז געשטארבען אין דער ריינקייט מיט א גרינגען טוידט.

## שנת תרמ״ו

18 רפאל הירש אדער רפאל דוד נפטר י״ח תשרי תרמ״ו ונקבר יום שני ג׳ דחוה״מ סוכות 16 סעפטעמבער 1885 בן שבעים לימי חייו.

רפאל הירש איז געוועהן א בוקארעסטער פין א נאבלער פאמיליע, אויך א שוואגער מיט הרב שפּיעלמאנן, זיין שוועסטער האט געהאלטען דעם קראיאוועך רב. פיעל יאהרען איז ער געזעססען אין בראשאוו, זיינע גאנצע יוגענד האט ער פערבראכט אין קראנשטאדט אין זיבענבירגען. דיא גאנצע בעזע אונגארישע נאטור איז אין איהם איינגעווארצעלט געוועהן, גלייך ער וואלט געוועהן א ענינקעל פין אטילא *), וואס נאר עפּיס איהם איז ניט געפעלין האט ער א טיפּפ געגעבען מיט דעם פיס אין באוויזען דעם באסאמא. דורך זיין בעזהייט האט ער אויף דער עלטער בעקימּמען ד״א דאמלא אינ איז געבליעבען א קאליקע אויף א האנד אין א פיס אינ דאס לשון אויך גלעגט, נאר אויף דיא אנדערע אברים איז ער געזינד געוועהן אין פלעג ארימגעהן. וייל ער איז געוועהן פין א פאמיליע, האט איהם וועלוועל מיכאלאוויטש אריינגענעמען אין אזיל סוף חודש אפריל 1885, איז ער געזעסין רוהיג דעם גאנצען זיממער ביז נאך יום כפור. ער פלעג שמעקען טאבעקע, רייכערן, טרינקען אללערליי געטרענקע מעהר פין אללע

*) טראצדעם איז ער געוועהן אין קראנשטאדט אין זייבע גיטע יאהרען א גרויסער מכניס אורח אין א בעל צדקה, אין אבוואהל ער איז געוועהן א בחור ביז עטליכע אין פינפציג יאהר, האט ער געפיהרט א שענע בעלהבתישע שטיעב אין פלעג פרעמדע דורכרייזענדע פין דער גאס צי זיך פערשלעפען אין זייא בעווירטהען וויאפיעל צייט זייא האבען ביי איהם געוואללט ז׳טצען אין פלעג זייא נאך אלליין בעדיענען. דאס מיז מען איהם נאכזאגען צי זיין שבח (המבקר אליעזר כתבן).

אלטע לייט פינ'ם אזיל. יום שלישי י״ג תשרי 8 אוהר פריה האט ער זיך ציקריגט מיט איינינע אלטע לייט פינ'ם אזיל אין באוויזען דעם גרויסען אונגארישען כעס. האט ער באלד בעקימטען דיא הינפאללענדע קראנקהייט (חולה נופל) אין איז געפאללען צי דער ערד אהנע לשון אינ עס האט אין איהם געארביט אללע אברים, אינ אזוי איז ער געלעגען ביז אויף דער נאכט. נאך מערב האבען מיר איהם געלעגט אויף זיין בעט אינ אין דאר לאגע איז ער געלעגען ביז יום ראשון באנאכט 18 תשרי. 6 טאג רצופים האט איהם געכארכילט אין האלז וויא א שטארקער דאמפף-מאשין. זעהר מיט א שווערען טוידט איז דער מענש געשטארבען. דעם מין טוידט האט מען גענענט אנרופען „אסכרה“ אזוי וויא דיא גמרא זאגט: „קשה שבכולן אסכרה“ גלייך וויא ער האט א מין עיפוש אין האלז. דער האלז איז איהם גאנץ פערשטאפט געוועהן.

19 פייגע לעבעל נפטרה כ״ב אדר שני תרמ״ו 17 מערץ 1886 בת ששים ושב״ה לימי חייה.

פייגע לעבעל איז געוועהן דיא מוטטער פין מענדעל לעבעל (זיעהע אבען נומר 7). דיע אי: געוועהן פין דער גרויסער פא־מיליע. אויך ר׳ גדליה ברייערס א מומע. אויף דער עלטער האט זיא בעקימען א געפעהרליכע קראנקהייט אין דער מענשליכער נא־טור הן לצורך הן למי רגלים, האט מען זיא אריינגעגעבען אי אזיל נאר מען האט פאר איהר געצאהלט 30 פראנק א מאנאט אין דער דיענסט האט מען עקסטער געצאהלט כדי זיא זאלל זיא האלטען אין דער ריינקייט. זיא איז געלעגען איינינע חדשים אין דער אימריינקייט, האט געגעססען אין געטרינקען אין האט געהאט א שארף מויל צים רעדען. אין דעם טאג פין איהר טוידט האט זיא בעקימטען דיא הינפאללענדע קראנקהייט. האט זיך א סך ניט געמיטשעט אין איז אין דעם טאג געשטארבען.

20 וואלף גאלדנער אדער וואלף דיימיש נפטר י״ז אייר תרמ״ו ונקבר יום ראשון ל״ג בעומר י״ח בו 11 מאי 1886 בן ששים ושמנה לימי חייו:

וואלף גאלדנער איז געוועהן א הויכער שעהנער אנזיכטיגער מאנן נאר א קרענקליכער. נאך זיין אריינקימען אין אזיל איז ער א קורצע צייט ארימגענאנגען אויף זיינע פיס, דערנאך זענין איהם דיא פיס געשוואלען געווארין, איז ער צי בעט געפאללען, געלע־גען א פאאר חדשים אויף א געפעהרליכער קראנקהייט אין מיט א שווערען ביטטערן טוידט געשטארבען.

21 **אייזיק גרינפעלד** אדער **אייזיק דער וועקסינער** נפטר ג' אלול תרמ"ו ונקבר במוצאי שבת ד' בו 23 אויגוסט 1886 בן ששים ותשעה לימי חייו:

אייזיק גרינפעלד איז געוועהן זעהר א שוואכער, ער האט ניט געקעננט פארטראגען דאס עססען, פלעג ער בעטען דעם רשע איש לפידות ער זאלל איהם געבען א ביססעל זאפען אהן טייגלעך ווייל זיין מאגען קאן דאס טייג ניט פערטראגען. אויך דער אנ־דערע אלטער מאנן וואס איז מיט איהם געזעסען אין איין שטיב, אברהם יצחק האראוויטץ, האט אויך געבעטען דעם רשע ער זאלל איהם נאר זופפען געבען אינ ניט קיין טייגליך. דער רשע האט זייא אבער ניט געוואללט ציליעב טהין, לא די ער האט געקוהעהלט זייערע אלטע נשמות, האט ער נאך אנגעטראגען רכילות אויף זייא צי דיא קאמיטעטסמיטגליעדער. איינעם טאגעס איז ר' אברהם משה איזראעלאוויטש געקימען אין אזיל האט דער אייזיק גרינ־פעלד זיך בעקלאגט אויף דעם עססען אינ געבעטען מען זאלל איהם דאס עססען פערבעססערן, האט ר' אברהם משה א גע־שריי געגעבען מיט דיא ווערטער: אז עס געפעלט אייך ניט אונ־זער אזיל מעגט איהר אייך געהן, אינ האט באלד געשאפט מען זאללביידע בעטטען ארויסשטעללען אינ עס איז אויך ריכטיג באלד געשעהן. ווער עס האט ניט געזעהן דאס יאממערן אינ וויי־נען פין דעם אלטען שוואכען גרינפעלד פאר דעם ר' אברהם משה, האט קיין טרויריגע סצעניז אויף דער וועלט ניט געזעהן. אבער ר' אברהם משה איז געוועהן אזוי גיט אינ איהם געענפערט: איך קאן אייך גאר ניט העלפען, געהט צי הערן וואלף מיכאלאוויטש ער קאן אייך העלפען. דער אלטע שוואכע מאנן האט זיין ביטער הארץ אויסגעוויינט ביי ר' וואלף מיכאלאוויטש. דער ענפער איז געוועהן: „איך קאן אייך גאר ניט העלפען, געהט צים דר. בלו־מענפעלד, ער איז פרעזידענט קען ער אייך העלפען, אי דאס זאללט איהר שרייבען א וואלעכישע פעטיציע אין אייך ניט בע־קלאגען אויף קיין שום מענש, נאר איהר זאללט בעקעננען אייערע חטאים אינ ציזאגען אז עס וועט אייך ניט אנגעהן קיין שום זאך וואס עס געהט פאר אינ־ם אזיל". דיא ביידע אלטע לייט האבען א וואלעכישע פעטיציע געשריעבען נאך דער צענזאריע פין הר' וואלף מיכאלאוויטש אינ זיא איבערגעבען דעם דר. בלומענפעלד. דער דר. האט ביידע בעגנאדיגט אינ מען האט זייא צוריקגע־

שטעללט דיא בעטטען. איינער פינ׳ם קאמיטעט ר״ ליב יאנאוויטש האט געפרעגט: וואס וואר אין אמת דער גרויסער חטא וואס דער אלטע שוואכע מאנן איז אזוי געקוועהלט געווארין? האט מען איהם געענפערט: „האט ער ניט געזאללט א דעה זאגען אין עסין אריין. דאס משפט האט געדויערט א פאאר וואכען ביז מען האט זייא דיא בעטען צוריקגעשטעללט, דערוויל האבען זייא געשלאפען אין דרויסען אויף דעם גראז. דער אלטער ר׳ אברהם האראוויטץ איז געוועהן א געזונדער מענש האט ער געקענט אויס־האלטען דיא יסורים אבער דער אייזיק איז געוועהן א שוואכער אינ איז געלעגען אין דרויסען אויף דעם גראז אינ האט בעווײנט זיינע אלטע יאהרען. פאר גרוים ערגערנים איז ער צו בעט גע־פאללען אינ מיט א שוועהרען ביטטערן טוידט געשטארבען.

דער אנדערע אלטע מאנן ר׳ אברהם יצחק הארוויטץ איז נאך געזעססען א קורצע צייט אים אזיל דערנאך האט ער געזאגט: לא מרבשך ולא מעקצך אינ האט זיך אלליין אוועקגעצויגען פין דעם אזיל. ער האט נאך געלעבט ביז אים יאהר תרמ״ח.

ר׳ אברם יצחק הארוויטץ נפטר י״ אדר תרמ״ח ונקבר י״ח בו, 18 פעבער 1888.

## שנת תרמ״ז

22 משה ענגעל נפטר י״ג חשון תרמ״ז ונקבר י״ד בו, 31 אקטאבער 1886 בן ששים וחמשה לימי חייו.

משה מענדעל בר׳ חיים אב ענגעל איז אויך געוועהן איינער פין דער חברה כבוד התורה וואס האבען געשענקט איין ספר אין אזיל אריין, אזוי וויא אינזערע לעזער וועלין זעהן אין דער ביא־גראפיע פין דיא לעבענדיגע (בערל דערבלינדע) ער איז געוועהן א קראנ־קער אויף דיא פיס. ער האט ניט געקאנט דולדען דיא פערזעקו־ציאן פינ׳ם עקאנאם איש לפידות. דער לפיד אש האט געוואללט דער ר׳ משה זאלל איהם בעדיענען אינ דער אלטער מאנן האט ניט געקאנט, האט ער איהם ניט געוואללט פאלגען, אינ דורך דיא רכילות אינ מסירות וואס דער סאטראפ האט אויף איהם אנגע־טראגען, האט מען געזיכט מיטטעל איהם ארויסצוווארפען פינ׳ם אזיל. איינעם טאגעס איז געקיממען וואלף מיכאלאוויטש, האט מען איהם שוין ראפארט געגעבען אז דער אלטע משה ענגעל

האלט זיך ניט ריין אין דער מענשליכער נאטור, האט ער. וואלף מיכאלאוויטש א געשריי געגעבען: „וועה איז איהם ער יועט פעראימריינינגען דאס גאנצע אזיל, מען זאלל איהם ארויסווארפען אין מעהר ניט אריינלאזען אין הויף אריין. אין דאס איז באלד געשעהען. איך בין דערביי געשטאננען, עס האט מיר געטריעפט דאס בליט פין מיין הערץ ציציזעהן דיא שמערץ פינ'ם אלטען מאנן. וואלף מיכאלאוויטש האט פערגעססען אז אין אזיל זענען שוין געוועהן נאך ערגערע וויא משה ענגעל וואס האבען פער־אונריינינגט דאס אזיל אין קיין מענש האט פראטעסטירט זייא ארויסציווארפען. נאך היינט געפינט מען אים אזיל זאלבע וואס זענען ניט ריין אין דער מענשליכער נאטור אין מען ווערפט קיינעם ניט אר־ויס, נאר ציליעב דעם גהינם־שמש האט וואלף מיכאלא־וויטש זיך גענעמין דיא פרייהייט אללעס צו טהין אהנע צי פרע־גען דאס גאנצע קאמיטעט *).

מיינע ליעבע לעזער, דער מענש ר׳ משה ענגעל איז געוועהן עלענד וויא א שטיין. ער האט ניט געהאט וויא א נאכט איבער־ציגעכטיגען אין איז געלעגען ביים טירל פינ'ם אזיל, האט גיזיאמ־מערט אין געוויינט מיט בליטיגע טרעהרין אין קיין מענש האט זיך אויף איהם ערבארמט. דער גווארדיסט פין דער גאס האט אויף איהם רחמנות געקריעגען אין איהם אריינגעפיהרט אין דער קאמיססיע אין דארט האט ער גענעכטיגט. קורין דער מענש האט זיך געוואלגערט אויף אללע מיסטען. ער האט דאס לשון אויך פערלוירען. איך האב דאס עלענד פין דעם מענשען ניט געקענט ציזעהן, בין איך געגאנגען צי הר׳ אהרן גאלדענבערג, וויל ער האט איהם אריינגעגעבען אין אזיל, אין האב איהם ערצעהלט דיא גע־שיכטע האט ער מיר געזאגט: געהט אהיים מען וועט איהם שוין ציריק אריין־נעהמען. אין ריכטיג נאך איינגע טאגע איז אנגעקי־מען א בעפעהל דעם אלטען ווידער אויפצינעהמען. עס איז גע־וועהן סוף חודש אלול ווען ער איז ציריקגעקימען אין אזיל, נאר ער איז שוין געוועהן גאנץ פערלוירען, אהן לשון אין נאך מעה־

*) דאס וואר דעם גאנצען קאמיטעט ניט רעכט אויסער דעם דר. בלומענפעלד, נאר קיינער האט ניט געהאט דעם קוראזש אויפציטרעטען שטרענג וויא נאר הערר ליב יאנאוויטש. וואס האט זיך געקריעגט א לאנגע צייט אין עס האט ניט געהאלפען.

אין דער אימריינליבקייט אין דער מענשליבער נאטור, אז איך בין געצווינגען געוועהן איהם ימים נוראים ניט צו לאזען אין שיהל ארייןגעהן, פלעג ער ארימגעהן אין דרויסען ביי דער מזרח וואנד פון דער שיהל אונ דארט האט ער זיך זיין פערבימטערט געבראכען הערץ פאר גאטט אויסגעוויינט. קורץ מען האט איהם א בעזונדער שטיבעל אבגעגעבען אונ א בעטיל ארייגעשטעללט, ער זאלל גאנץ אבגעזאנדערט זיין פון מענשען. ביז נאך אללע ימים טובים איז ער נאך ארימגעגאנגען. נאר נאכהער איז ער צו בעט געפאלל׳ען אונ ניט מעהר אראפגעגאנגען. ט״ז תמוז תרמ״ז איז ער מיט א שוועהרען טוידט אונ אין דער גרעסטען אימריינליבקייט געשטארבען.

23 ליבע דייטש נפטרה ב׳ ניסן תרמ״ז ונקברה ג׳ בו, 61 מערץ 1887, בת שמונים לימי חיה.

ליבע דייטש איז געשטארבען בייא איהרע קינדער אונ ניט אים אויל.

24 הירש קיזער אדער הירש טשאקאלאדמאכער נפטר יום רביעי ט׳ סיון תרמ״ז, ונקבר יום חמישי י׳ בו 21 מאי 1887 בן שבעים וששׁ לימי חייו

הירש קייזער איז געוועהן א בלינדער מענש. ער איז אלט געוועהן 23 יאהר אז ער איז בלינד געווארין אויףביידע אויגען ער האט זיך ערנעהרט מיט בליטיגען שוויס, דאמיט וואס ער האט געמאכט טש.וקאלאדע. צו יענער צייט האט זיך געפיננען אין בוקארעסט א געוויססער ר׳ אברהם לוטפאק, א גרויסער קענער אים העברעאישען אונ אין דקדוק. זייא זענען צוזאממען געזעססען האט ער מיט איהם געלערנט תנ״ך אונ דקדוק, א גיטען קאפף אונ שארפען פערשטאנד האט ער געהאט, האט ער אללעס לייכט ערלערנט. מיט איינעם ווארט. דער ר׳ הירש קייזער האט גאנץ תנ״ך דקדוק אונ העברעאישע ארטאגראפיע אויטווענדיג געקענט. אין דיא עלטערע יאהרען אז זיין טשאקאלאדע האט אויפגעהערט צו פונקציאנירען, איז ער געווארין א העברעאישער לעהרער, איז דיא פראגע וויא אזוי האט געקענט א בלינדער מענש איינע שולע בילדען אונ מען זאלל איהם אנפערטרויען קינדער? האט ער אזא קניץ בעוויעזען: ער האט אריינגענעמין 6 ארמע קינדער אונ מיט זייא אימזיסט געלערנט. זיין ליעבע פרוי לאה

פלעג זיצען מיט א טישעל מיט סחורה אינ פלעג איהם געגעהרין. איך אינ עקיבא חשמל תנצב"ה פלעג מיר געראדע דאמאלס אר־ריינגעהן צו דעם ר' הירש קייזער אינ ציהערין זיין לערנען מיט דיא קינדער. דיא שכנים האבען געזעהן אז ער לערנט אזוי גיט מיט דיא קינדער, האט מען איהם נאך צוגעבראכט קינדער מיט שכר למוד. עקיבא חשמל ז"ל האט איהם דערצו א סך מיטגע־האלפען אינ אזוי לאנגזאם האט ער געבילדעט א שעהנע שולע. דיא קינדער האבען ביי איהם געלערנט העברעאיש רימיש אינ וואלעכיש. העברעאיש האט ער אלליין געלערנט אין צו דיא אנדערע שפראכען האט ער געהאלטען לעהרער. זיין וויב לאה איז שוין מעהר אין דער גאס ניט געזעססען מיט'ן טישעל אינ אזוי האט ער זיך ערנעהרט פיעלע יאהרען בכבוד גדול. אויף דער עלטער איז איהם זיין געטריי וייב לאה געשטארבען. האט איהם שוין קיינער ניט געהאט צו בעדיענען. קינדער האט ער ניט גע־האט. אזוי איז זיין שטיעב געגצליך צוגרונדע געגאנגען. א־נ־אמת'ר גיטער פריינד, וואס האט געירשנט דיא סימפאטיע פון זיינע על־טערן פאר דעם ר' הירש קייזער, א געוויססער אראלף ריינער האט זיך פערווענדעט ביים קאמיטעט פון בתי מחסה לזקנים דורך מעהרערע קאנדיציאנען וואס מיר קענען דא ניט פארברענ־גען אז מען זאלל איהם אריינגעהמען אין אזיל. אנפאנגס יאהר 1882 האט מען איהם אבגעגעבען זיין בעט אין דעם שטיבעל וואס הערר ריינער האט געבויט לזכרון פאר זיין ערסטער פרוי.

דיא ערשטע פאאר יאהרען האט ר' הירש קייזער מיט גרויס פערגניגען צוגעבראכט מיט אינז אינ־איינעם אינ אזיל. עס פלעגען צו איהם קימען ארמע קינדער פלעג ער מיט זייא לערנען העב־רעאיש, נאר וועלוועלע פלעג איהם פערביעטען דאס לערנען מיט קינדער. יום טוב אין שבת פלעגען צו איהם קימען נאבלע מענ־שען מיט איהם דישקורירען אינ צייטונגען פארלעזען. א יאהר פאר זיין טוידט איז ער צו בעט געפאללען אין ניט מעהר געקענט אר־ראבגעהן. אללע וואך פלעג הערר ריינער צו איהם קימען אין יער־רען בעדאנקען כדי מען זאל איהם בעדיענען. אינ אזוי איז ער גע־לעגען צו בעט ביז אין זיין טוידט אריין. אויך דיא פיס זענען איהם געשוואלען געווארען. אין דער מענשליכער נאטור איז ער

געוועהן זיין. נאר דיא כנים האבען אבער זיין ארמען קערפער שטארק בעזעטצט עס איז אונמעגליך געוועהן איהם צו בעריינינגען געגעד האט ער ביז אין דער לעטצטער שעה, האט טאג אונ נאכט געלענט קריאת שמע. א טאג פאר זיין טוידט האט ער אויפגעהערט צו רעדען אונ איז מיט א ביטערן שווערען טוידט געשטארבען. עס איז געבליעבען א ביססעל געלד איינצוזאמהנען.

הערר רייגער קאססירט איין דאס געלד. העלפט גיבט ער דער ארימער שוועסטער אין העלפט דעם אזיל ביז 150 פראנק, ער זאלל אנגעשריעבען ווערין אין טאבלוי פין דיא מעמברעס דע וועטש Membru de ve l איביגעס מיטגליעד. אנפאנגס יאהר 88 איז ער איינגעשריעבען געווארען אויף דעם שטיין.

## שנת תרמ״ח

25 משה רפאלאוויטש נפטר יום שני כ״ב אדר תרמ״ח ונקבר בו 2: פעבער 1888 ב שמונים ושלש לימי חייו.

משה בן מאיר ראפאלאוויטש וואר דער ערסטער אלטער מאנן וואס איז אויפגענעהמען געווארין אין אזיל. דער איז געוועהן א עלנדער מענש אהן ארנאיינציגען באפריינדטען דא אין בוקארעסט. א רוסישער א געבוירענער פין דער שטאדט דאבניע. וואלניר גוברעניע, איז ער געקוממען אין דיא לענדער רומעניען מיט דיא רוססען אים יאהרע 1828 אונ פין דעמילס איז ער געבליעבען אין דער וואלאכיי. וויא אזוי ער האט זיין לעבען צוגעבראכט אין דער יוגענד ווייס איך ניט. נאר אויף דער עלטער פין יאהר 1864 פלעג ער קלעבין ארים דעם הויז פין ר׳ יוסי ליב גוטמאנן. דארט האט מען איהם אונטערשטיטצט. אים יאהרע 1879 האט מען געקויפט דאס פלאטץ וועגען דעם ב״י. אויף דעם גרינד איז געוועזען א גערעבט וואלד *) פין אבסטבוימער אונ א נ־אלט הויז מיט א קעדעמילס האט מען מיך אריינגעזעטצט איך זאלל איבערנעהמען דיא מאטעריאלען וועגען דעם בוי אין מען האט מיר ארויסגעגעבען א פאפיער אונטערשריעבען פין אללע קאמיטעטסמיטגליעדער לעבענסלענגליך אזיל־פאטער צו בלייבען אין דעם אינסטיטוט וואס

*) דארט האבען זיך געפינען ביימער פין אללערליי פירות אין עס איז געוועהן נעסטין פין א־רישעס (א מין פעלדמויס וואס איהר גאנצער קערפער איז בעדעקט מיט שטעכענדיגע נאדלען). איך פלעג מיר מיט זייא איין אונטערהאלט מאכען.

דא וועט געבויט ווערין. קיין ליאפע האב איך ניט פערלאנגט, ווייל איך בין אויך געוועהן איין אקטיוועס מיטגליעד אין אונזער פערעיין אין האב איינגעצאהלט אזוי גיט וויא אנדערע מיטגליעדער. וויא מען האט אנגעפאנגען צי בויען האט ר׳ זוסי ליב גוטמאנן אינטערוועניערט ביים קאמיטעט מען זאלל אנגאזשירען דעם אלטען ראפאלאוויטש אלס אויפזעהער איבער דיא בעלי מלאכות אינ מען האט דאס ריכטיג געטהון אינ איהם דערפאר געצאהלט 40 פר. א חודש. פלעג ער קימען אין דער פריה אינ אוועקגעהן אויף דער נאכט. שפעטער, וויא דיא ערשטע 9 שטיבליך זענין פערטיג געווארען, האט ר׳ זוסי ליב גוטמאן פארגעטראגען מען זאלל דעם ר׳ משה אריינגעהמען. דיא שטיבער זענין אבער נאך ניט געוועהן אראנזשירט מיט בעטין אין בעטציייג, האט מען מיר איהם געהייסען אריינגעהמען צי מיר אין קעך. אם 3 דעצעמבער 1880 האב איך איהם צי מיר אריינגענעהמין, האב איהם געגעבען א בעט מיט שעהן בעטצייג אינ נאכטמאהל אין שבת האט ער בייא מיין טיש געגעססען. איז ער בייא מיר אוועקגעזעססען ביז נאך פסח וועהרענד דער צייט זענין דיא צימער אויסמעבלירט געווארען, האט מען אנגעהויבען צי שמיסען אלטע לייט אריינצינעמין נאר ניט עססען צי געבען. אים מאנאט מאי 1881 האט מען איהם אריינגענעהמען אין דיא נייע שטיבער. א שעהן בעט אבגעגעבען אינ עססען פלעג ער בייא ר׳ זוסי ליב גוטמאן. דער אלטער ראפאלאוויטש איז געוועהן א־נ־ארנטליכער מענש. דיא לעטצע 7 יאהר פין זיין עלטער האט ער ציגעבראכט אין אונזער אזיל. זיין נאטור האט אויסגעוויזען צי זיין פין איין עדלער פאמיליע געבוירען. אים יאהר 1886 אם 4 יוני האט משה ראפאלאוויטש געזאללט נהרג ווערין, האב איך נאך מיט צווייא מענשען איהם פין א געפעהרליכען טוידט גערעטטעט. איז ער נאך דאמאלס געוועהן ביים מענשליכען שכל אז ער האט איין עפפענטליכען דאנק געשריעבען אים היועץ נומר 847 פאם 16 אויגוסט 1886.

אינ אזוי איז ער ביז א יאהר פאר זיין טוידט געוועהן א רייינער מענש אין בייא אללע מענשליכע געוויססען. ער האט ניט גערויכט, ניט געשמעקט אינ ניט געקיקט אויף אויגענגלעזער. אנפאנג יאהר 87 אינ וויטער האט ער פערלוירען דעם רעכטע

שׂכל אין האט שׁוין בעגאנגען קינדערישע פעהלער. ער איז אויך
שׁוין ניט געוועהן ריין אין דער מענשׁליכער נאטור, דיא כנים האָ־
בען איהם אויך ניט ציריה געלאזט, נאר ער איז נאך אלין ארימ־
געגאנגען אויף זיינע פיס. ער פלעג נאך אריינגעהן שבת אין דער
פריה אין שׁיהל אריין אין דאווינען מיט טלית אין תפילין אין אזוי
איז ער ארימגעגאנגען עובר ובטל ביז אין לעטצטען טאג פין זיין
טוידט.

שבת פרשת פרה איז ר׳ משה געזעסין ביים טיש מיט אללע
זקנים אין געגעססען, זונטיג פריה איז ער געפאללען צו בעט אין
ביז אויף דער נאכט האט ער דאס לשון פערלוירען. אללע 5 מי־
נוט איז ער פי״ם בעט אראב אין מעהר ניט געקאנט ציריק ארויף
געהן, ער האט זיך מיט דעם טיש אין בענקליך געראנגעלט. ביז
האלבע נאכט האבען מיר מיט איהם געהאט צו טהון ביז מיר
האבען איהם בערוהיגט, נאך האלבע נאכט איז ער געבליעבען
ליגען מיט דיא אויגען צוגעמאכט אין עס האט איהם אנגעהויבען
צו כארכלען אין האלז, יום שני 22 אדר אום 5 אוהר אין דער
פריה האט איהם נאך זעהר שטארק געכארכעלט אין האלז, ביז
איך נאך נעבען איהם געזעססען א שעה. ביז 6, איז איהם דער
לעטצטע אטהעם פערשׁווינדען אין א טויטער קערפער איז פאר
מיינע אויגען ליעגען געבליעבען. אויף דעם טוידט פין משה רפאלא־
וויטש קעננען מיר ניט זאגען אז אס איז געוועהן א שׁוועהרער
ביטערער טוידט, אבער א מיתה נשיקה איז דאס אויך ניט גע־
וועהן.

26 **העניא לעבאוויטש** (דיא טשיקאוועכע) נפטרה כ״ו אדר תרמ״ח ונקברה יום ראשון כ״ח
בו, 28 פעבער 1888, ב״ג שמונים לימי הייה.

העניא בת ר׳ יוסף לעבאוויטש (דיא טשיקאוועכע) איז אויפ־
גענעהמען געווארין אין אזיל אים יאהרע 83, זיא איז געוועהן א
קרענקליכע פרוי, פלעג תמיד ארימגעהן מיט א שטעקען, נאר אין
דער מענשׁליכער נאטור איז זיא געוועהן געזינד אין שׁטארק אין
האט געגעססען אין געטרינקען וויא א געזינדער מענש מיט דעם
אללעם אין זיא געוועהן נאר הויט אין ביין, אין האט אזוי אוועק־
געלעבט אים אזיל 5 יאהר. פרייטאג ר״ח טבת נאך לעכט בענ־
שען איז זיא צו בעט געפאללען. ביז פרשת ויחי פלעג זיא נאך

ציב׳סלעך פינ׳ם בעט אראבגעהן. אינ שפעטער האט זיך דיא קרענק געשטארקט אינ זיא איז געשוואלען געווארין, אז זיא האט שוין פינ׳ם בעט ניט געקענט אראבגעהן. דיא טעג אינ דיא נעכט האט זיא פערבראכט מיט יאממערן אין געשריי, דיא גרויסע שמערצען האבען זיא ניט געלאזט רוהען. איהר זיפצען אינ שרייען האט יעדען אלטען מאנן אין פרוי אונרוהיג געמאכט, איבערהויפט דיא אלטע פרוי מעניא וויים וואס איז מיט איהר אין איין שטיב געזעססען. אין אזא געפעהרליכער קרענק איז זיא געלעגען 3 חדשים: טבת, שבט אין אדר. פין שבת פ׳ תרומה ביז דיענסטאג אין דער פריה אום 8 אוהר איז זיא געזעססען מיט דעם קאפ אראבגעהאנגען אינ האט זיך נישט געקעננט לעגען בשום אופן. דאננערסטאג כ״ה אדר איז זיא אראב געפאללען פין איהר בעט אין עס האבען זיך פיער מענשען מיט איהר געהויבען ביז מען האט זיא צוריקגעלעגט אויף איהר געלעגער. פרייטאג כ״ו אדר דרייא שעה פארטאג בין איך אריינגעגאנגען איך זאלל זיא מבקר חולה זיין, האט זיא געבעטען איך זאלל זיא א ביססעל אויפזעצין. איך האב דאס געטהאן, האב זיא אינטערגעשפארט מיט א פאאר קישען, האב איהר געמאכט א גלאס ווארם וואססער מיט מילך אינ איהר איינגעגעבען מיט א קאפעלעפעלע. זיא האט אבער דאס שוין ניט געקענט פערנעמין. וויא איך האב זיא נאר צוריקגעלעגט האט איהר באלד אנגעהויבען צו כארכלען אין האלז וויא א שטארקער מאשין אינ עס האט מיט איהר געארביט וויא א מין חולה נופל. אזוי האט זיא זיך געמיטשעט ביז פרייטאג אויף דער נאכט אום 7 אוהר, דאמאלס האט זיך געשייד איהר לעצטער אטהעם פין איהר גוף מיט שווערע אינ ביטטערע יסורים. אינ זיא איז געלעגען אויף איהר בעט ביז מוצאי שבת אין דער אומרייניקייט. אז דיא חברה־ווייבער האבען זיא אפגעהויבען פינ׳ם בעט איז דאס בעטציינג געווען מיט פערגליווערט בלוט וואס האט איהר דורכין האלז געזעטצט, דער האלז איז איהר גאנץ פערשטאפט געוועהן.

נאך מיינער מיינונג קען מען זא איין טוידט אויך אנרופען אספרה.

27 **מעניא ווייב** נפטרה יום שלישי כ"ט ניסן תרמ"ח ונקברה יום רביעי א' דראש חדש אייר,
30 מערץ 18·8 בת שבעים ותשעה לימי הייה.

סוף אדר אז דיא אלטע פרוי העניא לעבאוויטש האט זיך
אבגעשייד פין דיא לעבענדיגע אינ אונזער אזיל איז א ביססעל
רוהיג געבליעבען פינ'ם קרעבצען אינ וויינען פין דיא קראנקע מענ־
שען וואס זענין געשטארבען. דיא רוה האט אבער ניט לאנג גע-
דויערט. באלד נאך ראש חדש ניסן האט זיך אנידערגעלעגט דיא
אלטע פרוי מעניא, וואס איז געזעסען אין איין שט"ב מיט דער
טשיקאוועבע. דיא אלטע מעניא ווייס איז מעהר ניט געלעגען
נאר 4 וואכען. איהר שכל האט זיא ניט פערלוירען אינ מיט יע־
דען שעהן גערעדט. נאר זיא האט אויך בעשטענדיג געוויינט אינ
האט געשריגען אז דיא טשיקאוועבע האט זיא קראנק געמאכט*)
אינ דאס איז טאקע דער ריינער אמת געוועהן, ווייל דיא מעניא
איז מיט איהר געזעססען אין איין שט"ב, האט זיא געמיוט דיא
אנדערע בעדיענען אינ זיך מיט איהר מעהרערע מאל געהויבען.
אינ אזוי איז דיא אלטע מעניא געלעגען דעם גאנצען חודש ניסן
צי בייט. יום שני כ"ח ניסן איז זיא שטארק פארשלאפט געווארען,
באנאכט איז זיא פינ'ם בעט אראב אינ האט געוואללט ארויסלוי־
פען איז זיא צי דער ערד געפאללען, האט מען זיא מיט שוועה־
רער מיה צוריקגעלעגט. יום שלישי כ"ט ניסן אום 5 זוהר אין דער
פריה האב איך זיא גיט בעטראכט. רעדען האט זיא ניט מעהר
געקענט, נאר מיט דיא אויגען האט זיא מיך שטארק אנגעקיקט,
אינ האט מיט זייא אזוי שטארק געפינקעלט ווי א געזונדער מענש.
ווי הין איך האב מיך געקעהרט האט זיא מיט דיא אויגען נאכגע־
קיקט. זיא איז געלעגען רוהיג אינ שטילל, עס האט איהר ניט גע־
בארבעלט אין האלז ווי א ביי אנדערע. עס האט נאך געדויערט א
שעה, בי 6, איז זיא איינגעשלאפען גאנץ רוהיג. דעם טוידט קען
מען אויך אנריפען „מיתה נשיקה". זיא איז געלעגען זייבער אינ
ריין ביז אין דער לעטצטער שעה. קיין אומריינער פלעק האט זיך
געפינגען אויף איהר געלעגער, ביז מען האט זיא אבגעהויבען פין
איהר בעט אין געלעגט אויף דער ערד מיט דיא פיסס צי דער טהיר.

*) אין פאלגע דעססען האט העדר יאנאוויטש פארגעלעגט ביי איינער קאמיטעטססיטצונג אז
פיר קראנקע זאלל מען אבזינדערן איין עקסטער שטיבעל אין דער פרעזידענט ד"ר בלומענפעלד
האט דאס ניט געוואללט ציגעבען.

28 **באבע זעלדע** נפטרה כ״ב אלול תרמ״ח ונקברה יום חמיש׳ כ״ג. בו בת שבעים ושנים לימי חייה. 18 אויגוסט 1888.

דיא באבא זעלדע איז געוועהן איין אנגענעמינע העבאמע דא אין בוקארעסט אונ איז ניט געוועהן קיין ארמע פרוי, זיא האט געהאט א שעהן ביססעל פערמעגען. אם ענדע איהרעס לעבענס, אז זיא האט געזעהן זיא קאן שוין ניט פארברענגען איהרע עלטער בייא איהרע קינדער, דען זיא האט מיט זייא ניט גיט געלעבט, האט זיא געבויט א שטיבעל אין בתי מחסה לזקנים מיט דער קאנדיציע דארט צו וואהנען ביז נאך איהר אבלעבען אונ דערנאך געהער דאס שטיבעל אויף עולמות צים אזיל. אים חודש חשון האט מען זיא ארייגענעמין אים אזיל אונ האט א גאנציען ווינטער נאך פונקציאנירט אלס בובע. אבער אויפ׳ן זוממער איז זיא גאנץ שוואך געווארען אונ איז קיים אויף איהרע פיס ארימגעגאנגען זיא איז געוועהן נאר וויא א סקעלעט אין א מענשענהויט אונ איז מיר פארגעקיממען וויא א ברעט וואס דארויף איז אויפגעזעטצט א מענשענקעפעלע אונ דאס האט גערעד פאר פייער אין פאר וואס־סער. זיא האט זעהר גוט געקאנט לעזען אונ אין יורישע ביבער אונ ביז אין איהר טוידט אריין איז זיא געוועהן א ריכטיגע לוקד סאסע פרוי. איהר פיצען מיט איהר פודערן האט ניט פארפעהלט א יעדען טאג. דיא קרעלין אונ דאס פינגערל האט זיא ניט גע־לאזט אראבנעהמען ביז נאך איהר טוידט. י״א אלול תרמ״ח איז זיא געפאללען צו בעט אונ מעהר ניט אראבגייזאנגען. איינגע טאגע פאר איהר טוידט האט זיא געוואללט ארימוואנדערן אין שטיב, אזוי וויא איך האב דאס שוין בעמערקט בייא אנדערע קראנקע. זייא וויללען זיך בעהאלטען פאר דעם טוידט — וואהר־שיינליך איז דאס איינס פין דיא פערשיעדענע מענשליכע נאטורען. דען נישט בייא אללע קראנקע געשיעהט דאס — אבער דיא בובע זעלדע איז אראבגעפאללען פין איהר בעט אונ האט מעהר ניט געקאנט ארויפגעהן, מען האט זיא שוין געמייזט ארויפלעגען, אונ אזוי איז זיא שוין געלעגען אויף איהר געלעגער ביז אין טוידט אריין. א טאג פאר איהר טוידט האט זיא געזאגט צו דיא קינדער זייא זאללען ברענגין דעם דר. קרעמיניצער מיט נאך צווייא דאקטארען אין מען זאלל מאכען א קאנסיליאום אונ וויא באלד זייא וועלין

דאס ניט טהין וועט זיא זייא רופען צים בית דין של מעלה *).

מיטוואך כ״ב אלול אום 5 אוהר אין דער פריה בין איך אריינגעגאנגען זעהן וואס זיא טהיט, האט זיא זיך אומגעקעהרט צי מיר, האט געעפענט איהרע אויגען אינ געזאגט: איך שטארב, דערנאך האט זיא זיך ווידער אומגעקעהרט צי דער וואנד. זיא האט פין זיך געקניפפען אין געריססען דיא הויט פין איהרע ביינער. איך האב געזעהן אז זיא איז שוין באלד פערטיג, האב איך גע־שיקט נאך א חברה־יודענע. ארים 6 אוהר האט זיא זיך ווידער אומגעקעהרט צי אונז, איך בין דאביי געשטאנען, דיא חברה יו־דענע אינ איהרע צוויי טעכטער, האט זיא געעפענט דיא אויגען אינ האט געזאגט: „קינדער לעזט מיך אויס“ אינ דאס זענען געוועהן איהרע לעטצטע דריי ווערטער, זיא האט באין אופן ניט געוואלט שטארבען. זיא איז געוועהן ביים גאנצען שכל האט זיך צוריק אימגעקעהרט אינ עס האט איהר באלד אנגעהויבען צי בארטשען אין האלז אין ביז האלב 8 אין דער פריה איז זיא איינגעשלאפען מיט א שווערען טוידט. דעם טוידט קענען מיר ניט אנרופען אסכרה. אבער אויך ניט נשיקה, נאר דאס איז איינע פין דיא אנ־דערע מיני מיתות וואס דיא תלמודיסטען זאגען.

אין דער מינוט וואס דיא חברה יודענע האט זיא איבער־געדעקט, האב איך געהייסען דער מיטטעלסטער טאכטער, מא־ראמע ליבטיג, זיא זאלל אראבנעהמען דעם מארזשאן פין איהר רעכטער האנד אין דאס פינגערל פין דער לינקער, וויל ביז אין

*) דיא מיטעלסטע טאכטער איז אוועקגעלאפען רופען דעם דאקטאר. בין איך מיט דער עלטע־רער טאכטער געבליעבען אין שטיעב לעבען איהר בעט, זאגט דיא טאכטער צי מיר: זיא גלויבען הערר פסנהר אז פאר מורא וואס זיא האט געזאגט אז זיא וועט מיך לאדען צים בית דין של מעלה האב איך געשיקט רופען דעם דאקטאר, ניין, איך וויים אז דאס איז מאפט, ווארין איך אליין האב איהר דאס אבגעטהין. פאר א פאאר יאהר איז מיין יונגערע שוועסטער ביי איהר געזעססען. האט זיך דיא מאמע מיט איהר ציקריגט אין האט מיין שוועסטער ארויסגעווארפען אים ווינטער מיט פיער קליינע קינדער, האב איך זייא צי מיר אריינגענעהמען. אבער דיא מאמע האט איהר ניט געוואללט אבגעבען דיא זאכען אין האט אללעס פערהאלטען, האב איך מיך אבגערעדט מיט נאך דריי ווייבער אין מיר האבען זיך אנגעטהין מיט לאנגע ווייסע העמדער אין מיט ווייסע לא־לעכער איבער דיא קעפ אין מיר זענין באנאכט געגאנגען צי איהרע פענסטער אין האבען זיא געריפען ביים נאמען אין איהר געזאגט, וויא באלד זיא וועט דער טאכטער ניט אבגעבען דיא זא־כען, וועלין זייא קימען מארגען אויף דער נאכט אין וועלין זיא ריפען צים בית דין של מעלה, האט זיך דיא מאמע שטארק דערשראקען אין אז עס איז נאר טאג געווארען איז זיא געלאפען צים רב אין האט איהם ערצעהלט דיא מעשה. האט דער רב געזאגט: גיב אב דיין טאכטער דיא זאכען, ווען ניט וועסטו מיזען געהן צים משפט, אזוי האט זיא אינז געריפען אין האט אינז אב־געגעבען אללע זאכען.

איהר טוירט אריין האט זיא ניט געלאָזט אראבנעהמען דאס צי־
רינג פין איהרע הענד אין דערמיט איז זיא געשטארבען, אין דער
גרעסטער ריינקײט ביז אין דער לעטצטער שעה.

29 רבקה בעריל חזנ'ס ווייב נפטרה יום ששי ג' טבת ונקברה יום ראשון ה' טבת שנת תרמ"ט
בת ששים וחמשה לימי חייה (27 נאוועמבער 1888).

רבקה איז געוועהן איינע פין דיא פרימסטע ווייבער אין בוּ־
קארעסט, אין איינע פין דיא נאהנטסטע פריינדע מיט דער משפחה
צענטלער, לייבליבע געשוועסטער קינדער מיט ר' אשר קעניג, מיט
ר' מענדעל ביילעה, מיט דאווידאוויטשעס קינדער, דיא נאבעל־
סטע פאמיליען פין בוקארעסט. זיא האט געלעבט מיט בעריל
חזן 28 יאהר אין האבען קיינע קינדער געהאט. סף. דומיטרע 88
זענין זייא אויפגענעמין געווארין אין אזיל, נאר זייא האבען חרטה
געהאט אינ האבען זיך ניט געוואללט אריינציעהן. דאס הארץ
האט זייא ניט געצויגען צים אומגליק, דיא פריינד האבען אבער
זעהר שטארק געארביט אינ ר' אשר קעניג האט זייא ציגעגעבען
צי דער שטיב דאס קעמערל פין דער שיהל אבי זייא זאללען זיך
אריינציעהן אין דארום האבען זייא פארשפעטיגט דיא צייט. יום
ראשון כ"א כסליו האבען זיי זיך אריינגעצויגען אים אזיל. א־נ־אלט
מענש איז זיא געוועהן, האט זיא זיך א ביססעל אנגעשטרענגט
ביים איבערציעהן אין דאננערסטאג כ"ה כסליו האט זיא א גאנ־
צען טאג געארביט בייא דער מאגאזיע אינ געטראגען ציגעל. א
שוואכע פרוי איז זיא געוועהן, איז זיא געפאללען צי בעט אינ
האט אנגאהויבען צי שרייען ביים הערץ טהיט זיא וועה, זענין זיך
צוזאממענגעקימען דיא אלטע ווייבער פנ'ם אזיל אין האבען איהר
געלעגט מושטאר אויפ'ן הערץ אין נאך אנדערע באבסקע מיטעל
וואס האבען גאר ניט געפאכט צי איהר קרענק, אז ביז צוויי בא־
נאכט איז זיא אריינגעפאללען אין א געפעהרליכער קרענק. איהר
זיפצען אינ קרעכצין איז ניט געוועהן צי דערליידען. איך האב דער־
פין ניט געוויסט, ווען איך הער קלאפט ר' בעריל ביי מיר אין דער
טהיר אין שרייט מיט א געפעהרליכער שטיממע: „ר' יעקב שטעהט
אויף אין קימט אריין, מיין ווייב איז שטארק פערשלאפט געווארין.
איך מיט מיין ווייב זענין אריינגעלאפען אינ מיין ווייב האט זיא
באלד אנגעפאנגען אבצישמירען אינטערן הארץ, האט זיא ערפאה־

רעז אז זיא האט א בראך איז פינ"ם ארבייטען וואס זיא האט א גאנצען טאג גערבײט ביי דער מאגאזיע אינ ציגעל געטראגען, האט זיך איהר ארבגעלאזט דיא וואטעמאטורע, דארום האט זיא געהאט זאלבע שמערצען אין בויך. פין דעם אלטען פעהלער וואס זיא האט געהאט האט זיא זיך געשעהמט אויסציזאגען אינ האט נאר געשריעגען זיא האט א קאליסע, מיין ווייב האט אבער איהר אלטען חסרון באלד מגלה געוועהן אינ האט געהייסען רופען א בובע מען זאלל זיא ווייבעריש אונטערזוכען, אינ דיא אללע מיטלען וואס דיא ווייבער האבען איהר געטהין האבען איהר נאך מעהר שמערצען געבראכט. פרייטאג אין דער פריה האט מען גערופען דעם דר בלומענפעלד אינ מען האט איהם ניט געזאגט זיא איז גערירט פין דער וואטעמאטורא, נאר אז זיא האט א קאליקע, האט ער איהר געגעבען פראשיקעס אינ פין דעם האט זיא אנגעהויבען שטארק צי ברעכען, איז דיא קרענק נאך פערשטערקט געווארען. שבת פרשת מקץ האט מען גערופען דעם דר. דאוויראוויטש, האט ער איהר אויך מיטטעל נעגעבען. זאנטאג כ"ח כסליו האט מען גערופען דעם דר. שאכמאנן. וויא ער האט זיא נאר אונטערזוכט האט ער ערקלעהרט אז דיא קישקעס זענען איהר איבערגעקעהרט געווארין אינ מען מיז איהר איינע אפעראציאן מאכען. אין דעם טאג אבענד איז געקיממען דר. דאווידאוויטש אינ דר. סאלטער, האבען קאנסטאטירט איהר קרענק אינ איהר געהייסען מאכען ווארמע ביטלעך אינ ווארמע קריסטירען. מען האט דאס געטהין אבער עס האט איהר וועניג וואס געהאלפען, דאס ביססעל וואס זיא האט געגאססען האט זיא דארכין מויל צוריקגעגעבען. מאנטאג האט ר' בערל נעבראכט דיא בובע עלקע וואס האט איהר געמאכט אין דעם טאג דרייא קריסטירהן, דיענסטאג איז אויך געקיממען דיא בובע אינ האט איהר געמאכט קריסטירין, אינ צים לעטצט איז געקיממען דיא בובע שלאמצע אינ האט איהר אויך נעמאכט ,קריסטירען. מען האט איהר אזוי פיעל קריסטירען געמאכט אז דאס וואססער האט איהר בויך צטראגען. יום חמישי ב' טבת בין איך אריינגעקיממען, זאגט זיא צי מיר: ר' יעקב וואס זאלל איך טהון, איך וועל עס ניט אויסהאלטען, עס ציטראגט מיר מיין בויך, וואס איז צי טהין? דאס איז געוועהן א

טאג פאר איהר טוירט. זיא איז געוועהן בייא איהר גאנצען שכל. פרייטאג נאכמיטטאג בין איך אריינגעקימען זיא צי בעטראכטען, איז זיא געלעגען מיט דיא אויגען אפפען, נאר זיא האט שוין ניט גערעד אין פין אהר בויך האט מען געהערט א גרויסען לערם עס האט איהר געזאטטען אין דיא קישקעס וויא אין א קעססיל. איך בין ציגעגאנגען צי איהר, האט ר׳ בערל געזאגט: וועקט זיא ניט אויף זיא שלאפט. איך האב אבער געזעהן וויא דיא טרעהרין שטעללען זיך איהר אין דיא אויגען אינ האט נאך איינגע פינקעל געגעבען מיט זייא אינ ביז 5 נאכמיטטאג איז זיא איינגעשל אפען שטילל אונד רוהיג, עס האט איהר ניט געבארטשעט אין האלז וויא ביי אנדערע, אבער אזא קרענק האט זיך אויך ניט געטראפען בייא אונז אים אזיל, ווען מען האט זיא ארויסגעפיהרט אויף דעם פעלד, האט זיך דאס וואססער פין איהר ארויסגעשיט אובין ארים אינ הינטען ארים. דאס איז אויך איינע פין דיא שוועהרע מיתות וואס קוועהלט דעם זינדיגען מענשען ביז ער ווערט פריי פין דער לעבענדיגער וועלט.

30 יעקב ליב מארקוס (זיידעלע) נפטר מיטוואך באנאכט 11 אוהר 7 שבט ונקבר יום שש 9 שבט תרמ"ט 30 דעצעמבער 1888) בן ששים ושמונה לימי חייו

יעקב ליב מארקוס (זיידעלע), א שניידער פין פראפעסיאן, איז געוועהן קליין פין סטאטור אינ א קראנקער מענש: ער האט בעשטענדיג געהיסט אינ איז געוועהן נצרותדיג, תמיד האט ער געיעמין אבפיהרמיטטעל אינ דערפאר איז ער ארימגעגאנגען נאר קרעכצענדיג. שכל האט ער געהאט ביז אין דער לעטצטער שעה, אינ האט זיך תמיד אלליין בעדיענט. אז ער איז געוועהן בקו הבריאה פלעג ער זיך אבגעבען מיט ברויד אויסטהיילען פאר דיא אנדערע זקנים איעדען זיין פארציאן

אין חדש טבת האט איהם דיא קרענק שטארק ציגעטרע־טען איז ער שוין וועניגער ארויסגעגאנגען אינ איז אין שטיב ארימ־געגאנגען, דעם קאפ ציגעבינען. ער האט זיך בעקלאגט דער קאפ טהיט איהם וועה אינ עס שפארט איהם אינטערן הערץ, איך אינ מיין ווייב פלעגען אריינגעהן אין טהון וואס מיר האבען געקענט. מיין ווייב האט איהם געשמירט אינמערן הארץ אינ דער קאבער מיט טשייא אי געשטאנען אויפן טיש אינ מיט ספירט האט ער

זיך איהם אלליין געמאכט. אזוי איז ער ארימגעגאנגען קרעכצענדיג אינ וויקען זיך אינ קיין גרייצער האט ער ניט געהאט ער זאל נעהמען דעם רעצעפט וואס דר. בלומענפעלד האט איהם פערשריבען, האט ער זיך געמיזט לייען צוויי פראנק, דער עלטערער זיהן פין פיטעשט האט איהם געשיקט צעהן פראנק האט ער באלד אבגעגעבען דיא צוויי פראנק ער האט אבער שוין קיין צייט געהאט דעם רעצעפט צו נעמען. וויל ז׳ שבט מיטוואך באנאכט ארים 11 אוהר איז ער געשטארבען מיט א מיתה פתאומיות (אפאפלעקסיע).

אין דיא מיתה פין דעם מענשען איז געוועהן אויף דער ארט וויא מיר וועלין דא בעשרייבען:

מיטוואך ז׳ שבט האט מען פאר דיא מענשען קיין פליישׁ געקאכט, נאר בארשט מיט קארטאפעל, אינ פאר דעם קראנקען האט מען עקסטער געקאכט א זאפען פין פלייש. פאר נאכט האט ער דיא זאפען געגעססען. האט זיך געמאכט א טשייא אויף ספירט אינ געטרינקען א ביססעל טשיי אינ האט זיך געלעגט אויף זיין בעט. אין דער שטיב זענען נאך געזעססען צווייא מענשען, ר׳ בעריל חזן אינ הזקן ר׳ לוי פאסאמאניג. דיא צווייא מענשען האבען זיך אויך געלעגט שלאפען אינ האבען דעם לאמפ אויסגעלאשען. ארים צעהן באנאכט איז דער קראנקער אויפגעשטאנען, איז אראבגעגאנגען פינ׳ם בעט אינ געוואללט ציגעהן צו דער סאבע וויא עס איז געשטאנען א בענקעל מיט א שיססעל וואס ער פלעג אין איהר ארייגשפייען דא נעבין בענקעל איז ער געפאללען צו דער ערד מיט דיא פיס צו דער סאבע אינ מיט דעם קאפ צו דער מיט שטיב אינ האט שוין מעהר קיין קרעכץ געגעבען, דער אלטער ר׳ לוי פאסאמאניג האט געהערט דעם קלאפ ווען ער איז געפאללען, נאר ער האט געמיינט דיא שפיי־שיסעל איז אראבגעפאללען פינ׳ם בענקעל, האט ער זיך ניט געוואללט ריהרען פינ׳ם געלעגער. שפעטער מיט איינינע מינוט האט ער זיך בעדענקט ער וויל זעהן וואס איז אראבגעפאללען. האט ער אנגעצינדען א לעכט. וויא ער האט געזעהן דעם קראנקען אויף דער ערד ליגען אהנע אטהעם, האט ער אויפגעוועקט ר׳ בעריל חזן צו לעגען א האנד אויף דעם קראנקען, האבען זייא ביידע מורא געהאט. נאר ר׳

בעריל אין באלד געלויפען צו מיר מיט א גרויסען שטארם: ר׳ יעקב קימט אריין דער קראנקע איז אראבגעפאללען איך בין באלד אריינגעלאפען — אהן תחתונים אונ בארוויס דען איך האב קיינע צייט געהאט מיך אנציטהין — אונ האב איהם געפינגען אויסגעשטרעקט אונ שוין האלב פערקילעלט אונ מיט דיא אויגען אפען. עס איז געוועהן האלב צוועלף דער זייגער. איך האב איהם געריעבען דיא הענד אונ האב געזעהן ער איז שוין טוידט. האב איך איהם אונטער דיא ארעם גענעהמין, נאר ער איז געוועהן שוועהר וויא בליי, האט מען מיר געמיזט העלפען אונ איך האב איהם אויף זיין בעט געלעגט. ערשט דענסטמאל האט מען אוועקגעשיקט נאך דיא חברה־שמשים.

לויט א נוערע חכמים בעהויפטען איז דער מענש געשטארבען מיט מיתה נשיקה וואס דאס הייסט ביי זייא מיתה פתאומית (אפאפלעקסיא).

81 זיסעל ראפאפארט נפטרה יום שני ט׳ תמוז תרמ״ט ונקברה יום שלישי בו. בת שבעים ושמונה לימי חייה (27 יוני 1889):

זיסעל ראפאפארט איז געוועהן פין א שעהנער משפחה. זיא האט מגדל געוועהן קינדער אונ קינדסקינדער ביז אין דריטטען דור. אז זיא איז אריינגעקיממען אין איהר טיעפער עלטער ביז איבער דיא זיבציג יאהר, האבען זיא איהרע קינדער אריינגעגעבען אין אזיל אונ דארט האט זיא איהרע יאהרען פאר מיט דיע זקנות פינ׳ם אזיל שעהן צוגעבראכט. ארימגרהן אין דרויסען האט זיא נ׳ט געקענט אונ איז שוין מ׳יסטענס צו בעט געלעגען איהרע קינדער פלעגען אללע מאל קיממען אונ זיא אונטערשטיטצען מיט וואס איהר הערץ האט פערלאנגט. זיא האט שוין גאנץ ווענינ געגעסען אונ איז געבליעבען גאנץ דאר, זיא האט אויך זיך ניט געהאט קיין דרעם פלייש, נאר איהרע הויט ביינער זענין געוועהן איינגעהילט אין א מענשען־הויט איהר קערפער איז געוועהן א מעטער דיא גרייס. אין אנפאנג חודש תמוז איז זיא קראנק געווארין אויף א קאליקע. אראבגעהן פינ׳ם בעט האט זיא ניט געקענט. דאס אבוויבען האט איהר מארדערפסירט דאס וווייסע געלענער, נאר דיא קינדערלעך האבען זיא בעדיענט אונ אין דער ריינקייט געהאלטען. יום שלישי ג׳ תמוז האט זיך דאס אבווייבען אויף איהר

געשטערקט איז זיא געלעגען מעהר טוידט וויא לעבעדיג. האט אללע מאל געעפפענט דיא אויגען, א יעדען אנגעקיקט אינ גערעד קליגע רייד. טרויריג איז געוועהן ציציזעהן וויא דער שרעקליכער טוידט מיטשעט דעם שוואכען מענשליכען קערפער. מיר האבען ציגעזעהן אזא טוידט וואס עס איז אונמעגליך צי בעשרייבען. 6 טאג מיט 6 נעכט האט דער מערדערליכער טוידט זיין ראללע געשפיעלט מיט דעם אונגליקליכען קערפער. איך מיין אז אזא טוידט איז נאך שוועהרער וויא דער טוידט וואס דיא גמרא רופט איהם אסכרה. ביז אין איהר טוידט זענין איהר דיא אויגען ניט טינקעל געווארען אינ האט ניט פערלוירען דאס געהער. איינגע שטונדען פאר איהר טוידט האט זיא מיר געזאגט דיא פאאר ווערטער מיט א שטילל קול: „ביז וויא לאנג נאך וועט מיך דער ביטטערער טוידט אזוי שטארק מיטשען". זונטיג פארנאכט האט זיא דיא ווערטער געזאגט אין מאנטאג 1 נאך מיטאג איז זיא פריי געווארין פין דעם גזלן מיט זיין האק אינ דער קערפער איז געבליעבען ליעגען אהנע זיך צו בעוועגען.

32 ר' יצחק פיקעווער נפטר יום שבת קודש ד' אלול תרמ"ט ונקבר יום ראשון ה' בו 20 אויגוסט 1889 בן שמונים לימי חייו.

ר' איציק פיקעווער איז געוועהן פין דיא ערשטע מענשען וואס מען האט אויפגענעמין אים אזיל אים יאהרע 80. ער איז דאמאלס שוין געוועהן א מענש פין א יאהר 70 פין מיר בערעכענט, אינ איז נאך געוועהן א קרעפטיגער מענש, נאר טויב וויא א האלץ ער איז געוועהן א מאלער אינ אנשטרייכער. פלעג ער נאך געהן ארבייטען דיא מלאכה אינ זיך שעהן פערדיענען זיין גרייצער. ער איז זיך תמיד געגאנגען שעהן געקליידעט אינ איז געוועהן דער ריינסטער מענש אינטער דיא אלטע לייט, אינ אזוי האט ער ציגעבראכט ביז אין זיין טיעפער עלטער. אים יאהרע 88 איז ער שוואך געווארין אויף דיא פיס אינ האט דיא מלאכה שוין ניט געקענט בעניטצען, פרעגען איהם זיינע ארמע קינדער אונטערשטיטצען, האט ער שוין זיין טיעפע עלטער מיט שוועריגקייט צור געבראכט. טאג אין נאכט האט ער געמיזט מיט ווארמע ציעגעל זיין בויך ארימלעגען. סוף יאהר 89 האט איהם זיין טיעפע עלטער ציגעריקט אז ער איז קוים אויף דיא פיס ארימגעגאנגען. יום שני

ט״ו אב תרמ״ט איז ער צו בעט געפאללען אינ ניט מעהר גע־קעננט אראבגעהן. מיטוואך באנאכט איז ער פינ׳ם בעט אראבגע־פאללען אינ מיט שוועהרער מיה האבען מיר איהם צוריק ארויפ־געלעגט. ער האט ניט געגעססען, נאר א ביססעל טשיי אדער לי־מאנאדע געטרינקען. ער איז געלעגען אינ דיא הויט איז איהם אבגעקראבען פין זיינע ביינער. זיין קערפער איז געוועהן מיט וואונדען בעדעקט אין אויסגעדארט. ער האט פארגעשטעלעט א סקעלעט איבערגעצויגען מיט א מענשענהויט. דער טוידט האט איהם גע־מיטשעט אהן רחמנות. ער איז געלעגען זויבער אינ ריין ביז אין דער לעצטער שעה. זיינע ארמע קינדער האבען איהם ארדענטליך אינ שעהן בעדיענט ביז צום גראבען. שבת מיטטאג איז איהם זיין לעטצט ביססעל אטהעם אויסגעגאנגען. עס האט איהם נישט געהארטשעט אין האלז אין נישט געבארטשיט אין בויך, נאר נשיקה קעננען מיר אזא מין טוידט אויך ניט נעננען, ווייל דער מענש האט געליטטען גרויסע שמערצען פאר זיין טוידט אין אזא ביט־טערע קרענק, אז דער צושויער האט געמעגט האבען א הערץ פין מארמאר האט ער אויך געמיזט וויינען.

33 **יעקב בן אברהם סג״ל ווארנצאף** נפטר יום ראשון י״א תשרי שנת הר״ן ונקבר י״ב בו 25 סעפטעמבער 1889 בן ששים ושש לימי חייו,

יעקב ווארנצאף האט זיך גינעהרט פין גענז שטאפען אין מיט דעם גישעפט האט ער זיך ערווארבען איין ביסעלע פארמעגען. אין דעם יאהר 89 איז זיין ווייב געשטארבען אינ ער איז גיבליבען איינער אליין, קיין קינדער האבען זייא ניט געהאט אינ ער איז גיוועהן אביסעל קרענקליך אויך וויא א ראמלאזשיא, האט ער זיך אויס גיגלייכט מיט דיא איפיטראפען פין דעם אזיעל אין האט זייא גיגעבין 100 רענדליך אין מען האט איהם אריין גינעמין אין אזיעל. ער האט נאך גיגעבין אביסעל קיפער אין דעם איזיעל אריין, איין זייגעריל, איינינע נאפאלעאן האט ער גיגעבען צי בא האלטען אין דער אזיעל קאסע ער זאל האבען אויף זיינע בייא הוצאות בא זיין לעבען.

אין ערשטען מארטיא 1889 איז ער אריין אין איזיעל אינ דעם 3 סעפטעמבער איז ער גיפאלען צי בעט קראנק, עס איז איהם ארויס דיא בני מעיים, דעמאלס האט מען פאר רעכט דיא שטי־

בער איז ער גילעגען אין סאלע, אינ זייער קאלטע רעגענס האבען דעמאלס אנגעפאנגען, האט ער זיך שטארק פאר קעלטעט איז ער אריין אין איין שטארקער קרענק, דיא פיס זענין איהם גילעהמט גיווארען. ביז ראש השנה האט ער נאך גיקענט אראפ געהין פין דעם בעט אינ אביסעל איבער געהין דיא שטיב, אין מעהר איז ער פין דעם בעט ניט אראפ גיגאנגען. גיגעסען האט ער גאר ניט נאר אביסעל וואסער אדער אביסעל טשייא געטרינקען. יום ראשון י״א תשרי האט ער אהן גיהויבען ארויף צי ברענגען איין מין ליחה וויא שווארץ בליט (מרה שחורה) עס איז גיוועהן איין מורא איהם אן צי זעהין, וויא ער האט זיך מיט דעם בליט אויס געשמירט דאס מויעל אינ דיא נאז אינ דיא ווענד, דאס גישווילבץ איז איהם צי גיטרעטען צים הארץ. זיין קרעכצין אינ שרייען טאג אין נאכט איז גיוועהין שרעקליך צום הערין. יום ראשון ארום 4 נאכמיטאג האט ער נאך גיזאגט דיא ווערטער שמע ישראל רחם נא, אינ ארום 10 באנאכט האט איהם אהן גיהויבין צי חארטשין אין האלז עס האט איהם גיזאטען אין האלז וויא אין אקעסיל אין ארום 2 באנאכט האט איהם דער טויט בא פרייעט. דיא הויפט קרענק זיינע איז גיוועהן חולי מעיים.

איך גלויבע דאס דיא קרענק פין חולי מעיים וואס דער מענש האט גיליטען איז נאך ערגער וויא דיא קרענק אסכרה. 22 טאג איז דער מענש גילעגען אין גרויסע שמערצען ביז דער טויט האט איהם בעפרייעט פין דער מערדערליכער קרענק.

מושל מקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים (משלי כ״ט)

נעקראלאג פין א יונג ביימעלע וואס עס האט ערשט צוויי מאל פירות געבראכט אויף דער וועלט אין איז ביז אין 5 טען יאהר פין זיין לעבען אינטערגעהאקט געווארין, ניט א מאל צי דערקענגען דאס ארט וויא עס געוואקסען האט.

אין 84 האב איך געפלאנצט א קאיוסען ביימעלע בא דיא פענסטער אין ווינקעל נעבען דעם בראדענע ביימעלע. איך האב דאס ביימעלע אללע יאהר באשניטטען אין בעפיצט אז ביז אים יאהרע 88 האט דאס שוין פריכטע געבראכט אינ אים יאהרע 89 האט עס נאך מעהר פריכטע גגעבען. עס איז געוועהן א פריידע צי זעהן וויא דיא פירות בליהן ביים פענסטער.

יום ראשון דעם צווייטען טאג חול המועד סכות תר״ן אום

5 אוהר אין דער פריה דערזעה איך וויא דער דיענער האקט דאס ביימעלע. האט עס מיך זעהר שטארק אינטערעססירט. בין איך צוגעלאפען אינ האב געבעטען דעם גוי ער זאללווארטען א שעה ביז הר׳ גדליה ברייער וועט קיממען דאווענין, וועל איך בעטען ער זאלל מיך לאזען איך זאלל דאס ביימעלע ארויסנעהמען אינ עס איבערזעצען אינ קליינעם גערטענדעל נעבען דער שיהל. דער דיענער האט מיך ניט געוואללט פאלגען אינ דווקא געוואללט ווייטער האקען, האב איך ארימגעחאפט דאס ביימעלע מיטביידע הענד אין מיין קאפף דארויף געלעגט אין געזאגט: האק מיר פריהר אב דעם קאפ דערנאך וועסטי דאס ביימעלע אויסהאקען צי דעם לערם זענען ארויסגעקיממען אללע אלטע לייט מיט דעם פראוויזארישען עקאנאם שלמה בויך אדער בעלפער, וואס מען האט איהם ערשט אויפגענעמין פאר מצוה אין אזיל. אזוי האב איך געזאגט דיא פאריגע ווערטער, אז מען זאלל ווארטען מיט׳ן האקען ביז ברייער וועט קיממען, האט דער בעלפער א געשריי געגעבען צים דיענער: יא־ל דע קאפ שי טרינטעשטע־ל שי דע־ל אפארע דין קורטע. דאס הייסט. נעם איהם ביים קאפ, גיב איהם אויף דער הוצאה אינ ווארף איהם ארויס פינ׳ם הויף. דער גוי איז אבער געוועהן ביים גאנצען שכל אינ האט דאס ניט געטהין, נאר ער האט אנגעחאפט דאס ביימעלע ביי דיא צווייגען אינ האט עס איבערגעבראכען. אין דער מינוט איז פערניכטעט געווארען א יונג ביימעלע וואס האט ערשט צוויי מאל פריכטע געבראכט אויף דער וועלט. ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אינ גדליה ברייער האבען פערגעססען אז א יוד טאר ניט אויסהאקען אזא בוים וואס ברענגט פריכטע אויף דער וועלט. אזוי זאגט אונזער הייליגע תורה: לא תשחית את עצה כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות (דברים כ׳). דאס זעלבע ביימעלע האבען זייא געוואללט פערניכטען נאך מיט א יאהר ציפאר, ווייל אין דעם גרינדונגסטאג פין יאהר 88, ביי איין טאאסט. האב איך געזאגט: כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה דיא שטיינער פין דיא ווענד אינ דיא צווייגעלעך פין מיין ביימעלע וועלין עדות זאגען אויף מיין פלאגע וואס איך האב מיך געפלאגט וועגען דעם אזיל. דאס האב איך פובליצירט אינ׳ם היועץ אינ דאפיר האבען זייא געוואללט דאס ביימעלע אויסהאקען. זייא האבען

געפינגען א תירוץ אז דאסביימעלע שארעט דער וואנד אין דאס בראדענע ביימעלע קען אויך ניט וואקסען דורך דעם קאיוסינג־ביימעלע. האב איך געבעטען מען זאלל עס איבערזעטצען אין דעם קליינעם גארטען וואס איז נעבען דער שיהל אין ביי דיע רייד בין איך געבליעבען. דעם צווייטען טאג חוה"מ סכות האבען זייא ערפיללט זייער וואונש אין אונטערגעהאקט דאס שעהנע פרוכט־ביימעלע. יעטצט האט שוין ניט ווער עדות צו זאגען, נאר אן ד״א שטיינער פין דעם אזיל האבען זייא פערגעססען, יעטצט דארפען זייא פערניכטען דאס אזיל אין אוועקווארפען דיא שטיי־נער, דאמאלס וועלין שוין קיין עדות ניט זיין.

מיט דעם ביימעלע ווערד געשלאססען אינזער נעקראלאגיע, דאס הייסט דיא בעשרייבונג פין א יעדען טוידטען וואס זענין גע־שטארבען אים אזיל זייט עס איז געגרינדעט געווארען ביז אים יאהרע 90.

---

דאס זענין דיא נעמען פין דיא אלטע וואס זענען ארויסגע־צויגען פין דעם אזיל: בעי משולם (שפאניאלין), אברהם יצחק הארוויטץ, אהרון שור (שאר), חנציע גרינבערג, חיה ראזענטהאל אונד יצחק כהן טישלער.

אנמערקונג: גראדע ביים שלוסס פין דעם זאטץ איז נפטר געווארען אין אזיל האשה שיינא ריבא כהנעסקו, היום יום ג׳ כ״ה חשון תר״ן לפ״ק. מיר האבען דא קיין פלאטץ מעהר א סקיצע פין איהרער ביאגראפיע צו געבען אין דיא ארט פין איהר טוידט צו בע־שרייבען, אבער וואהרשיינליך וועט אין „היועץ" עטוואס איבער איהר געשריעבען ווערדען, זיא ווער דיא שוועסטער פין דעם רעדאקטער „מהיועץ" הר׳ מיכל עזיאל ני״.

ענדע דער ערסטען אבטהיילונג

# צווייטע אבטהיילונג

ביאגראפישע בעשרייבונג פין דיא אלטע וואס לעבען נאך יעטצט אים אזיל אונד דיא גרינדרונג דעס פעראיינעס פאם אזיל „ב"ז מחסה לזקנים".

## שלשה דברים העומדים ברומו של עולם

1). דאס ערסטע איז איינע שולע וויא דער מענש ווערד געבילדעט אינ געלערנט. מען נעמט איין מענש וואס ער ווייסט ניט א מאל וואס דאס ווארט מענש הייסט אינ מען בילדעט אינ לערנט איהם אזוי לאנג ביז ער בעקימט איא שארפען פערשטאנד אינ געפיהל. אז ער מיט זיינער קלוגהייט פארשט ער נאך דער נאטור־בעשאפפענהייט אזוי ווייט, אך ער איז אים שטאנד צו וויססען וואס אין דער טיעפעניש פין דער גרויסער ערדקוגעל ליעגט אינ וואס אין דעם אבגרונד פין דעם גרויסען וועלטמעער געפינט זיך. דיא שולע צייגט איהם דעם וועג פין כל החכמות שבעולם. דיא שילער דארפען דעם לעהרער דאנקבאר זיין נאך מעהר וויא איהר אייגענעם פאטער, ווייל דער פאטער קאן איהם דיא וויססענשאפט ניט געבען אזוי וויא דער לעהרער גיבט איהם. מיר דערפין דאפאן ניט מאריך זיין, דיא וועלט איז שוין גענוג בעקאנט דאריך.

2). דאס צווייטע איז א שפיטאל, וויא יעדער ארמער קראנקער מענש, אהנע אונטערשיעד דער רעליגיאן, קאן זיין רייגעס בעט טרעפפען אינ מענשליך פערזארגט ווערדען, היינו: מיט דאקטאר, מעדיקאמענטע, בעדיענונג, ריינקייט או. ז. וו. מיר דערפין אויף זא איין הייליגעס מאנומענט קיין קאמענטאר מאבען, דיא וועלט איז שוין דאריבער קלאר.

3). דאס דריטטע איז איין בתי מחסה לזקנים. דאס איז איין אינסטיטוט ווא איין אלטער מאנן זאלל זיך זיינע לעצטע יאהרען ציברענגען. דא איז געוועהן מיין לעטצטעס סטודיום אויף מיין עלטער. דיא עטליכע יאהרען וואס איך האב פארלוירען ארים

דעם אזיל, פין דיזר צייט פין דער גרינדונג דעם פעראיינעס ביז אין היינטיגען טאג טהיט מיר גאר ניט באנק. נאר דערפאר וויל איך האב קעננען געלערנט דיא נאטור דעם אלטערס פין פער־שידענע מענשען. א יעדער מענש פיהרט זיין עלטער אדער דיא עלטער פיהרט איהם אויף איין פערשידענעם מיזעראבלען וועג, איינע״ ווירד בלינד, איינער טויב, איינער בעקימט געשוואללענע פיס וואס ער קאן זיך ניט ריהרען, איינער היסט אין שפייט אין חראקעט ציפיעל, איינער ווערד געבריכט, איינער באשיט מיט כנים, איינער בעקימט נצירות (עצירות) מיט אנדערע מיני אינ־וויניגסטע קרענק, איינער קאן דעם מענשליכען נאטור פין דער ריינקייט גאר ניט האלטען, ער טהיט אב אזוי וויא א קליין קינד אין העמד אין אין דיא הויזען. אין דאס מיינסטע פין דיא אלטע לייט האבען דעם חסרון, אזוי וויא מיר האבען דאס שוין א סך מאל ציגעזעהן. אין דער חסרון קימט דעם אלטען מאנן, וויל זיין מאגען קען שוין ניט פערטראגען דאס הארטע עססען. ער האט קיין צעהן אין מויל מיט וואס דאס הארטע פלייש אדער ברויט צי צירייבען, אזוי שלינגט ער דאס אראב גאנצע שטיקער, אין דער אינוויינגסטער מאשין איז שוין אויך אבגעארביט; דיא צוויא מילשטיינער, דיא מילץ אין דיא לעבער זענין שוין אויך אבגע־שליפפען, זייא זענין ניט אים שטאנד דיא גראבע שטיקער צי צי־מאהלען, אזוי בלייבט עס ליגען אין מאגען ניט פערדויעט. עס קאן שוין ניט ווירקען וויא דיא נאטור וויללט האבען, ד. ה.: איין דריטטעל פינ׳ם עססען זאלל קאנסומירט ווערין אז דיא אברים זאללען דאפאן געניעססען אין דער רעסט פסולת זאלל צור געוועהנליכער צייט ארויסגעהן. דאס אבער איז שוין ביים אלטען מאנן אבגעוויעזען, עס איז שוין בייא איהם נישטא קיין געוועהנליכע צייט. מיר האבען דא געזעהן מעננער אין ווייבער וואס קעננען נישט דיא השתנה האלטען, וויא זייא געהן אין שטעהן לאזען זייא דיא השתנה, אין צי דיא חסרונות פערליערט ער נאך דעם רעכטען פערשטאנד. קורץ דיא עלטער פיהרט איהם אראב אזוי וויט, ביז זיא ברענגט איהם צי דער פריהריגער עפאקע וואס ער איז געבוירען געווארין, דאס הייסט, דיא עלטער גלייכט איהם אויס ביז ער קימט צי דער נאטור פין א קליין קינד. ער בעגעהט

די אייגענע פעהלער וויא דאס קינד אין דערפאר האט איהם איעדער פיינט אין איבערהויפט דורך דער אומריינקייט קעננען איהם זיינע אייגענע קינדער ניט ליידען. אויך ווען ער איז א ריי־כער מאנן לאבען אונד שפאטען פין איהם זיינע אייגענע דיענער.

יעטצט איז דיא פראגע אז דער אלטער מאנן קומט יא אין דער נאטור פין א קליין קינד אין אז עס טרעפט זיך איהם אויך אז ער מאכט דיא קינצען וואס א קליין קינד מאכט, פאר וואס האט מען דאס קליינע קינד ליעב אין מען קישט עס חאטשע עס איז אומריין אין דער אלטער ווערד פין א יעדען, אין זאגאר פין זיינע אייגענע קינדער, פעריאגט וויא איין באנדיט? דא זעהט מען דיא געטטליכע השגחה אדער דיא וועלטליכע נאטור: דאס קינד איז ערשט געבוירען הייסט ער א דור בא, ער דארף ערשט דיא וועלט בעשטייגען, אין דער אלטער מאנן הייסט א דור הולך, ער דארף זיך שוין פין דער וועלט שיידען. דארום ציעהט דיא נאטור דיא ליעבשאפט אויף דעם יונגען קינד אין דיא פיינדשאפט אויף דעם אלטען מאנן אין טאקע כדי דער יונגער מענש זאלל צופריע־דען זיין וואס דער אלטער טראגט זיך שוין איבער. דארום מיינע ליעבע לעזער האב איך פעראייניגט דאס בתי מחסה לזקנים צו דיא צוויי הייליגע מאנומענטע. אזוי וויא עס איז נעטהיג איינע שולע אין איין שפיטאל אזוי איז נעטהיג איין הויז פיר אלטע לייט.

אונזער הייליגע תורה האט אויך ניט פערגעססען אין דעם אלטען מאנן אין האט אונז אנגעזאגט: „מפני שיבה תקום“ פאר איינען גרייז זאללסט דוא אויפשטעהן. אין זאללסט שטעהן פאר איהם, דאמיט איז ער ניט געדעקט. אונזער הייליגע תורה איז א־לעגאריש געשריעבען, איין יעדעס ווארט האט איינע בעדייטונג. מפני שיבה תקום, פאר דעם גרייז זאללסטו א געצעלט אויפ־שטעללען, אזוי וויא גאטט האט געזאגט צו משה „תקים את המשכן אהל מועד (פ' פקודי) דיא אייגענע בעדייטונג האט דער פריהריגע תקום אויך: מפני שיבה תקום, דיא זאללסט זארגען פאר דעם אלטען מאנן אין זאללסט איהם אויפשטעללען איין געצעלט צום פערזאממלען, דאס הייסט איין בתי מחסה לזקנים, דאמאלס וועסט דיא מקיים זיין דאס וואס דיא תורה זאגט: „והדרת פני זקן ויראת מאלהיך (פ' קדושים). נאך דער תורה קומט דיא משנה אין העבט

אן אויסצירעכענען דעם מענשענס מעלות אדער דיא שטופען וואס איין מענש שטייגט פון זיין געבוירען אן ביז ער קוממט צו דיא הינדערט יאהר, אינ אזוי זאגט דיא משנה אין מסכת אבות: „בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן שלש עשרה למצות, בן חמש עשרה לגמרא, בן שמונה עשרה לחופה, בן עשרים לרדוף, בן שלשים לכח, בן ארבעים לבינה, בן חמשים לעצה, בן ששים לזקנה, בן שבעים לשיבה, בן שמונים לגבורה, בן תשעים לשוח, בן מאה כאלו מת ועבר ובטל מן העולם". אז דער מענש קומט אריין אין דיא 40 אדער 50 יאהרען איז ער ביים רעכטען פערשטאנד אז מען קען זיך מיט איהם בעראטהען, אז ער קומט אריין אין דיא 60 יאהר הייסט ער א „זקן", אלטער מאנן, אז ער קומט אין דיא 70 אריין הייסט ער „שיבה", גרייז, אז ער קומט צו 80 הייסט ער „גבור", ווייל דיא יאהרען האבען זיך געשטערקט איבער דיא 70, אבער אז ער קומט צו דיא 90 איז „לשוח" געהט ער שוין איינגעהויקערט, איינגעבויגען, הולך שחוח וכפוף, ביז צום הינדערטער איז ער א מת און עבר ובטל מן העולם, ער איז שוין ביים גריב. בן תשעים לשוח, זאגען דיא מפורשים הולך וכפוף ער געהט שוין איינגעבויגען און פארקרימט, ער קיקט שוין אראב צו דער ערד, שוחה הייסט דער קבר אדער דער גריב, כי כרו שוחה לנפשי, זייא גראבען א גריב פאר מיין זעעלע (ירמיה י"ח כ'), „כרו לפני שוחה" זייא גראבען פאר מיר א גריב (תהלים נ"ז ז) „כרו לי זדים שיחות" זייא גראבען מיר גריבער (תהלים קי"ט פר"ה) „כי שחה אל מות ביתה". איהר הויז נייגט זיך צום טויטט (משלי ב' י"ח) „שוחה עמקה" איין טיעפעס גראב (משלי כ"ב י"ד). היינט לאמיר זעהן וואס דיא חכמי המשנה זאגען, זייא האבען אונז געלערנט אינ האבען געזאגט: „אלו דברים שאין להם שיעור" אזוי וויא זייא רעכינען דארט אויס אללע מצות וואס צו איין מענשען געהער. אונטער דיא מצות ווערט דערמאנט הכנסת אורחים", „בקור חולים" אינ „תלמוד תורה". הכנסת אורחים איז געמיינט אז מען זאלל מקרב זיין אלטע לייט, ווייל זייא זענין אורחים. זייא האבען שוין דורכגערייזט דיא וועלט, נאר זיי האבען נאך א קליינע צייט צו בלייבען אין שטאדט, זאלל מען זייא מאבען איין „בתי מחסה לזקנים" כדי זייא זאללען האבען וויא זיך אבצורוהען דיא קורצע

צייט וואס זייא האבען נאך צו פארבלייבען אונטער דיא לעבענ־
דיגע. „בקור חולים“ איז געמיינט איין שפיטאל, אז איין ארמער
קראנקער זאלל ניט ליעגען אויף דיא גאססען אין „תלמוד תורה“
איז געמיינט איינע שולע וויא דער מענש זאלל געבילדעט ווערין,
ער זאלל לערנען תורה עם דרך ארץ, אזוי וויא זייא האבען אונז
געזאגט „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“. דרך ארץ מיינט מען
וועלטליכע וויססענשאפט, ווען דיא תורה ווערד באקליידעט מיט
הלכות דרך ארץ, באציהט זיך דער „יפה“ אויף דעם שילער,
יפה תלמוד, וויא שעהן איז צו דעם שילער תורה עם דרך ארץ,
אז ער האט געלערנט תורה מיט וועלטליכע וויססענשאפט. אללע
אונזערע חכמים האבען געקענט פרעמדע שפראכען, דארום האבען
דיא חכמי המשנה געזאגט: „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“.
אין צום סוף זאגען זייא: „ותלמוד תורה כנגד כלם“ אין דאס
איז געמיינט דיא שולע. אין דאס זענען דיא נעטיגסטע דריי מא־
נאמענטע וואס איעדער מענש איז פארפפליכטעט זייא הילפע צו
געבען.

---

יעצט וועלען מיר פארשטעללען דעם ווערט פון דער צדקה
וואס מען גיבט פאר שולע אין שפיטאל אין דיא צדקה וואס מען
גיבט פיר בוקארעשטער אזיל, דיא אללע דרייא אינסטיטוטען
שטעהען אין דער שפיטצע דער האמאניטעט, אזוי האבען מיר
פארגעשטעללט אין אנפאנגס פון דיעזעם פרק, וואהרשיינליך איז
דיא צדקה וואס מענשען געבען פיר אזעלכע טייע׳ע אנשטאלטען
זאלל דאס הייסען דיא גרעסטע אין טייערסטע גאבע אינטער דיא
אנדערע צדקות וואס אמענש איז פערעפליכטעט צו געבען אויף
דער וועלט יאה עס איז אבער צו בארענקען, ווער עס דארף צו
געניעסען פון דער צדקה, דארף מען איינזעהין אז דיא צדקה זאלל
פערטהיילט ווערין נאר פיר אזעלכע מענשען וואס זיי האבען דיא
ווערטה דערצו. צום ביישפיעל לאמיר נעמען איינע שטעטישע
קינדערשוהלע וואס זיא ווערט געהאלטען פון דער געמיינדע
אדער פון פערסאנאלשטייערן אין נאר פיר ארימע שטאטס קינ־
דער. מען לערנט דיא ארימע קינדער אין מען באקליידעט זייא
נאך מיט בגדים אויך, וויא גרויס אין וויא טייער זאלל דיא צדקה

גירעכינט ווערען אז זיא ווערט פארשלייסט פיר איין שוהלע פיר ארימע קינדער! דער רייכער מאנן ועט געוויס ניט פארלאנגען אז זיין קינד זאלל פין אזא צדקה געניעסען אינ וועז איינער זאל וועל־לען זיין קינד יאה אריין געבען אין אזוי איין שוהלע, ער שעהמט זיך ניט ער זאגט איך ווילל אויך עסםען פין קבצניש געלד אינ איך וועל וועניגער אויף מיין קינד פאר צערין. אזוי איין קינד ווערד ניט אמאהל אויף גינעמען אין דער שוהלע, מען פאר צערט ניט קיין צדקה געלד אויף אזוי איין מענש וואס ער איז איין בעל כח אינ איין פאר מעגליבער, נאר פאר דיא ארימע קינדער ווערט דאס פאר צערט, אינ דארום איז פארפפ׳יכטעט איעדער מעגש מיט צי שטייערן ווענען איין שולע פאר ארימע קינדער,

דאס צווייטע איז איין שפיטאל. ווער ווערט אויף גינעמין אין איין שפיטאל? איין ארמער קראנקער מענש וואס ער האט ניט וויא צי ליעגען, דארט ווערט ער פארזארגט מיט דאקטאר, מעדיצינע, בארינונג, רייניקייט, מיט אלים וואס איין קראנקער באַ־נעטיגט. לאז קימען איין געזינדער מענש, קאן ער אויף גינעמין ווערין אין איין שפיטאל? ניין: עס איז געבויעט נאר פאר קראנקע. זאלל איין פארמעגליכער מענש ווען ער איז קראנק געהן אין שפי־טאל אריין, געהט ער אויך ניט, דער רייכער שעהמט זיך צי ליגען אין איין שפיטאל. אם כן איז דאך איין שפיטאל גיבויעט נאר פאר ארימע קראנקע מענשען, אלזא ווער עס גיבט צדקה פאר איין שפיטאל ווערד דאס גיזלד געשפענדיעט נאר פאר דיא ארימע קראנקע וואס זייא ליגען אויף דעם קראנקען בעט אינ קאנין ניט ארימגעהן אויף זייערע פיס. בעטראכט אינ זעהט איין מיינע ליעבע לעזער וויא הייליג דיא צדקה איז וואס מען גיט פאר איין שפיטאל.

דאס דריטע אינסטיטוט איז איין בתי מחסה לזקנים, איין אזיל פיר אלטע לייטע. דאס הייסט מען זאל בויען איין הויז מיט מעהרערע צימערן וויא אלטע לייט זאללען זייער עלטער צי ברענגען, וואהרשיינליך אז כשמו כן הוא, אז דאס הויז הייסט „בתי מחסה לזקנים״ איז דאס גיבויעט ניט פאר יונגע מענשען אינ נאר פיר אלטע לייטע. אין וואס פאר איין אלטע לייטע זאלען דא אויף גינעמין ווערין? נאר אזעלכער וואס האט דעם טיטעל זקן, דאס הייסט א בן ששים, אזוי איינער וואס ער קען זיך שוין ניט פאר־

דינען זיין גרייצער אינ האט ניט וויא איבער צי נעכפיגען איין נאכט. דיא ערשטע סטאטוטען פין דעם יאהר 1880 האבין פאר־געשריבען אויסדריקליך: . דע א פרימי אין אטשעסט אזיל אמיני באטריני נע פאטענטשיאשי" אינ אויף דעם ערשטען זיגעל זענין אויך גיוועהן גראווירט דיא ווערטער: „נע פאטענטשיאשי", מיזין זאלל אויפנעמין אזוינע אלטע לייט וואס זייא קאנין שוין גאר ניט טאהן, וויל עס געפינען זיך נאך יעצט אלטע מענשען פין זיבציג יאהר וואס זייא זענין נאך גיזינד אין שטארק אינ קענין נאך אר־בייטען זייער מלאכה, וויל עס געפינט זיך אזעליכע אין אזיל איבער דיא זיבציג יאהר אלט, אגאנצען טאג געהט ער אין דיא גאססען ארים זיכען צי פאר דיענען, ער קימט נאר אין אזיל אריין צום עססען אינ צום שלאפען אין נאך מעהרערע מענשען געפינען זיך וואס זייא דארפין ניט קיין אזיל. אין אונזער בוקארעשטער אזיל ווערד דער נאמען פין דעם הויז ניט רעספעקטירט, עס ווערד ניט עקזעקוטירט דיא פפליכט צי וואס דאס הויז איז גיבויעט גיווארין. אזוי וויא מיר האבען פארגישטעלט איין שוהלע אין איין שפיטאל אינ אין דיא צוויי אינסטיטוטען ווערד ניט אויפגינעמין קיין אנדע־רער נאר אזעלכער וואס ער גיהער דער צי. על כן דיא צדקה וואס מענשען געבין אויף זייא האט איין גרויסען ווערטה אינ עס הייסט טאקע אמצוה אינ ניט איין עבירה.

אבער דא אין אונזער אזיל נעמין זייא אויף אזעלכע מענ־שען וואס עס איז קאנטרע דעם נאמען בתי מחסה לזקנים. וויר מיזען דאס גלייכען צי איין אסיגאראנט־הויז, ווארין איין מענש וואס גיבט 150 פראנק ער זאל ווערין מיַמברא דע וועטש אינ מען נעמט איהם שוין טאקע באלד אויף אין אזיל האטשי ער איז נאך אפילו ניט אלט קיין זעכציג יאהר אינ איז נאך איין גיזינדער מענש אויף אללע איברים אין ער קען נאך האנדלען אינ וואנדלען הייסט דאס ניט אז דער מענש האט זיך מיט 150 פראנק אסיגורירט זיין עקסיסטענץ? — איינע פרויא וואס זיא האט אמאל אב צי נער־מין פין איין לאדיבין 2000 פראנק אינ זיא זאגט אז זיא גיבט דאס דעם אזיל ווען זיא ווערט דאס אב נעמין אין מיט דעם געלד זאל מען בויען איין סאלאן אינ דער פאר זאל מען פין איהרעט וועגען איין מעמאראטיווען מארמאר שטיין מיט אינסקריפציאנען אין דער

וואנד איינמויערן אינ זיא זאל מען הארטען אויף קעסט ביז אין איהר טויט אריין; אינ מען האט זיא שוין אריינגינעמין. נאך איידער מען האט דאס געלד פין דעם אדוואקאטען ארויס גינעמין אינ זיא זיצט שוין אויך צווישען דיא אלטע פרויען אינ הייסט שוין אויך „זקנה", הייסט דאס ניט איין אסיגוראנץ־הויז? איז דען ניט איין גרויסע מצוה אז דער אריימער פראנק אינ דיא אנדערע געשענקע וואס מען גיבט פיר דעם אזיל פיר דיא אלטע קראנקע לייט זאל מען אזוי איין יונגע פרוי אויך אריין רעכענין פאר איין זקנה? איז טאקע אמצוה?

חנה שאין, חנא חזנ'ס ווייב, זיא האט גיגעבין 500 פראנק האט מען זיא אריין גינעמין אין מיטען זימער, מען האט גאר ניט געהארט אויף משך דירות. זיא זאגט אליין דאס ווערטיל: „איך האב מיך שוין אסי.ורירט אוף אייביג". נא מיינע ליעבע לעזער איז דאס נ'ט איין אסיגוראנץ־הויז אינ ניט קיין בתי מחסה לזקנים"? זייא האבען פין דעם אזיל געמאכט איין פאבריק פין קבצנים. מען נעמט אריין מענשין וואס זייא קענין זיך פאר דיענען זייער ברויט ביגיע כפים אינ מאכט זייא פאר בעטלערס.

עס געפינט זיך ביי אונז אין אזיל א יענקיל פלאמער א סוחר פין ספרי תורות, ציצית, תפילין, מזוזות אינ אנדערע מיני ספרים האט ער אויך אסיגורירט זיין עלטער מיט 150 פראנק וואס ער האט גיגעבען אויף דעם אזיל אינ איז א מעמברא דע וועטש אינ האט נאך געשענקט א ספר תורה אין צענטלערס שיל אריין אינ ר' וואלף מיכאלאוויטש נעמט איהם אין אזיל אריין אינ ער הייסט שוין זקן. ער איז דעמאלס בלינד גיוועהן אויף איין אויג, ברענגט ער זיך דעם דאקטאר פישער אינ ער אפערירט איהם דאס אויג' אינ ער ליגט צוויי חדשים קראנק אינ מאכט פין דעם אזיל אין שפיטאל. פרעגען מיר אונזערע ליעבע לעזער, איז דער מענש גי־וועהן פיר איין אזיל אויף צי נעמען אדער פיר איין שפיטאל? נאר ר' וואלף מיכאלאוויטש האט אזוי גיוואלט. נאך דער קרענק, אז ער איז גיזונד גיווארין האט איהם ר' וואלף מיכאלאוויטש גימאכט פאר איין אינגריישיטאר איבער דעם אזיל אינ איבער דיא אלטע לייטע אין מען צאהלט איהם איין ליאפע פין 25 פראנק אחודש*)

*) ער איז דער ערשטער וואס האט דערלאנגט א געהאלט אין האט א.יסגעפיהרט' אז ביי דער

אחוץ שטיוויל, נעטים, א פאלטאן אין אנדערע זייטען קניפליך אינ דאס אללעס וואס מען האט פאר צעהרט אויף יענקיל פלאמער שטייט ניט פאר טראגען אין קיין שום בודזשעט, אין קיין ראפארט. אלע הוצאות פון דיענערשאפט זענין איין גירעכינט אין איין פען פין טויזענדער פראנקען. ווי"א. אין וועלכען פעראיין האט זיך אזוי וואס גיהערט, אז מען זאל פאר צעהרין ארים געלד אהנע חשבון בא אזוי איין אינסטיטוט דארף זיין אנגעצייגט יעדער באן באזינדער וואס ווערד פאר צערט. אינ בפרט דיא גרויסע אויסגאבען, אזוי וויא יענקיל פלאממער 25 פראנק אחודש, בעריש, דער ערשטער איינ־קאססירער 50 פראנק אחודש, מיכאלאוויטש שוואגער מאיר שטא־פער דער צווייטער איינקאסעירער א שתוף צי דעם אזיל אויף 2/3 פין דעם וואס ער קאססירט איין, מיכאלאוויטש א ניפאטיקיל, סעקרעטער, 40 פראנק אחודש.

נאר דא ליעגט דער רעכטער שווינדעל אין אזוי איין גרויסע סומע קען מען אריין ריקען נאך איינינע הינדערטער פראנקען וואס דיא וועלט דארף דער פין ניט וויסען.

אזוי איין יענקיל פלאמער אז ער האט גיגעבען 150 פראנק אויף דעם אזיל אין איין ספר תורה פאר 400 פראנק, אין 3 יאהר וויא פיעל געלד האט ער ארויס גינעמין פין דעם ארימען געלד פין דעם אזיל? טאפעל מאהל אזוי פיעל וויא איהם האט גיקאסט. איז דאס ניט איין אסיגוראנץ־הויז?

אין יעצט אז מען האט איין אנדערן אויף גינעמין אויף זיין ארט אלם אינגריזשיטאר איז ער גיבליבען אין אזיל אינ הייסט א זקן אינטער דיא רעכטע זקנים, אינ עסט אינ טרינקט פין דעם ארי־מען געלד וואס מען קאבצינט פיר דעם אזיל אינ ער איז נאך ניט אזוי שעמדיק אויך אינ אין מקבל איין טהייל פין אלע צדקות וואס מענשען שענקען פיר די"א רעכטע זקנים. איא עס איז טאקע איין גרויסע מצוה? דאס הויז קאן פיהרען דעם נאמען „פאבריקא דע קבצנים". אז מען וועט דיא חלבנה רייניגען אינ עס וועט בלייבין נאר לבונה, דאס הייסט גאר אזעלכע זקנים וואס זייא קענין שוין

---

זיטצונג פין דעם 16 נאוועמבער 1885 האט מען איהם באשטימט א ליאפע אנפאנגס פין 10 פר, אחודש אין 20 פר. אויף שטיוועל, שפעטער האט מען איהם אלס גיהעכערט ביז אויף 25 פר־ אין אזוי איז דאס גיגאנגין ביז אויגוסט 1888,

גאהר ניט ארבייטען אינ האבען ניט קיין שום צישפאר אזוי וויא עס איז טאקע דא איניגע אזעלבע דאמאלס וועלין דיא געשענקע וואס מענשען וועלין געבען אויף דעם אזיל אויך איין גרויסען ווערטה האבען אינ דיא מצוה פין דער צדקה וועט זיך אויך מענין גלייכען צי דער מצוה פין שוהלע אין שפיטאל„ אינ וואהל איז צי דיא מענשען וואס זייא שטיצען אזעלכע דרייא אינסטיטוטע, אשריהם וטוב להם בעולם הזה ובעולם הבא.

אין אנפאנגס דעס יאהרעס , . . . זענין מיר 5 יודען יונגע לייט געדייזט קיין קאנסטאנטינאפעל דורך דער בולגאריע. דורך איין צופאלל פין איין שלעכטען וועטטער זענין מיר גיצוויגען אויף נאכטלעגער אין איין מאנאסטיר. איך גלויבע ער הייסט „סעראנדרא עקליסיע“ אינ ליעגט אין דיא באלקאן־בערג צווישען ווארנא אינ באלטשיק. מיר ווארען איינע קאמפאניע פין 16 מענשין, 6 קריס־ טען, גרעקין, בולגארען„ 5 טירקען, דיא אלע זענין גיוועהן פין ארים יענע געגענד נאר מיר 5 יודען זענין גיוועהן פרעמדע. דיא בולגארען האבען געוויסט וויא דער מאנאסטיר ליעגט אין איינער זייטע פין דיא געבירגע זענין מיר אהין גיצוויגען, ביז נאכט זענין מיר אהין געקימען. מען האט אונז באלד גיעפינט דיא טויערן אינ מען האט אונז אויפגינעמין. מען האט איעדער נאציאן איין באזונ־ דער צימער אבגיגעבען, פיר דיא טירקען איין צימער, מיר האט בען גיזאגט מיר זענין יודען האט מען אונז אויך איין צימער אב גיגעבען. פיר דיא 6 קריסטען אויך איין צימער. אין איין פאאר שטונדען ארים האט מען אונז אריין געבראכט נאכטמאהל, פיר איעדער נאציאן האט מען פארבערייטעט אזעלכע שפייזען וואס איהם געוועהנליך איז צום עססען פיר דיא טירקען האט מען גי־ געבען טירקישע מאכלים, פיר דיא קריסטען האט מען גיגעבען סאלאמע אינ הענדיל־בראטען, ווייל עס איז גיוועהן קארנאוואלס צייט פיר אונז יודען האט מען אריין גיבראכט איין גרויסע קי־ פערנע טאווע, אויף איהר איז גיוועהן אויסגעליינט מיזעליקערים פין אלערליי גאטונג : סארדעלין, איקרע, מאסלינים, מעהרערע מיני ים פיש, גיבראטען אויף קוילען, גיבראטענע אייער, איינע גרויסע פרישע אזעמע (איין פילאף) גיבאקען אויף דעם הוילען אויבען מיר האבען זייער איין טהייערן נאכטמאהל גיהאט, וויר האבען

אבער גיזעהן אז מען האט דיא קריסטען וואס זענין מיט אונז גע־קימען אויך וויין גיגעבען, איז איינער פין אינז יודען צו געגאנגען צו דעם כהן צדק פין דעם קלויסטער אונ האט פאר לאנגט מען זאל אונז אויך געבען וויין צום טיש. אזוי האט דער כהן גיזאגט. איהר האט זיך בא מיר גימעלדעט פאר יודען, האב איך אייך גיגעבין אזאלכע שפייזען וואס יודען קענין בא אונז עסען, וויין איז אייך פאר באטען בא אונז צו טרינקען דארום קענין מיר אייך קיין וויין געבען. אזוי האט אונזער שותף גיזאגט, קיין פלייש עסין מיר טאקע ניט, אבער וויין טרינקען מיר יאה. האט דער כהן גיזאגט, קאנט איהר געהין אין א קרעטשמע אונ קויפען פיר אייער געלד, אבער מיר איז פאר באטען אייך וויין צו געבען, אונ האט גישאפט מען זאל אינז געבען עפעל קוואס וואס ער איז אסאך בעסער גי־וועהין וויא געמיינער וויין. מיר האבען זייער גוט גילעבט אונ דער נאכט מיט גוטע טריקענע שפייזען, גוטע געטרענקע, ווארמעס צימער, נאר פלייש אונ וויין האט מען אינז ניט גיוואלט געבען ווייל מיר זענין גיוועהן יודען אונ דייקא יונגע לייט. אזוי האט זיך נוהג גיוועהן דער פארשטעהער פין איין קריסטליכען מאנאסטיר מיט יודישע געסט.

יעצט לאמיר נאר זעהען וויא אזוי זענען זיך נוהג דיא ראשי הקהל פין אונזער יודישער מאנעסטיר? (דאס מיין איך אינזער אזיל פיע אלטע לייט אין בוקארעשט*) דא גיבט מען ב"ה דיא אלטע יודישע נפשות טרפות צו עסען אויף דעם גרויסען אופן, — אפשר ווילט איהר ליעבע לעזער וויסען וואס איך מיינע דאמיט, וועל איך אייך ערקלערען, אונד צוואר יעדען יודען אין בוקארעשט איז גוט בעקאנט דאס כשרקייט וואס עס געהט צו זייט איניגע יאהר ביים יודישען פלייש, עס איז שוין אזוי ווייט נעקימען, אז דיא יודישע פלייש האקער זאגען שוין אויף זיך אליין עדות אז זיי פארקויפען טריפה פלייש, אונ עקסטער קימען דיא שוחטים פאסט יעדען טאג

---

*) אזוי האט עס אנגערופען דער קאמיסער פין אונזער קווארטעל. איך האב גיהאט אויף גענעמין א דיענסט פאר דעם אזיל, בין איך מיט איהר גיגאנגין אין דער קאביסיע אריין זיא מעל־דען, האט דער קאמיסער צו איהר גיזאגט: דיא זאלסט דארט זיין עהרליך אין ניט פיהרען קיין וועלטזאכען, ווייל דארט איז איין מאנאסטיר פין אלטע לייט. אין ווען איך האב מיט דעם קאמיסאר גירעד האט ער גיפרעגט; וואס טיהן דיא אלטע קאלוגערים אין אייער מאנעסטיר.

צים רב אינ ערצעהלען וואס עס געהט פאר אין שלאכטהויז עס איז וואס שרעקליכעס. דער רב ר׳ אייזיק שור ווענדעט נטביך אלעם אן מיט דרשנין מיט כרוזים שיקען אין אלע שילען, ער האט אייך שוין מעהרערע ארטיקעל אין היזען פארעפפענטליכט אין וועלכע ער בעטייערט אז ער אלס ראבינער האט זיך גענוי איבערצייגט, אז עס ווערין ביי דיא יודישע פליישהעקער פארקויפט נישט נאר אזוי א כשר וואס עס איז פין נישט כשרע שוחטים (וועלכע הארבען אויף בדיקה קיין נאמנות) געקוילעט, נאר אפילו דאס פלייש וואס שוחטים האבען עס נאך דער בדיקה פאר טריפה ערקלערט. אינ אויך איינפאך פין נישט יודען גיקוילעטע בהמות פארקויפען דיא יודישע העקערס פיר יודען אינ אונזערע יורעלעך קיקען נִיט אויף דעם רב׳ס שרייען אינ וויינען אינ ניט אויף זיין שרייבען. אונ דיא אללע מיני טריפות ווערין ב״ה פין אונזערע אחב״י גיגעססען, אינ דיא העקערס וואקסען פין טאג צי טאג אינ בויען זיך הייזער פין דעם טריפה׳נעם האנדעל. עס איז זעהר ניט אנשטענדיג פין אזוי איין געמיינדע וויא בוקארעשט, וויא עס געפינען זיך אזוי פיעל טויזענדער יודישע איינוואהנער אן ע״ה. נאר וואס קען מען מאכין! דיא רייכע קיממערן זיך אום גאר ניכטס, דיא ארימע קענען נאר א קרעכין אינ א זיפץ געבען אבער ניכטס העלפען. דער רב קען אויך נאר דרשנין, שרייען, וויינען, שרייבען אינ דערביי בלייבט ער. רענן קיינער הערט איהם נישט — יעדאך געפינען זיך נאך יודען אין בוקארעשט. אונד צוואר מיר האבען 4—5 שוחטישע פליישבענק וואס דיא שוחטים (כשרע) אליין קוילען אינ בדקינין אינ פארצייכענען דאס שמאלץ אינ אללע קליינגקייטען וואס געהער צי דער בהמה וואס זיא איז כשר געווארין אינ זענען אליין דיא משגיחים ביים פלייש איבערנעמען. נאר וואס זייא האלטען גערינגענע העקערס צים האקען אינ טרייבערן דאס פלייש, נאטירליך אויך אונטער זייער אויפזיכט. אלזא איז שוין דא כשר פלייש אויך צי באקיממען. יעצט קימט אגרויסע פראגע, פאר וואס קויפט מען ניט פיר דיא אלטע לייט פין דעם אזיל כשר פלייש? אינ נישט מען זאלל ארימשיקען איין אלטען מאנן מיט א קאשניצע ער זאל ארים געהען צווישען דיא העקערס אינ אויסזשעברען ביינער מיט אבניצליך פין דעם פלייש וואס עס איז שוין דריי טאג אלט. רענן

אגיט אין אפריש שטיקעל פלייש וועט דאך דער העקער ניט שענ־
קען אהן געלד. פאלגליך גיבט מען דיא אלטע לייט צו עססען
פלייש מיט אללע מעלות, אי טריפה אי נישט פריש.— עס וואלט
אינז רעכט גיוועהן דאס געשענקטע ציזאממען גיזשעבריטע פלייש,
אום עס זאלל קיין געלד קאסטען, נאר ווען עס זאלל כשר זיין,
אבער טריפה איז אונז שוין ניט רעכט, דאס אזיל האט ב"ה פין
וואניט צו קויפען פאר געלד כשר פלייש.

דיא געשיכטע מיט דעם מאנאסטיר אינ צוגלייך מיט דעם
בוקארעשטער אזיל וואס עס געהט ניט צו כשר אינ נאר מיט
טריפה פלייש ווערט גינעהרט עטליכע דרייסיג מענשען אזוי פיעל
יאהה, האב איך ניט געשריעבען וועגען קאלאמניע. נאר אפשר
האבען דיא איינקינפטע ניט גיטראגען אז מען זאלל נעמען בא איין
כשרער באנק דאס פלייש, אבער יעצט אז אונזער אזיל האט אין
דיא פיעל טויזענדער פראנק איינקונפט יעהרליך, זאלל מען אויס־
מאכען מיט איין כשרער באנק אז נאר פין איין כשרען שו"ב זאל
דאס אזיל געשפייזט ווערין אינ מען זאל שטעללען איין איש נאמן
ער זאלל משגיח זיין אויף דער קיבע, אז עס זאלל צו געהן כשר
ארטאדאקסיש. אזוי וויא בא אונזערע עלטערן מען האט זיך נוהג
גיוועז! אינ שבת פאר נאכט נאך מנחה זאללען זיך ציזאממען
קיממען אללע זקנים אין דעם שפייזע־צימער אינ מען זאל מקיים
זיין שלש סעודות אזוי וויא אונזערע עלטערן האבין זיך נוהג גע־
וועהן.

איינער פין אונזערע גרינדער, ר' מרדכי ליפע לאנדויא האט
געמאכט איין שלש סעודות וואס עס האט איהם גיקאסט דרייסיג
פראנק אינ האט גיבעטין, מען זאלל איינפיהרען אז אלע שבת זאל
מען מקיים זיין שלש סעודות וועט ער געבין א שטייער, האט
מען ניט ציגעשטיממט דער ציא ווייל דיא אריסטאקראטען האבין
דאס ניט פארגינגעבין.

אזוי בעטין מיר דיא אנפיהרער פין „בתי מחסה לזקנים" מען
זאלל דיא פארשלעגע נאכקיממען, אום עס זאלל אונז קיין בושה
זיין פאר דער וועלט.

אויך וואלט גלייך גיוועהן מיינע ליעבע לעזער אז דיא פער־
וואלטער פין דעם אזיל זאלין דיא איניציאטיווע נעמין, ווייל עס

אין שוין יעצט אויך דיא צייט געקימען, מען זאלל איין באד בויען אויף דעם ליידיגען פלאטץ פין דעם אזיל אינ דאס וועט זיין דער רייכסטער איינקונפט פין דעם אזיל אינ דאס ריינקייט פיר דיא אלטע לייטע אינ דיא גרעסטע מצוה פאר ארימע ווייבער, וואס וויללען האלטען דיא מצוה פין נדה, ווייל דא אין בוקארעשט קאן דיא ארמע פרויא ניט מקיים זיין אינ האלטען איהרע דרייא מצות וואס זענין איהר געגעבין געווארען: נדה, חלה אינ הדלקה, חלה, ברויט, ווער באקט אין בוקארעשט, אז זיא זאלל מקיים זיין איהר ברכה פין חלה נעמין. דיא מצוה פין נדה איז זיא ניט אים שטאנד צי האלטען, ווייל דיא בעדער לאזען זיך זייער טייער באצאהלען אינ זיא האט אויף קיין ברויט ניט. ווען דיא גערלע פלעגן געהין פין אויבען, פלעגען דיא ארמע ווייבער זימער געהן אין דער גערלע, אבער היינט אז דיא גערלע איז אבגעבראכען אינ פלאנירט געווארען נ״ך דעם היינטיגען סיסטעם, אינ בא נאכט ווען מען קען זיך שוין אין איהר יאה בארען, קען איין יודענע ניט געהן טבילה, ווייל קריסטען אינ יודען, פרויען אינ מעננער בארען זיך באזאמען אינ אלע נאכט געשעהען גישלעגע וואס קריסטען שלאגען יודען אז מען מיז שטעללען זשענדארען צום באהיטען, נא קען זיך היינט איין טבילה־יודענע פארלאזען אויף דער גערלע? וויא האט זיך דאס געהערט אויף דער גאנצער וועלט, אז דארט וויא איין געמיינדע יודען וואהנען, זאל קיין באד ניט זיין פאר טבילה־ווייבער. אזוי איין שטאדט בוקארעשט קיין עין הרע פין אזוי פיעל טויזענדער פאמיליעס זאלל קיין באד ניט האבען. פין לאנגע צייטען צוריק מיט 50 יאהר ווען אין בוקארעשט איז געווען גאנץ ווייניג יודען האבען זיי געהאט איין באד נעבען דער גערלע, ווער ווייסט דורך וואס פאר איינע צושטענדע זייא האבען דאס פאר קויפט דעם הערן מעלצער נאך אים יאהרע 1844. פין דאמאלס אהן ביז היטע איז שוין איבער געגאנגען 45 יאהר אינ דיא שטאט האט ניט געזארגט פיר איין באד צי מאכען. פין דאמאלס ביז יעצט וויפיעל איפיטראפיעס זענין איבער געגאנגען אינ שווערע טויזענדער רענדליך זענין פאר פיצט געווארין. וויפיעל פעראיינען האבען זיך געבילדעט אין דיא יעצטיגע צייטען אינ מען האט פאר צערט אין דיא פיעלע טויזענדער פראנקען אינ זענין פארלוירען

געגאנגען. איין פעראיין וועללין מיר צום בעוויז ברענגען, איין סימ־באלישער פעראיין „אריאל" האט אויס געבראכט אין דיא פיעלע טויזענדער פראנקען, דיא מעבלירטע סאלאנין, דיא בגדי כהונה. דיא טייערע שטיהל אליין וואס דער פרעזידענט איז אויף איהר געזעסען האט גיקאסט 500 פראנק, דיא דרוקסארטען, סטאטוטען, ריטואלען דיפלאמען דאס אללעס איז פארניכטעט געווארין, דער פעראיין איז צישלאגען געווארען אינ דאס אללעס איז אוועק גע־שענקט געווארען אין אזיל אריין. דיא בגדי כהונה איז דארט גע־לעגען אויף דעם ביידעם ביז דער מייעל האט זייא אויפגיגעססען אינ דער נאך האט מען זייא פארקויפט, דיא ריטואלען מיט דיא דיפלאמען האבען דיא מייז צינגיזסין אין דער מאגאזיע פין האליץ אינ אזוי זענין פיעל פעראיינען איינגעגאנגען אינ ניט איינע פין דיא פעראיינען האבען געוואלט איינע איניציאטיווע נעמין מען זאל פאר דיא געלדער איין יודיש מרחץ בויען, אז עס זאל אבגעהיט ווערין דיא טייערע אינ ריינע מצוה פין נדה.

איך אפפעליר צי דיא אלטע מעמברע דע וועטש אז מיין זאל דיא איניציאטיווע נעמען אינ מען זאל איין באד בויען אויף דעם ליידיגען פלאטץ פין דעם אזיל אינ ניט קיין באד מיט גרויסע מא־שינעריי וועגען שוויץ. אז עס זאל קאסטען אין דיא פיעל טויזענדער פראנקען, אזעלכע זענין שוין דא אין בוקארעשט גענוג, מיר דאר־פען דא נאר איין סעמפלע באד וועגען ביטליך צי מאכען אינ א שיינעם ריינעם באזעהן (מקוה וועגען טבילה ווייבער). וואסערלייטונג איז שוין דא פין צוויי זייטען דעם אזילס, פין סטראדא ראמאלוס אינ סטראדא קאטיטע. פיר ארימע פרויען זאל דער פרייז גישטעלט ווערין נאר מיט 30 סענטים איין פערזאן אינ איין פישקע זאל דארט איינגעמויערט ווערין פיר נדבות אריין צי לעגען. פערמעגליכע פרויען וועלין געוויס שענער בעצאהלען וויא דיא ארמע אינ וועלין געווים איין געשענק צוריקלאזען אין דער צדקה־פישקע, דעמאלס וועלין מיר שרייען מיט איין הויבע־שטימע: „אשריכם ישראל בעולם הזה וטוב לכם בעולם הבא!"

## ביאגראפישע ערצעהלונג.

דאס אזיל האט 21 צימער. איין צימער איז א קאנצלייא איינס איז א שפייזע־מאגאזיע, איינס איז א שפייזע־צימער אין 18 צימערן זענען בעוואהנט מיט אלטע לייט, יעצט לעבען אין אזיל 18 מענער אין 16 פרויען, צוזאממען 34. דרייא עסן ניט פון דעם אזיל, איך אין מיין פרויא אין רחל לאה שענפעלד, אזוי בלייבט נאר 31 אין דיא קעכין איז 32. דיא מענשען עסן פון דעם אזיל. דיא קיכע מאכט ניט איין גרויסע הוצאה, פלייש געהט איין אלטער מאנן אלע טאג מיט דעם קויש פון איין העקער צים אנדערן אין קאבצינט דאס צוזאממען, מעהל שענקט מען מיט דעם זאק, צום האלץ איז אויך דא איין הילף, מען שענקט צו אפאר קלאפטער, צו דעם בעלייכטונג איז אויך דא איין הילף וואס מען שענקט צו אלע חודש איין עמיר 2 גאז. דיא גאנצע שווערע הוצאה איז נאר דיא דיענערשאפט.

דיא דיענסט נעמט 45 פראנק א חודש מיט איהר עססען, זיא זיצט אפילו ניט אין אזיל, אויף דער נאכט 8 דעם זייגער געהט זיא אהיים שלאפען. איין אונגעראן נעמט אויך 45 פראנק א חודש מיט זיין עססען. ביז אין דעם זימער האט מען קיין אונגעראן ניט גיהאלטען נאר דיא איינע דיענסט איז גיוועהן אין אזיל, ערשט מיט דיא צייטען האט מען צוגענעמין איין משרת. דיא קעכין נעמט 22 פראנק אחודש, דיא 2 שמשים וואס זייא געהן איינקאססירען אין דיא סעקרעטערין וואס זענין גיוועהן נעמין צו דיא גאנצע סומע וואס דיא „רעוויסטע איזראעליטע„ פאם 31 אקטאבער 89 וו יזט אן. דיעזעלבע רעוויסטע צייגט אן אז ער נעמט קיין געהאלט. פאר וואס צייגען ניט אן דיא ראפארטען אז מיכאלאוויטש'ס נעפאטים האבען גינעמין 40 פראנק אחודש אזוי פיעל אהרען. דער גענזעל איז ערשט צוגעקומען אין דעם יאהר. ברידערליך גאט זאל זיך מרחם זיין איבער אייער צדקה־פישקע וואס דיא געלדער פאללען אין איהר אריין.

1) אסתר שווארץ, 70 יאהר אלט, זיא האט איין זוהן, 6 איינקלעך, 2 אוראיינקלעך מעהר קיין משפחה. דיא אסתר איז איינע פון דיא ערשטע ווייבער וואס מען האט אויפגענומין אין אזיל אים יאהרע 81. זיא האט דער אמת'ר גורל אייפגענומין. נאך דיא

שטאטוטען האט באדארפט איעדער מענש מיט גורל אויפגינעמין
צי ווערין. מען האט אבער דעם גורל אויף איין זייט געלעגט אין
מען האט אויפגינעמין אהנע גורל. דיא אסתר נאך מיט איין אלטער
פרויא זענין געבליבען ניט אויפגינעמין אינ נאר איין פלאץ איז גע־
בליבען וואקאנט פאר איין פרוי, האט מען געמאכט א גורל, איז
דער גורל אויף איהר געפאללען, אינ וויטער איז קיין איינציגער
מענש ניט אויפגינעמין געווארין מיט גורל.

2) יוטע ליבערמאנן, 60 יאהר אלט, 3 זיהן, 6 איינקליך, 2
איראיינקלעך אינ א קליינע משפחה. דיא יוטע איז אויך איינע פין
דיא ערשטע פרויען וואס מען האט אויפגינעמין אים יאהרע 1881.

3) רבקה דיא עגונה, 60 יאהר אלט, 1 זיהן א בחור, זיא איז
עלענה, קיין שום פריינד. זיא האט מען אריין גינעמין אין אזיל זיא
זאל זיין קעכין, אזוי האט זיא גיקאכט 2 יאהר אינ וויל זיא איז
איין קרענקליכע האט מען צי גינעמין איין קעכין אינ זיא האט צי
גיהאלפען אינ דורך דיא רכילות פין יענקיל פלאמער האט מען
זיא ארויסגעווארפען פין דעם אזיל. זיין האלבע שטאדט איז דער
פאר ברוגז גיווען אינ אלע צייטונגען האבען געשילדערט דאריבער
ביז דיא מאדאמע אקסענבערג האט פאר איהר גיבעטין אינ האט
זיך גילאזט קאסטען געלד האט מען זיא צוריק אריין גינעמין.

4) האריל פריעדמאנן, 70 יאהר אלט, 3 זיהן, 1 טאכטער.
8 איינקליך, 1 איראיינקעל.

5) רחל ברענער, אלט 62 יאהר, 1 טאכטער, 3 איינקלעך.

6) רחל לאה סאלאמאן, אלט 61 יאהר, משפחה שענפעלד,
3 זיהן, 3 איינקליך.

7) אסתר לאקס. אלט 78 יאהר, 1 טאכטער, 2 איינקלעך
4 אידאיינקלעך, 1 איר־איראיינקעל פין דעם 4טען דור. גאר קיין
משפחה.

8) רחל נארדלער, אלט 64 יאהר, 2 זיהן, 2 טעכטער, 24
איינקליך, 3 איראיינקלעך.

9) פיגע קריינע דיא נאלינגערין, אלט 76 יאהר, 2 זיהן, 1
טאכטער, 16 איינקלעך, 5 איראיינקלעך, 1 איר־איראיינקעל פין
דעם פערדין דור.

10) רחל לאה עלקים, אלט 72 יאהר, 1 טאכטער 3 איינקליך.

11) שרה מייא, אלט 58 יאהר, דיא האט קיין קינדער קיין משפחה זיא האלט זיך אין לאדען מיט איין קריסט וועגע צווייא טויזענד פראנק האט זיא דאס געלד פערשפראכען דעם קאמיטע צי געבען אין דער פאר זאל מען זיא אריין געמין. דעם ס נט געארגע 1888 האט מען זיא אריין גינעמין אין דאס געלד וועט מען נעהמען ווען יענער וועט געבען.

12) רייזיל הארנשטיין, אלט 75 יאהר, 1 זיהן אין פאקשאן אין ניט קיין ארמער, 2 טעכטער, 4 אייניקלעך. 2 איראייניקלעך. דיא פאמיליע הארנשטיין איז דא אין פאקשאן, באקוי אין באטאשאן. זיא איז אויפגינעמין גיווארין סאנט געארגע 1888 אין ערשט גיקימען אין אזיל אריין 15 יוני, ווייל דיא קינדער האבען זיך געשעהמט אז זיא זאל זיצען אין אזיל. זיא איז איינע קראנקע פרויא איין באנעמענע אין דארף איין דיענסט האבען נעבען זיך. זיא איז שמואל גענזועלם א שטיפמאמע, זיא האט גיהאלטען זיין טאטע דעם באלעבעווער פאר איין מאן, זיא דארף אליין האבען א דיענסט, נאר דיא דיענסט וואס זיא באדיענט דאס גאנצע הויז באדיענט זיא אויך.

13) חנה שאין פישלס, 56 יאהר אלט, זיא איז אויפגינעמין גיווארין אין אזיל 12 יוני 1889, זיא האט גיגעבין 500 פראנק אין האט זיך אסיגורירט אויף לעבענסלענגליך אין אזיל צי זיצען. פאר געלד האט מען זיא אריין גינעמין אויך אין מיטען זימער, מען האט ניט גיווארט אויף משך דירות. יעצט ווינט זיא נאך דעם געלד אין זיכט איין צייט אז זיא זאל ארויס פין דעם הייליגען אזיל,

1) הזקן ר' לוי פאסימאניק א גיוועזענער שמיקלער, איין מאן פין 75 יאהר, דער איז נאך בא דיא גאנצע קרעפטין ער איז איין פאמיליען־פאטער פין 3 טעכטער, 8 אייניקלעך, איין איראייניקעל.

2) הזקן ר' דוד חשמל (עקיבא חשמל'ס פאטער) איין מאן פין 78 יאהר, איין פאמיליען־פאטער פין איין טאכטער 10 אייניקליך, 5 פין עקיבא חשמל אין 5 פין זיין טאכטער אין 2 איראייניקלעך. דיזר דוד חשמל איז איין הארפאשנע מענש פין דער נידריגסטער קלאססע, ער איז נאך היינט ביי דיא קרעפטין מעהר וויא איין אנדערער אלטער מאנן. ער טראגט נאך היינט דעם

גרויסען קויש מיט פלייט אין מיט ביינער פיר דעם אזיל. ער געהט פין איין העקער צים אנדערן אין נעמט מן הבא בידו.

3) הזקן אייזיק זיסא, איין גיוועזענער מלמד, אי"ז מאן פין 75 יאהר. יעצט איז ער איין אלטער מאנן אין שוואך אויף דיא אויגען, הולך ערירי, איין גאנץ עלענדער מענש אהן קינדער אהן פריינדע.

4) הזקן מאיר שבתי, איין מאנן פין 87 יאהר. איין גיוועזענער שניידער, איין פאמיליען־פאטער פין 4 טעכטער, 15 אייניקלעך, ער איז נאך ביי דיא שעהנע קרעפטען

5) הזקן ר' אברהם יצחק גרינבערג סנדלר, איין מאנן פין 75 יאהר, איין שענער בעל משפחה, 2 זיהן, 2 טעכטער, 16 אייניקליך.

6) הזקן ר' מרדכי אסתרים, איין גיוועזענער סטאלער, איין אלטער מאנן פין 86 יאהר, קיין שום קינד, הולך ערירי. ר' מרדכי איז איין קראנקער מענש, איעדעס מאהל פאלט ער צי בעט אין עס פאקט איהם א קארטש אין דיא הענד אין פיס. ד"א השתנה קאן ער ניט לאזען נאר טראפען ווייז, וויל ער האט אשטיין שוין פין אפאר יאהרען.

7) הזקן ר' הירש מענאקע (איין דארף וויא ער איז גיזעסין), איין מאנן פין 75 יאהר, אין זיין יוגענד איז ער גיוועהן איין מאד־שיער אין איין ווייצען־הענדלער, אויף זיין עלטער איז ער געבליבען ארים אין קראנק. קיין שום פריינד נאר איין טאכטער נאך א בתולה.

8) איציק מאיר בערגער, איין אלטער מאנן פין 81 יאהר, הולך ערירי, ער האט קיינע קינדער נאר איינע שעהנע משפחה, פיינע לייטישע מענשען, אין דער יוגענד האט ער זיך גינערט פין סוחרייא אין דער נאך איז ער גיוועהן אסאך יאהרען חזן אין גאסטערם שיהל. יעצט אויף דער עלטער זיצט ער אין אזיל. ער איז איין שוואכער אלטער מאנן, ער געהט קוים ארום אויף דיא פיס, ער איז איין יוד מיט תורה. ער זיצט אין לערנט אין דיא פריינד פערזארגען איהם מיט בייצערונג ער האט ביז צוועלף פראנק א חודש, ער שמעקט אין רייבערט אין טרינקט יי"ש, אין באר אריין געהט ער ניט פארצעהרין עטליכע פראנק ער האט ליעב א ווערטעלע צי זאגין אין קאטועס (שפאס) צי טרייבען וויא עס פאסט זיך.

9) שלמה ראפאפארט, איין מאנן פין 65 יאהר 2 טעכטער 1 זיהן, 21 אייניקלעך. א שעהנע משפחה. דער האט זיך גירעכינט אונטער דיא כלי קודש, איין אונטער־חזן, באהאנדעלט חתונות. ברית מילות, בא דיא טויטע משניות. מלא'ם אים יאהרע 1882 האט מען איהם אריין גינעמין אין אזיל,

10) יעקב העפלער, איין מאנן פין 66 יאהר. 3 זיהן, 3 טעכטער, 11 אייניקליך, 5 איראייניקלעך. אינ אשטיקעל בעל משפחה אפילו א שעהנע דא אין בוקארעשט, ער איז גיוועהן איין הוזירער, ער איז ניט געזינד אויף דיא פיס. איהם האט מען אריין גינעמען אין אזיל אים יאהרע 1882.

11) בערל כהן איין מאנן פין 69 יאהר. דער בערל כהן איין איין עלענדער מענש אהנע קינדער, אהנע משפחה, עלענד וויא א שטיין, ער איז געבליבען א בחור ביז אין זיין עלטער אריין. אין אין אזיל איז ער בלינד גיווארין אויףביידע אויגען. ער איז גיוועהן אין איין פעראיין כבוד התורה, דיא חברה איז צי שלאגען גיווארין

דער חזן ר׳ בערל מיט זיין פרויא ע"ה זענין אויפגינעמין גיווארין אין אזיל וועגען א פאליטישען ציעל, איך וויל עס אייך מיינע ליעבע לעזער ערקלערען, דעם ר׳ בערילס פרויא איז גיוועהן א נאהנטע פריינד מיט דיא יורשי צענטלער אין דארום האט דאס קאמיטע געמיזט לאזען איהם זיין חזן אין דער שיהל וואס זייא האבען גיבויעט. זאנסט האבען זייא גדראהט אז זייא וועלין אויפהערען צי געבען דיא 300 פראנק. וואס לויט טעסטאמענט פין דער גאטזעליגער מאדאם צענטלער איז בעשטיממט יעדעס יאהר צי איהר יאהרצייט דעם אזיל צי געבען דיא יורשי צענטלער האבען זיך נאך מעהרערע מאל גיפרוווט אין האבען ביים קאמיטע פערלאנגט מ׳ין זאל דעם חזן אבגעבין א צימער אין אזיל צום וואונען אליך פאר דעם זכות וואס זייא האבין דיא שיהל גיבויעט וועגען אזיל. דאס האבין זיי אבער בשום אופן ניט גיקאנט אויספיהרען, ווייל דאס קאמיטע האט דאס ניט גיוואלט ציגעבין. נאר אביר דאס פאריגע יאהר ווען מיכאלאוויטש מיט דעם דר. בלומענפעלד האבין מיר נאך אלע פערזעקוציאנען וואס איך האב פין זיי אין דער גאנצער צייט געליטען נאך דעם לעצטען טאדעסשטאס גיוואלט געבין, נעמליך מיך פין דער שיל אלס שמש אויסציישטויסען, נא" זייא האבען אבער איינגיזעהען אז דער גבאי ר׳ אשר קענינג האלט מיט מיר אין ער איז דאך איין אנקעל דיא צענטלערס, וועט ער מיט זייא ארבייטען אז מען זאלל מיר ניט אבזאגען פין שמש צי זיין אין זייער שיהל, זענין מיינע פאר גיטע פריינד דער דר. בלומענפעלד מיט מיכאלאוויטש גיפאלין אויף דעם פאליטישען פארטעל אין האבין פערשפראכען דעם חזן אין אזיל אריין צינעמין אין דער פאר זאל דער גבאי מיט דיא צענטלערס זיך נישט מישען ווען מען וועט מיך פין דער שיהל אלס שמש ארויסווארפען. אבגעמאכט אין אבגעטיהן. מיך האט מען פין דער שיהל ארויסגעשטעלט אין בערלין מיט זיין וויב האט מען אין אזיל אריינגינעמין. קורץ ביז אין אפאר וואכען איז ר׳ בערילס וייב גישטארבען אין דער חזן איז געבליבען אין אזיל א זקן פין 56 יאהר, נאר עססען האט ער ניט גיוואלט פין דער קעך פין דעם אזיל, ווייל נאך זיין מיינונג איז דאס עססען אין אזיל טריפה אין, ער אלס ערליכער יוד אין חזן האט דאס ניט גיוואלט עסען אין אזוי איז ער אין אזיל גיזעסען ביז אין חדש חשון תר"ן אין ער האט זיך נעבעך זיין ביססעל געלד וואס ער האט גיהאט אין קאסע דע דעפונערע ערך 2000 פראנקס ארויסגינעמין אין איז אוועק גיפאהרען קיין מאלדאווע דארט חתונה האבין אין אזוי איז געבליבען וועניגער איין זקן אין אזיל. (דער בעריל חזן איז גיזעסין מיט לוי פאסימאניק צוזאמין אין ער קער זיך גאר ניט אן מיט דעם בער ילכהן וואס מיר האבין אויבען געשריבען.)

אינ עס זענין געבליבען נאר 6 מענשען זייא האבען גיהאט איין ספר תורה מיט איין ביסעל זילבער. האבען זייא דאס געשענקט אין אזיל ארייו מיט דער קאנדיציע, אז מען זאל דעם בערל כהן אריינגעהמען אין אזיל אינ מיט דעם באדינג האט מען איהם אריין גינעמין. ער איז דעמאלס גיוועהן זעהינדיג אויף ביידע אויגען,

12) מיכל גאזניק, איין מאנן פין 60 יאהר, איין קליינער פא מיליען־פאטער פין איין טאכטער, איין אייניקעל, ער פלעג זיך גי־נערען מיט גאז ארים טראגען. ער איז א פראסטער מענש אינ פאסט מאנטאג אין דאנערשטאג. ווען מען האט איהם אריינגינעמין האט ער קיין פלייש גינעסין, ער האט גיזאגט עס איז טריפה. האט ער נאר גיגעסען פאסאלים. ער האט דאס ניט גיקענט אויספיהרען. עסט ער שוין פלייש נאר פאסטען האלט ער אלין מאנטאג אינ דאנערשטאג.

13) ר׳ הערציל וועקסלער, איין מאנן פין 58 יאהר, א קליינע פאמיליע, 2 טעכטער, 1 זיהן, 2 אייניקלעך. דער הערציל איז גי־וועהן איין הויזירער ער פלעג ארים געהן מיט סחורה. אז עס איז פאר באטען גיוואָרען דער אמבולאנט־מסחר האט ער גיגעבין 150 פראנק ער זאל ווערין א מעמברע דע וועטש אינ מען זאל איהם אריינעהמען אין אזיל עד היום הזה. ער איז נאך איין קרעפ־טיגער מאנן פיר דער היינטיגער וועלט.

14) שלמה בויכנער הכהן, אדער שלמה בעלפער (שתפו של יענקיל פלאמער,) איין מאנן פין 62 יאהר, (ווער עס קימט אריין אין אזיל ווערד מיט 10 יאהר עלטער, פין 60 ווערד 70) ער האט איין טאכטער, אין זיינע יונגע יאהר איז ער גיוועהן א מלמד, שפע־טער האט ער זיך גינעהרט מיט א קליינעם האנדעל, ער איז ארים גיגאנגין אויף דער האנד מיט איין פעליכע, יעצט אויף דער עלטער (ער איז נאך אפילו בייא דיא קרעפטען) האט מען איהם אריינגע־נעמין אין אזיל סאנט דומיטרע 1888. סוף יענער 89 איז ארויס דער יונגער מאנן מאיר וויינבערג פין גריזשיטאר פין דעם אזיל, האט מען שלמה בויכנער אבגיגעבען דיא דיענסט פראוויזאריש. אויף דעם מעגען דיא אלטע לייט אויך זאגען קינות אזוי וויא אויף יענקיל פלאמער.

15) יעקיל פלאמער, א מאנן פין 62 יאהר, גיבוירען אין טיס־

מעניץ (גאליציע) זיין מאמע האט געהייסען מאליע בת ר׳ ישראל וויטים הסנדלר, זיין פאטער האט געהייסן שמשון הירש בן ברוך בעקער. פלאמער הולך ערירי, ער האט קיינע קינדער, אווייב האט ער נאך היינט אויך, נאר ער איז מיט איהר געגעט פין דעם עס־טעררייכישען קאנסול אבער ניט פין דעם רב, דורך איין קריעג וואס ער האט מיט איהר געפיהרט איין צייט לאנג. זיא האט מיט איהם ניט געוואלט קיין שטיב האלטען, דורך זיין גיט הערץ אינ געטין האט ער זיא ניט געוואלט, איז זיא פין איהם אוועקגעאנגען אינ זיצט גאר אליין ביז אין היינטיגען טאג. וואס האט ער גיטאהן, פלאמער, ער האט זיך געקויפט א שטיקעל ערד אויף דעם בית החיים אינ א מצבה אינ האט אויף דעם שטיין אויסגעשלאגען א גאנצע קלאגע אויף דעם ווייב צים בית דין של מעלה. דער ניסוך פֿין דער קלאגע פאנגט אזוי אן: „איך האב א ווייב הייסט זיא „ברכה קעסטענבוים, זיא איז א טארניפאלערין אינ איז א קרעמערין, „זיא האט מיך באגאנבעט אינ בארויבט אינ זיא האט מיך קראנק „געמאכט, איך וועל זיא לאדען צים בית דין של מעלה, אינ דאס „בית דין זאל משפטין עטצ." נאך מעהרערע שיקאנירטע רייד וואס אויף דעם שטיין איז געוועהן אויסגעשלאגען, פיערצעהן שורות האט דאס פארנעמין.

וויא דאס ווייב איז דאס געוואהר געווארין, האט זיא געמאכט איין ביטטע צים עסטעררייכישען קאנסול אין בוקארעשט אינ דער האט דיא ביטטע אוועק געשיקט צים גענעראל־קאנסול נאך סטאמ־בול, איז אנגעקימען א באפעהל אז מען זאלל דעם שטיין אבקראַ־צען אינ יעקיל פלאמער זאל איהר באצאהלין אללע הוצאות אינ מען האט זיי איעדען איין בריעף ארויס געגעבען פין דער קאנצלייא אז איינער מיט דעם אנדערן האבען גאר ניט צי טאהן, זאלין זיך זיצען באזינדער, אינ אזוי איז דער גט באשטעטיגט געווארען ביז אין היינטיגען טאג.

דער פלאמער איז א מוכר ספרים נאך היינט אויך. ער פלעג זיצין בא מיכאלאוויטשעס טהיר פֿין דער קלעט מיט ספרים, ציצית אינ מזוזות, מעג ער טיהן אינ אזיל וואס ער ווילל, אזוי וויא מיר וועלין ווייטער שרייבען.

אים יאהרע 84 האט מען איהם אויפגינעמין אין אזיל וויל

ער האט גישענקט א ספר תורה אינ שיהל ארייז. אים יאהר 1885 אז מען האט אבגיזאגט דעם אלטען ר' הירש ביבריג פין עקאנאם אויף דורך זיינע רכילות, — עס איז גאר ניט דא אזוי פיעל פאפיר אז מען זאלל באשרייבין דיא רכילות וואס דער פלאמער האט געטראגען אויף דעם אלטען ביבריג, ביז ער האט איהם ארויס־גינעסען — אינ ער איז גיווארין אויף זיין ארט עקאנאם. האט ער זיך ערשט נוקם גיוועהן אינ דיא אלטע מענשען אזוי וויא א רעכ־טער שפאנישער אינקוויזיטאר, אזוי וויא מיר האבין מעהרערע מאל איבער איהם געשריבען אינ היועץ.

אין דער הא ק־מאגאזיע איז געשטאנין א ביטיל האט יענקיל פלאמער זיך דארט ניבארען אינ דיא שפחה כנענית האט איהם דארט גיוואשען אינ גיזייפט, ירבעם בן נבט חטא והחטיא את הרבים, חטא הרבים תלוי בו. ער האט נאך גיהייסען דער גויה פיער יודען בארען אינ דער פינסטער׳ער קאמער וואס מען טהאר זייא ניט גיטרויען איין שפחה כנענית אינ דאס האט מגלה גיוועז דער אלטער ר' יצחק מאיר, ער האט דערצעהלט ר' אשר קעניג אינ דער האט גימאכט איין גרויסען לארם אינ איעדער מענש האט דערפין גירעדט אינ פאר ר' גדליה ברייער אינ מיכאלאוויטש איז דאס גיוועהן רעכט. אינ ניט נאר פין דעם ביטיל אליין, אויך פין דעם עססען וואס ער ברענגט מיט זיין עקאנאמיע דאס פלייש ווע־גען דער קיבע. אזוי האבין דיא ליצני הדור דאס אללעס פובלי־צירט אין היועץ נומער 944 פין כ״ג אב תרמ״ז.*)

16) הזקן ר' הירש ביבריג מיט זיין פרויא רחל ביבריג,ביידע אלטע לייט פין 74 יאהר, הולך ערירי, זייא האבין קיינע קינדער גיהאט, נאר ער קעהר זיך אהן מיט ר' ישראל שווארץ קינדער נאהנטע פריינד אינ דורך דער קנאה שנאה וואס עס האט זיך גימאכט צווישען מיר אינ צווישען דר. בלומענפעלד אינ ר' וואלף מיכאלאוויטש דורך דער גרינדונג פין דעם פעראיין „בתי מחסה לזקנים“ האט מען נעזיכט מיר אבציזאגען פין מיין דיענסט האבין זייא גיפינען דעם ביבריג רעקאמאנדירט פין ר' אהרן שווארץ, אזוי

---

*) אויך דער געוויססער פובליטשיסט אין פרים-סעקרעטער פין דעם היסטארישען פעראין ״וליום בארא‎ש, ר' משה שווארצפלד האט פובליצירט אין זיין אנואר פין 1887 דיא שעהנע אויפ־פיהרונג פין דעם חסיד יעקיל פלאמער אקעגין דיא אלטע לייט פין דעם אזיל.

האבען זייא איהם מיט זיין ווייב אויפגינעמין אלס אזיל־פאטער אויף מיין שטעללע אינ מיר האט מען ארויסגיגעבין איין פאפיער דאס איך בלייב אין אזיל וואהנען מיט מיינע פרויא פיר מיינע רעכטע וואס איך האב מיר פארדיענט מיט מיין מיה אינ ארבייט וואס איך האב געלייסטעט פיר דעם אזיל ביז יעצט.

דער ביבריג איז מעהר ניט גיוועהן וו"א איין יאהר אינ דורך דיא רבילות וואס יעקיל פלאמער האט אויף איהם אנגעטראגען האט מיכאלאוויטש איהם אבגעזאגט פין דער דיענסט, זיין ווייב איז געבליעבען אין אזיל אינ דער אלטער מאן ביבריג האט גימיזט אויסציהען פין דעם אזיל אינ האט זיך ארים גיבלאנקיט אנדער־האלבען יאהר אהנע זיינע אלטע פרויא. זייער ווערטיל פלעג זיין. מיר זענין 60 יאהר פערהייראטהעט האט אינז גאט ניט גיגעט אינ מיכאלאוויטש האט אונז יאה גיגעט, דיא צוויי אלטע לייט האבין זיך ניט גיקאנט ליגען שלאפען ביז זייא זענין ניט גקימען צים טירעל (זיא פין אינוויינינג ער פין דרויסען) אינ זיך פרעגען איינס דאס אנדערע אויף זייער גיזינד אינ דער נאך זענין זייא געגאנגען שלאפען. זייא האבען באוויינט דיא שטעשקים פין דעם אזיל. איין מאהל איז ער געקימען קראנק בא נאכט צים טירעל פין דעם אזיל דאס טירעל איז שוין גיוועהן פארשלאססען אינ זיא האט גיווארט פין אינווייניג אז זיא זאל איהם זעהין, אז זיא האט איהם דערזעהין אזוי קראנק איז זיא ארייגגילאפען צי מיר מיט געוויין איך זאל איהם ארייננעהמען ציא איהר אין שטיב ארייך, זיא זאל איהם רעטטען. איך האב דאס באלד געטיהן אינ איך מיט מיין ווייב זענין דיא גאנצע נאכט אויף גיוועהן אינ האבין גיווארימט ציגעל אינ גישמירט מיט עסיג, בוימיל אינ קנאביל אינ אנדערע מיטעל געטאהן אינ מיט גאטטעס הילפע ביז אין דער פריה איז איהם גיט געווארען. האב איך איהם ארויסגילאזט פין דעם טירעל אינ יעקיל פלאמער האט דערפין ניט גיטארט וויססען, מיינע ליעבע לעזער קענין דאס לעזען אין היועץ נומער 1058 פין 14 סעפטעמבער 1888 אינ אזוי מיט דיא ווערטער האב איך דאס פובליצירט:

למען ידעו!

איך אונטערצייכנעטער ערקלעהר מיינע ליעבע ברידער, אז אללעס וואס ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זאגט אז איך בין דער אנ־

שטיפטער פין דער קריעג פין דעם אזיל, זאל מען וויססען אז עס איז נישט אמת! ער טראכט אויף מיר אויס דיא גרעסטע בלבולים, אינ זוכט מיך צו פערליימדען, ער פערזעקוטירט מיך שוין זייט 6 7 יאהר אינ נאר דערפאר ווייל איך האב ענטדעקט דיא גרינדונג דעם פעראיינעס „בתי מחסה לזקנים" וואס דאס האט איהם ניט גישמעקט. לאז מען זעהין מיינע אלטע געדריקטע דאקומענטע, וועט מען זעהין צי בין איך עפים חייב דער פאר, איך האב בעשריבען דיא גרינדונג דעם פעראיינס, ווייל דאס „בתי מחסה לזקנים איז איינס פין מיינע גוטע טהאטען וואס איך האס געטהין אויף דער וועלט, אין ר' מיכאלאוויטש האט דאס גיוואלט בייא מיר אוועק רויבען, וועלכעס איך האב ניט גיוואלט צילאזין. אינ דער פאר איז ער מיר אזא שונא אינ זוכט מיך נאר צו פערסעקוטירען, ער וויל זיך מיט מיר מאכען דעמזעלבען קאפריז ווי מיט דעם אלטען ר' הירש ביברינג.

אים יאהרע 1884 איז ר' הירש ביברינג אריין אין אזיל אלס אינגריזשיטאר אויף מיין ארט, ער האט איין יאהר גדיענט אינ דורך דיא רכילות פין יעקיל פלאמער האט איהם מיכאלאוויטש ארויס גיווארפען פין דעם אזיל, נאר זיין אלטע פרויא איז געבליבען. דער זיבציגיעהריגער אלטער מאנן האט זיך אנדערטהאלב יאהר ארים גיוואלגערט געשיעדען פין זיין אלטער פרויא וואס ער איז מיט איהר גיזעסען זעכציג יאהר. ווער עס האט ניט גיזעהן דיא טרויריגע סצענען וואס עס פלעגט פארגעהן אונטער דיא צוויי אלטע לייט, האט קיין ריהרענדע סצענע אויף זיין לעבען גיזעהן. אויף דער נאכט אז מען האט אבגישלאסען דאס טירעל פין דעם אזיל, פלעגט זיא שטעהן אינוועניג ווארטען ביים טירעל ביז איהר אלטער מאן פלעג אנקיממען פין דער גאס, אום זיא זאלל זעהען צי ער איז געזונד, זיא פלעג זיך נישט געהן לעגען ביז ער איז נישט אנגעקימען פין דרויסען ביים טירעל, אינ דאנן האבין זייא זיך גיזעגינט, אביסעל אבגעזיפצט אינ זיך גיגאנגען לייגען.

ער איז אמאל געקיממען בא נאכט צים טירעל אינ וואר זעהר קראנק, איז זיא צו מיר געקיממען וויינענדיג איך זאל איהם אריין לאזין צו איהר אין שטיב אריין, כדי זיא זאל איהם רעטטען, איך האב דאמאלס גערינעט דעם אזיל אלס פארטער, איך האב דאס

רחמנות נישט גיקענט ציזעהען, בין איך גיגאנגען אינ האב איהם תיכף אריינגינעמין צי איהר אין שטיבעל אריין אינ איך מיט מיין פרויא זענין מיר גיזעסין דיא גאנצע נאכט אינ דעם אלטען מאנן מיט אללערעייא מיטטעל גיראטעווית ביז ער איז צוריק צים לשון געקיממען, ווארין ער האט שוין גיהאט דאס לשון פארלוירען, אין דער פריה האב איך איהם ארויסגעלאזט אהנע יעקל פלאמער זאל גיוועז וויססען אז ער האט גינעכטיגט אין אזיל. אזוי פלעגין דיא צווייא אלטע לייט באוויינען דיא שטעגען פין דעם ז זיל. זייא זענין דאס ערשטע פאר פאלק פיערהייראטעט זייט זעבציג יאהר אינ גאטט האט זייא נישט גיגעט איז געקימען ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אינ האט זייא גיגעט, ערשט יעצט אים יאהרע 1888 אם ספינטע געארגע האט מען זייא ווידער ערלויבט צי זיין אין איינעם.

דאס זעלבע ווילל ר׳ מיכאלאוויטש מיט מיר אויך טיהן. ער ווילל מיך געטין פין מיין פרויא וואס גאט האט מיך פין איהר נית גיגעט, ער ווילל מיך נאר ארויסווארפען פין דעם אזיל, איך האף אבער צי גאטט, אז דיא שטאדט וועט דאס נית צילאזען" דען: איך האב נישט פארדיענט אזוי בעהאנדעלט צי ווערין אויף מיין עלטער.

יעקב פסנתר

אייגער פין דיא ערשטע גרינדער פאם בוקארעשטער אזיל.

אינ אז ר׳ הירש ביבריג מיט זיין ווייב רחלה האבין גילעזען דעם היועץ האבין זייא אפילו אביסעל הנאה גיהאט וייל איך האב דאס ענטדעקט אין פובליקום אינ זייא האבין מיר אפילו קיין שום פארווירפע געמאכט, ווייל זייא האבען געפינען איעדער ווארט ריכטיג געשריבען, אינ היינט זענין מיר טאקע אויך שכנים מיר זיצען אין בתי מחסה לזקנים איין טיהר נעבען דער אנדערער.

17) נח הויזירער מיט זיין ווייב שיינדיל האט מען אויפגינעמין אין אזיל סאנט דימיטרע 2 .89 אלטע לייטע איבער דיא 70 יאהר אלט, זייא האבען קינדער אינ קינדס קינדער ביז אין דריטען דור. 4 טעכטער, 2 זיהן, 9 איינקלעך, איין אוראייניקעל.

18) יעקב פסנתר מיט זיין ווייב זלאטע פסנתר. — זלאטע פסנתר איינע פרויא פין 53 יאהר. „אשת חיל מי ימצא ורחוק מפנינים מ רה בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר. גמלתהו טוב ולא רע כל ימי חייה. דרשה צמר ופשתים ותעש בחפץ כפיה.

היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה. ותקם בעוד לילה ותתן טרף לביתה וחוק לנערותיה. זממה שדה ותקחהו מפרי כפיה נטעה כרם. חגרה בעוז מתניה ותאמץ זרועותיה. טעמה כי טוב סחרה לא יכבה בלילה נרה. ידיה שלחה בכישור וכפיה תמכו פלך. כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון. לא תירא לביתה משלג כי כל ביתה לבוש שנים. מרבדים עשתה לה שש וארגמן לבושה. נודע בשערים בעלה בשבתו עם זקני ארץ. סדין עשתה ותמכור וחגור נתנה לכנעני. עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון. פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה צופיה הליכות ביתה ולחם עצלות לא תאכל. קמו בניה ויאשרוה בעלה ויהללה. רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כלנה. שקר החן והבל היופי אשה יראת ה׳ היא תתהלל. תנו לה מפרי ידיה ויהללוה בשערים מעשיה.

זיא איז געבוירין אין בוקארעשט מבית וויס, איהר פאטער אברהם וויס אינ איהר מוטער רחל וויס. איין בוקארעשטער אלטע פאמיליע. ער איז געוועהן איין מענגערשניידער, זייא האבען אויס־גילעבט זייערע יאהרען וויאפיעל אמענש דארף לעבען אינ אין בור־קארעשט געשטארבען בשיבה טובה ביידע אלטע לייט איבער דיא זיבציג יאהר אלט אינ האבין איבער געלאזט קינדער אינ קינדס־קינדער ביז אין דריטען דור. אונטער דיא קינדער איז דיא עלטער׳ע טאכטער מיין וייב זלאטע, זיא האב איך גינעמין אין בוקארעשט אים יאהרע 1863, זיא איז געוועהן א גרושה גיגעט פין דעם ערשטען מאנן, זיא האט מיט איהם נישט גיקענט וואהנען, וייל ער האט באקימען איין חסרון וואס זיא האט ניט גיקענט מיט איהם מעהר קיין שטיב האלטען, זיא איז פין איהם געבליבען מיט צוויי קינדער א מיידעל פין פיער יאהר אינ א יונגעל פין צווייא יאהר. איך בין אויך געוועהן איין אלמן איך האב גינעט צווייא ווייבער. וייל זייא זענין ניט גיגאנגען אין עהרליכען וועג, זייא האבען זיך אנגיקעהרט מיט רחב הזונה. אויף אזעלכע פרויען האט דער חכם בן סירא זיך אזוי אויסגעשפראכען מיט דעם לשון: אשה זונה במריכת עיניה ובעפעפיה תתידע כעיף בציה צחה צמא כל מים ישתה ובכל עץ ישען, כן דרך אשה זונה, כל עובר תתאו ואל כל חץ אשפתה פתוח. כפטר מים הולכים ינטש כן אשה רעה תרבה רעתה. אם איננה כלבך כרות חצי נויתך ותן לה ומעל פניך תשלחנה (בן סירא כ״ה כ״ו)

אין דיא לעצטע טייערע ווערטער פין בן סירא האב איך מקיים
גיוועהן אין האב ניט גיוואלט מיט אזעלכע ווייבער מיין וועלט
אבפיהרען ווייל איך האב דאס ניט גיזעהן בייא מיינע עלטערן.
דיא ערשטע פרויא מיינע האב איך גינעט אים יאהרע 1858 אין
דעם שטעטיל פיטעשט. דארט אין דעם שטעטיל איז נאך ביז
דאמאלס קיין גט ניט גיוועה; פין זייט דאס שטעטיל איז גיבויעט
גיווארין אינ קיין רב אי; אויך קיין מאהל ניט גיוועהן, נאר אין
יענער צייט איז דורכגעפאהרען קיין קראיאווא דער בראילאווער רב
ר' אפרים זלמן מרגליות האט ער אין איין טאג 2 גיטין גימאכט,
איך האב גינעט מיין ווייב אינ יוכבד האט גינעט איהר מאן מיכל
פאקטער. ווייל זיא האט מיט איהם אויך ניט גיוואלט זיצען דורך
זיינע שלעכטע אויפפיהרונגען, זיא האט דורך איהם קיין דיענסט
ניט גיקענט האלטען אין שטיב אינ זענין דייקא גיוועהן 2 אלטע
לייט, נאר זיא איז גיוועהן שטארק רעליגיעזיש אינ ווער איז גיוועהן
דער סופר פין דיא גיטין שרייבען, ר' גדליה ברייער, ער איז דא-
מאלס גיוועהן אין קלייד בייא זיין שוואגער ר' ליב בלאנק. דיא
צווייא גיטין קענין גירעכינט ווערין אין דיא דאקומענטע ציא דער
יודישער געשיכטע אין רומעניען פין דעמאלס אהן איז שוין 50
יאהר פאראיבער אינ מעהר קיין גט איז ניט גישעהן אין דעם שטע-
טיל פיטעשט.

דיא צווייטע פרויא מיינע האב איך גינעט אין בוקארעשט
בייא הרב ר' מלבים זצ"ל, אי; איין קורצער צייט האט מיר הש"י
ציגעשיקט איין אשה צנועה איינע גוטע פרויא פין ערליכע עלטערן
אינ דאס איז מיין ווייב זלאטע בת ר' אברהם וויים ז"ל. אויף אזוי
איינע פרויא האט בן סירא גיזאגט: אשת חן וטובת לב כל תמיד
בפנינים, אשה טובה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. אשה טובה
מתנה טובה בחיק יראי אלהים תנתן. אשת חיל נועם בעלה
ישלים ימיו בשמחה. אם דל ואם עשיר לבו טוב ופניו צהלו תמיד.
(בן סירא כ"ו)

מיין ליעב ווייב זלאטע פסנתר זיצט אגאנצען טאג איז דער
גאס מיט אביסעל גימיינע סחורה, קליינינקייטען, בענדליך, נאדלין,
פאדים. מיט דעם גימיינעם האנדעל גינערין מיר זיך שוין זעכצעהן
יאהר. וויר דאנקען דעם הערין יוסף ד' עליאס אינ זיינער ליעבען

פרוי פאלאמבא עליאס ניבוירענע מיקא פראנקא אוים ושורזשו. וויר
האבען דיא שטעללע בא זיין טהיר פין דעם גיוועלב אינ צאהלין
איהם קיין גרייצער, וועהרענד אנדערע האבין איהם גיוואלט צאה־
לען 50 פראנק א מאנאט. אינ דער פאר האבין מיר אונזער דאנק
אויסגעשפראכען אין דער "רעוויסטע איזראעליטע" פין דעם 15
אויגוסט 89.

**Act de mulţumire.**

Mulţumită generosităţi d-lui *Ioseph D. Elias* fiul lui Canutti Elias şi Doamnei *Palamba Elias* fica d-lui Mico Franco, pot răsbate grelile vremi ale bătrâneţilor mele şi mĕ simt adânc pătruns de recunoştinţa către aceste suflete nobile pentru bunavoinţa ce au deja de 16 ani de a mĕ lăsă cu micul meu negoţ lângă prăvălia d-lor fără nici o plată pentru loc. *Slata şi Iacob Psantir*

יעקב פסנתר, איין מאנן פין זיבציג יאהר אהנע קינ־
דער ואנכי הולך ערירי. דא אין בוקארעשט האב איך איין ארי־
מען ברידער*) איך בין גיבוירען אים יאהרע 20 אין דער שטאט
באטאשאן, מיין פאטער איז גיוועהן א געבילדעטער מאן אין מעה־
רערע שפראכען, ער איז גיוועהן דראגאמאן; בא דעם פראנצעזישען
קאנסול אין יאססי אינ דער פאר האט מען איהם גירופען זעליג
פראנצויז. מיין פאטער פלעג זיך אויך אבגעבען מיט יודישע אנ־
געלעגענהייטען, אז מען האט גידארפט ערלאנגען איין טובה פאר
יודען בא דער רעגירונג אדער בא דיא קאנסולאטען איז דאס גע־
שעהן דורך איהם, ווייל ער איז גיוועהן בעקאנט אין יעדער אמט.
אים יאהרע 1803 האט מיין פאטער זייער פיעל גיארביט בא
דער רעגירונג אז מען זאל פאר ברענגין דיא ביכער ניאפיטע וואס
דער משומד נח מלמד האט געשריבען אויף יודען. אים יאהרע
1885 איז פין גריבענלאנד איינע פראגע דאריבער גישטעלט גע־
ווארין אין המגיד, האב איך דיא תשובה אויף דער פראגע גיגעבין
אין היועץ נומער 772 פין 23 נאוועמבער 1885

*) נאך מיין פאטערס טויט האט מיין מוטער גינעמין דעם אנדערן מאן האט זיא איהם
גיבוירען דעם ברידער. ער איז א כהן און איך בין א ישראל און ווייל איך בין גיוועהן דער על־
טערער אין אונזער משפחה אין האב מיך גינעהרט מיט מיין מלאכה מוזיק האבין דיא אנדערע
יונגע קינדער אויך גילערינט דיא מלאכה, מיין ברידער איז יעצט א מענש פין 53 יאהר אין גי־
נעהרט זיך פין דער מלאכה מוזיק, אין ראמאן האב איך גיפאטים, מיין שוועסטערס קינדער זענין
זייא אויך קלעזמער (כלי זמר) אין אלע ארדענטליכע מענשען.

אין פין דעם אריגינאל האט דער בעל המגיד איין אויסצוג אין העברעאיש איבערזעצט אין פובליצירט אין המגיד אבער מיט ליוטער פעהלער וואס איך האב גאר ניט גידענקט אינ ניט גיזאגט האב איך גימיזט דאס העברעאישע רעקטיפיצירען אין היועץ נומער 780 פין 21 דעצעמבער 1885. אבער דער בעל המגיד האט ניט גיוואלט אויסבעססערן זיינע פעהלער, אזוי האט מען פין גריכענ־לאנד גיענפערט אז דער ניאפיטע וואס דער המגיד שרייבט איז ניט דער וואס מען פרעגט אויף איהם, ווייל דער רעכטער ניאפיטע איז גיוועהן געטויפט אויף ארטאדאקס אינ דער המגיד זאגט אויף קאטהאליש אינ נאך מעהרערע סימנים וואס איך האב ניט דער־מאנט, דארום האב איך באשלאססען איך זאלל דאס איבערזעצין אין העברעאיש אינ דא פארטזעצען.

בוקארעשט בחודש כסליו תרמ"ו

להרב בעל היועץ!

בהמגיד נומר 37 מיום 17 סעפט. 1885 קראתי מאמר אחד מעיר „זאנטי“ בארץ יון על אדות הספר „נגד היהודים“ מעשה יד המומר „נעאפיטע“, הנדפס ביאססי בשנת 1803 בהוצאות המיט־ראפאליט יאקאב. בשנת 1861 העתיקו את הספר הנז' מרומאנית ליונית והדפיסו אותו בזאנטי. עתה ביום 24 יולי שנה העברה באה שאלה מעיר אדריאנופול אל ראש הכנסיה הכהן דיוניזיוס לאטוס מעיר זאנטי המו"ל מ"ע בשם „ציון“ שיחוה דעתו על הספר מנעאפיט וביתר על הפרק הראשון „עלילת דם“. הכהן דיוניזיוס לאטוס השכיל לענות במכ"ע שלו ותשובתו לראות בהמגיד נומר 37 שנה הנ"ל.— מתוך דברי תשובתו ישאל ה' לאטוס על המומר ניאפיטע לאמר: „מי הוא זה אשר מקודם היה יהודי ומורה ואח"כ נוצרי ונזיר? מי היו אבותיו? באיזה עיר נולד? באיזה קהלה מישראל היה מורה? על מה המיר דתו? באיזה בית מקלט לנזירים נתגלה ובאיזה ישב? וסוף מה טובו בהיותו יהודי ומה הם חייו אח"כ כשהמיר דתו? — מכל זה אין אנו יודעים כלל, יען בספרו איננו אומר לנו דבר מכל הענינים האלו כי אם כותב כי היה מורה בישראל והמיר דתו ונעשה נזיר וחותם שמו . הקטן שבנזירים ניאופיטו„—“

וזאת הוא התשובה על שאלותו כפי שאזכור להגיד מאבותי.

אבי ידע את האיש היטב. רבות פעמים ספר מהמומר „נח מלמד“ או „נח איש־כרם“ (וויינעריונג). נח היה בן תופר מנעלים אחד מעיר קישינאף (לא אמרתי כי נח נ ו ל ד בעיר קישינאף כאשר העתיק המגיד אח"כ את דברי בטעות). פרנסתו היתה לשרת בבתי שריפת היין אשר יכינו את המשקה הזאת ברודים. אח"כ נעשה מלמד תינוקות בכפרים כנהוג אז במאלדוי. בסביבות קישינאף ואריעוו גרו יהודים בכפרים ונח השכור היה מלמד לבניהם, על דבר שכרותו נאלץ לבקש לו בכל חדש כפר אחר וע"י מדותיו הרעים גרשו אותו האנשים בשבט או באגרוף. אשה ובנים לא היה לו מעולם ולא יכול איש לקרבו ולעשות עמו חסד בעד מעלליו הרעים. וכן נגרש מכל מקום במכות ובחרפות. ע"ז נטר איבה ליהודים ולמען הכעים אותם המיר דתו ונעשה נזיר (מענך) (מן דילי׳ הוסיף „המגיד“ ב ד ת ק א ט ו ל י ת, והוא לא נכון כי פה שוררת אך אמונת האורטודוקתים היונים). אבי ספר כי היה בן שלשים ואיזה שנים בעת שהמיר נח דתו ומצא את מינו מומר אחר זקן ושניהם העלילו עלילות רשע על היהודים. המומר הזקן לא זכה לראות חבורו יוצא לאור כי מת מקודם ונשאר הספר על שם נח ניאופיטו אשר הדפיס אותו בשנת 1803. אבי ספר כי היהודים פעלו אז ע"י הקאנסולים אצל הנסיך מארוזי לשרוף את הספר. אבי היה אז מליץ (דראגאמאן) אצל הקאנסול הצרפתי ביאססי והתערב גם הוא בענין לשרוף את הספר. אם שרפו או לא, לא אזכור (ולא כאשר החליט המגיד בשמי כי שרפו). ואך כאשר ספר אבי כי הנסיך מארוזי ישב על כסא אך ארבעה שבועות, זאת היתה ממשלתו בפעם השניה, אחריו בא אלכסנדר שוטצו וישב על כסא שלש ירחים, עוד בשנה ההיא נמשח קאנסטאנטין איפסילאנטי אשר משל יחד עם הרוססים ותהי הארץ אז כמרקחה, הקונסולים נחלפו ממשמרתם והממשלה הרומאנית נחלפה. וכן נשתתקה גם שאלת הספר הנ׳. את המומר נח מלמד שלחו הבומרים מיאססי אל בית מקלט הנזירים מניאמץ לאשר לא נשאו אותו אתם יחד בעד מעלליו הרעים. ואשר יאמרו שונאינו כי היה ר ב ג ד ו ל (marele Rabin) בעיר אחת היא שקר מוחלט, כי הוא לבדו כותב על עצמו בסוף הקדמת ספרו: „הייתי מ ל מ ד אצל היהודים“ (am fost invěţător la jidovii) ולא יאמר „רב“ (Rabin) ומלת

„invěţător“ ברומאנית תורה על מ ל מ ד ולא ר ב.— הייתי ככן ט"ז או י"ז שנה בעת שדברתי עם הר' אליעזר שמש מעיר ניאמץ, זקן בן מאה שנים ויותר, הוא היה מונה מספר המומרים מבית מקלט הנזירים מניאמץ, והיה מספר כי המומר היותר להכעים הוא השכור הזקן ניאופיטו. כבר הוא זקן יותר משבעים שנה ועוד הנהו בריא אולם וסובב בכפרים לקבוץ על יד ומתהפך בכל בתי המשקאות ועי"ז ישנאו אותו גם הנזירים מבית המקלט הגדול. כל איש ישר מנע חברתו וגם איש לא ידע באיזה מקום מת (לא כאשר ההליט המגיד בשמי כי מת בשנת ה ש ב ע י ם לימי חייו). ספרו הבזוי היה מנואץ גם בפי אצילי המאלדאווים.— עם כל איש־מאלדאווי אשר דברתי בעת ההיא על אודות הספר הבזוי הנ"ל ירק עליו בחרפה ויקרא: „כפני המחבר כן פני ספרו“. לא האמנתי בחיי כי אנשים משכילים באיירופא יעתיקו ללשונותיהם הצחות ויבלעו עתם לקרא דברי לעג ובלע כאלה. הכהן החכם דיוניזיוס לאטוס מעיר זאנטי יוכל לסמוך על דברי כי כתבתי בדעה מיושבת כאשר זכרתי מאבי המנוח, יליד מאלדוי (את אבי קראו אז „אשר זעליג פראנצויז“ לאשר הבין שש לשונות בדבור וכתב, מת בשנת 1831 בהיותי בן י"ב שנה). וגם ידע הח' לאטוס כי הספר הבזוי הזה מהשכור ניאופיטי לא עשה שום רושם אצל עם המאלדווים והראי' כי מראשית המאה הנוכחית עד שנת 1866 חיו היהודים את המאלדוים כאחים יחד בכל הערים ובכל הכפרים כאשר כתבתי בספרי „Toleranţa religiósă îu Moldova“ אשר אתי בכתובים. כל איש עצם עיניו מספר המומר ניאופיטו, וכאשר נקרה לפעמים כי התעללו צרינו שונאינו ברשע להאשים אותנו בעלילת דם לא עלה בידם, כאשר הוכחתי בספרי אשר הוצאתי לאור. את תורתו הנמאסה של השכור ניאופיטו גנזו הכהנים מאז להיות לדבר עתיק לימים יבואו אחרי מות כותבה הנבזה למען יקדישו אותה בתת למחברה תור „רב“, ואולם שכחו כי המחבר לבדו כתב: „הייתי מ ל מ ד אצל היהודים“ ולא „רב“.

פ. ס. ידידי הר' מ. שווארצפעלד העירני כי המיטרופוליט „יאקאב“ לא היה נגד היהודים ואשר הדפיס את ספר המומר ניאופיטו על הוצאותיו ונתן ברכתו עליו כבעל ספר אמונה היה מטעם כי הוא ככל ההולכים לפניו עד שנת 1860 חפץ להביא את

היהודים תחת כנפי דתו, ולאשר לא יכלו לצאת עליהם בהכפה הוציאו לאור ספרים כאלה בחשבם למאס ע"ז אמונתנו בעינינו ויפנו יהודים אל דת הנוצרי, לאות כי המיטרופוליט בנימין, הנודע לאוהב ישראל, הדפיס את הספר הנ"ל פעמים בשנה אחת בשנת 1838, מחפצו לחזק בזה את דת הנוצרים. מאז נדפס הספר עוד הפעם ע"י „יאקאבינקי סטאיאנאוויטש", ממנו נכר כי הדפיס את הספר אך למען הרבות שנאה על היהודים. הצורר סטאיאנאוויטש נודע לאיש חסר דעת. בעיר ביקארעשט הוציאו לאור אח"כ את חס' הנ' ע"י אנשים פרטים בשנות 1871, 1872, 1877. המו"ל משנת 1871 העיר כי יעשה זאת אך לאשר היהודים לקטו את כל העקסעמפלארים מהספר הנ' ואין אחד למצא בידי איש נוצרי.

יעקב פסנתר

(נעתק ע"י אליעזר כתבן.)

סקיצא ביאגראפיקא וואס איך האב פובליצירט אין היועץ נו' 802 פין יאר 86. עס איז נאר ניט שעה, דאס איין מענש זאלל פין זיך אליין שרייבען זיין לעבענס-בעשרייבונג, נאר אבער וויל איך האב גיזעהן דאס מעהרסטע געשיכטען-שרייבער האבין בעטאנט זייער ביאגראפיע ביי זייער לעבען, אזוי וויא דר. יש"ר מיקאנדיע אין זיין הקדמה פין ספר „אלים" אין אזוי וויא דער בעל „אפס דמים" אין זיין הקדמה אינ נאך אזעלכע אויטארען האבין זיך ניט גישעמט אינ האבען זייער ביאגראפיע געשריבען אין זייערע ביכער: אבוואהל איך קאן מיך צי זיי נישט פערגלייכען נאר אבער אין מיין פאך, אזוי איין מענש וויא איך געפין מיך וואס איך האב ניט שטודירט קיינע שולען, אוניווערזיטעט אדער אין ליטשעאום האב איך קיין מאל נישט בעזוכט. נישט איך וויס וואס פאר איין מאכל דאס איז, תורה נביאים וכתובים איז גיוועהן מיין ליצעאום אינ דיא מפרשים זענין גיוועהן מיינע לעהרער. דארום האב איך מיר ער־לויבט איינע קורצע ביאגראפיע צי שרייבען אזוי וויא איך געפין מיך יעצט אין דיא לעצטע יאהרען פין מיין לעבען איין טהייל פין מיין ביאגראפיע איז שוין פובליצירט ווארדען אין „פראטערניטאטע" נומער 48—49 פין 12 דעצעמבער 1880 אינ דאס צווייטע מאל אין דיא אנאלען פין דעם היסטארישען פעראיין יוליום באראש' גערדוקט אים יאהרע 87. דיא גרייכט אבער ניט ביז אין דיא יאה־

רען וואס איך געפין מיך, דארום האב איך מיר פארגינעמין נאך
איין טהייל צו שרייבען כדי דיא זאל זיך פעראייניגען מיט דער
ערשטער ביאגראפיע.

איך האב גילעבט יינגע דרייסיג יאהרע צווישען
איין נידערטרעכטיג פאלק, צווישען ציגיינער מוזיקאנטען, דיא וואַ־
רען דאמאלס אייביגע שקלאווען בא דיא באיארען (אין מיין ספר
דברי הימים לארצות רומעניע האב איך פין זייא פיעל גירעד) איך
בין געצווינגען גיוועהן מיין מלאכה מיט זייא צו פיהרען, דאמיט
איך זאלל קענין מיין ווייב אין קינדער אויף איין ארדענטליכען וועג
ערנעהרען. אבער חאטש איך האב גילעבט צווישען אזעלכי נאַ־
ציאנען „עם לבן גרתי ובין הכושיים היה גורלי", האב איך דאך
נישט פארלוירען דיא הייסע ליעבע וואס איך האב גיטראגין אויף
מיין גלויבען אינ אויף מיינע ברידער איך האב אויף מעהרערע
ערטער מקדש השם גיזוען אינ צווישען דיא גרעסטע גילערנטע
דיא ניט יודען זענין גיוועהן האב איך פארטהיידיגט אונזער גלויבע
אינ פארהייליגט אונזער תורה וייל איעדער אות איז בא מיר טיי־
ערער פין אבנים טובות אינ גראדע דער פאר האב איך מעהר
עהרע גיהאט ביי דיא אומות העולם אינ וייל איך האב מיט דיא
נאבילסטע מוזיקאנטען מיטגיארבייט האב איך גיהאט דיא עהרע
אונטער דיא גרעסטע געזעלשאפטען צו קימען אינ זייערע דיסקור־
ציאנען אויסציהערען אינ דארום וייל מען האט מיינע ברידער
אין זייער דיסקוציאן טיטולירט מיט דעם שענדליכען נאהמען
„סטרעאין באגאבאנד" האט מיך דאס זעהר גיערגירט אינ מיין
לעבען פערביטטערט. אזעלכע עדלע קינדער וואס זייא זענין, פין
אורעלטערן גיבוירענע אין דיא לענדער רומעניען אינ האבין אויך
גרונד, הייזער, וויינגערטנער, שטיקלעך מאשיעס וואס איז זייא גע־
בליבען פין זייערע עלטערן פין הונדערטטער יאהרען אינ האבען
אויך שטודירט אין דיא רומענישע שוהלען אינ האבין זייער שטור־
דיאום מיט איין גרויסען סוקטשעס דורכגעפיהרט אינ צום סוף האט
ער גיהייסען „סטרעאין באגאבאנד", ווארום, דאמיט ער זאל זיין
עקסיסטענץ ניט קענין פארדינען אין רומעניען. שפעטער אין דיא
יאהרען 1856—57 ווען דיא פריצישע ציגיינער זענין בעפרייעט
גיווארין פין זייער שקלאווערייא אינ זענין הייסע רומענער גיווארען.

און כדי מיך צו ערגערן און מיר מיין לעבען צו פארביטערי, פלע־
גען זייא מיר זאגען דאס איין יוד האט נאר איין פיזיאגנאמיע פון
איין מענשען אבער איין מענש איז ער ניט, דער יוד איז נאר וויא
איין אף אקעגען איין מענש.

דיא אנטיסעמיטישע דיסקוציאנען האבען אין מיינעם הערצען
גיברענט וויא איין העליש פייער, דיא צווייא מענשליכע כוחות דער
כח הדמיון און דער כח השכל דיא האבען איין גרויסע שלאכט
געפיהרט אין מיינעם הערצען אזוי וויא צווייא בעל מלחמות אויף
דעם קריעגספעלד, איעדער האט זיך מיט זיין פארשטעללונג פאר
מיינע אויגען אנידערגישטעללט און האט מיר איין וועג געוויזען,
וויא ארים צו געהן איך זאלל קענין איין רפואה געפינען דאמיט
איך זאלל קענין אבוואשען דעם שענדליכען פלעק וואס אויף מיינע
ברידער איז ארויפגעווארפען. און דיא לעהרע פון דעם כח השכל
האט מיך אויף א גיטען וועג געבראכט און איך האב בעשלאסען
איינע ריעזיגע ארבייט צו אונטערנעהמען און דאקומענטע צו זאמ־
מעלן דאמיט איך זאלל קענין איינע געשיכטע דער יודען אין רו־
מעניען שרייבען, איך האב דיא איניציאטיווע מיט שווערער מיהע
און מארטער צוזאממענגעבראכט, איך האב געמיזט מיין פרנסה
שטערען און מיין הויזגעזינד פארלאזען אין דער שטאט בוקארעשט
און אויף דעם לאנג ארים רייזען פון דארף צו דארף פון שטאט
צו שטאט, איך האב אויף איעדען ארט דאס בית הקברות בעזוכט
איך האב מיט מיינע פינגער אויסגיגראבען אלטע מצבות און דאס
וויכטיגסטע אבקאפירט און אין מיינע ביכער געשריבען. יאהרענ־
ווייס בין איך נע ונד גיוועהן פון מיין היימאט, וויא איך האב גע־
טאגט האב איך ניט גינעכטיגט, זימער אין דיא גרויסע היצען און
ווינטער אין דיא גרעסטע קעלטען האב איך ניט גערוהט און בין
ארימגעקראכען אין אללע לעכער, איך האב קיין רחמנות געהאט
אויף מיין לעבען און אויף מיין הויזגעזינד, איך האב קיין שטיצע
געהאט פון קיין שום מענשען. עס איז ניט דא אזוי פיעל טינט מיט
אזוי פיעל פאפיער אז מען זאלל קענין בעשרייבען דיא גרייעל־
טהאטען און אונגליקען וואס מיר זענין איבערגעגאנגען אויף דיא
וועגען און אויף מיין ווייב זלאטע מיט איהרע צווייא קינדער אין
בוקארעשט, און אז גאט האט מיר גיהאלפען אז איך האב שוין

אנגעזאממעלט מאטעריאל אינ האב שוין ציזאממענגישטעלט מיין ספר „דברי הימים“ האב איך ערשט אנגיהויבען אויפס נייע פאר־שוואַרצט צי ווערין אינ ארים צי פאהרען פין שטאט צי שטאט אינ צי שרייען גיוואלד אז מען זאל מיר העלפין צי דער דריק מיין מאנוסקריפט איז גילעגין וואכענווייס בייא דיא משכילי הדור, ביז גאט האט דערוועקט דאס הארץ פין החכם המשכיל ראבינער אנטאן לוי, ער וואר דאמאלס פרעדיקאטאר אין טעמפעל פין העררן נייעשאַץ ער האט גירעד מיט העררן גאלדנער ער זאל דאס דריקען אויף זיינע שפעזען אינ דערנאך זאל איך דיא ביכער פארקויפען אינ דיא דריקשפע־זען באצאהלין. דאמאלס האב איך שוין אנגיהויבין צי געבין כתב יד אין דער דרוק אריין אינ הרב הגאון מוהר"ר ר׳ פייביל טוביש האט מיך זעהר שעהן מקרב גיוועזן אין האט מיר מוסר גיוועהן מעהרערע שאלות ותשובות אויסער דיא שו"ת וואס החכם המשכיל ר׳ אברהם כ"ץ האט מיר איבערגינגעבין אין פיאטרא אים יאהרע 1869. דיא אלע גרויסע ספרים האב איך נאר געפינען אין יאססי ביי הרב ר׳ פייביל טוביש, איך פ״עג אלע טאג קימען צים רבינס טיש אינ לערנין דיא שו"ת אינ האב זייא באצייכענט אין מיין ספר דברי הימים לארצות רומעניע. אים יאהרע 1871 איז מיין ספר פערטיג גיווארין האב איך ערשט געמיזט ארים רייזען אויף דעם לאנד דיא ביכער פארקויפען איך זאל קענין דיא דריקשפעזען בעצאהלען, אין דער צייט האב איך שוין ווידער גיזאמעלט דאקומענטע אינ אויך טראדי־ציאנען פין אלטע לייט כדי איך זאל האבין מאטעריאל פאר דעם 2טען טהייל „קורות היהודים ברומעניע“, דאס איז גערדיקט גיווארין אין סוף יאהר 1873. אים יאהר 1874 האב איך מיט דעם צווייטען בוך אויך געמיזט ארימפאהרען אויף דעם לאנד, איך האב אויף דעם וועג קיין האניג גילעקט, נאר עס איז מיר שוין אסאך גרינגער גיוועזן ווייא דיא ערשטע רייזע. ווייל דאס נאבלע פערא"ין ציון האט מיך דאמאלס מקרב גיוועזן אין איהר מיטטע. איך בין דאמאלס אים יאהר 1874 אויפגינעמין גיווארין אין פעראיין ציון מיט דער הילף פין דיא נאבעלסטע פערזאנען וואס זענין דאמאלס גישטאנין אן דער שפיצע דעם פעראיינס אזוי וויא דיא העררן פיקסאטא אמעריקא־נישער קאנסול צו בוקארעשט, דר. אדאלף שטערן אין זיין גאט־זעליגער ברודער דר. לעאפאלד שטערן, אינ דער גאטזעליגער דר.

ראזענטהאל וואר דאמאלס פרעזידענט דעם פעראיינעס ציון. איך מיז אין דער עווקייט דאנקבאר זיין דיא נאבלע מענשען וואס האַבין טהייל גינעמין אין מיין אויפנאהמע אין ציון, ווייל איך האב זייער א גרויסע שטיצע גיהאט פין דעם פעראיין אויף דער רייזע אין דער מאלדוי. אין אנפאנג דעם יאהרעס 1875 בין אין אהיים גיקימען פין מיין רייזע האב איך מיך ווידער אנגאזשירט מיט איין מוזיק באנדע אינ אזוי האב איך מיר גיהאלטען מיין בני בית בכבוד גדול. — אין דער צייט האט מיר פראפאגירט דר. הירש אז איך זאל א קורצע אויסצוג מאכען פין מיינע 2 ביכער אין ער וועט דאס אויף זיינע שפעזין דריקען לאזין אין דייטשער שפראכע, איך האב דאס ריכטיג גע־טהון אינ זייער שנעל דארינען גיארבייט, איך האב דיא וויכטיגסטע דא־קומענטע פין מיינע צווי ביכער ארויסגעשריבען אינ נאך מעהרערע נייע ארגומענטע ציגעזעצט אינ האב איין עקסטרא בראשירע געבילדעט אין האב דאס טיטולירט מיט דעם נאמען „מזכרת ציון צור עהרע דעם פעראיינס ציון. איך האב דיא צייט ניט פערזוימט אין האב דאס מאנו־סקריפט ארויפגיטראגין צום דר. הירש. ער וואר דאמאלס פרעזידענט דער דאטאציאנע דע וואראווע שי ארפאניע פאן דעמזועלבען פעראיין. דאס מאנוסקריפט איז בא איהם גילעגין איינינע טאגע אין ער האט מיר דאס צוריקגיגעבין מיט דיא ווערטער, וויר ברויכען עס ניט מעהר, זיא קענין דאמיט טוהן וואס זיא וואללען. איך בין אפילו אביסעל בייז גע־וועהן דאריבער, נאר וואס האב איך איהם גיקאנט טיהן. איינסטווייליג האב איך מיין כתב יד באהאלטען אויף איין גיט ארט דיא מייז זאללען דאס ניט אויפפרעסען.— איך האב אפאר מאל דערצעהלט דעם גאט־זעליגען דר. ראזענטהאל אינ האב איהם גיפרעגט פאר וואס דער דר. הירש ערפילט ניט זיין מיסיאן וואס ער האט מיר פערשפראכען, פלעג ער מיר ענפערין, פיללייכט האט ער שוין ארויסגינעמין איין פאר נאטיצען דערפין, נא צי וואס דארף מען נאך פארצעהרען געלד וועגען דריקען צי לאזען, עס קאן בלייבען אויף איין אנדערט מאל.— איך האב בעשלא־סען אין מיינע געדאנקען אז איך זאל דאס לאזין איבערזעצען אין דער דייטשען שפראכע אינ דריקען אויף מייניע שפעזען אינ איך האב דאס ריכטיג געטהון, אזוי וויא איך וועל דערפין שפעטער רעדין ביי דעם יאר 76, ווייל פין נון אן אינ ווייטער ווערד אונזער ביאגראפיע פארשטעללין וויא איך האב טהייל גינעמין אין דער גרינדונג דעם פעראיינס בתי

מחסה לזקנים“ אין וואס איך האב געלייסטעט דעם נאבלען פעראיין פין דעם ערשטען טאג דער גרינדונג ד, ה. פאם 5 יולי 1875 ביז אין דיא היינטיגע צייט וויא מיר געפינען זיך נאך יעצט אין אזיל. דאס וועט זייער אינטערעסאנט זיין פיר דיא שפעטערע זשענעראציאן, איינסטווייען ווירד אונזער ביאגראפיע גישלאסען.

יעקב פסנתר

יעצט געהן מיר איבער ציא דער גרינדונג דעם פעראיינס בתי מחסה לזקנים וואס איז אלץ אים יאהרע 75 געגרינדעט גיווארען.

## בתי מחסה לזקנים

# אבן פינה למזכרת נצח*)

### צום עוויגען אנדענקען

דאס דער טאג 5 יולי 1875 מוש״ק פ׳ בלק תרל״ה לפ״ק וואר דער גרינדונגסטאג פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים צים צוועק איין אזיל אין בוקארעשט אינ׳ס לעבען צי רופען פיר אלטע מענשין וואס קענין זיך שוין זייער ברויט נ׳ט פארדינען.

אים יאהרע 1879 האט דאס פעראיין גיקויפט דאס פלאץ פין סטר. קאטיטא נו׳ 7 אויף וועלכען עס זענין הייטע גיבויעט דאס אזיל וויא אויך דיא שיהל וואס דיא גאטזעליגע פרוי טעמע צענטלער האט דורך איהר טעסטאמענט געמאכט צום עוויגען אנדענקען לר׳ עזריאל באט.

דיא גרינדער פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים זענין:

| | |
|---|---|
| ר׳ אנשיל ריינשטיין | ר׳ יצחק מאירזאהן |
| „ ליב יאנאוויטש | „ מענדיל שטיינפעלד |
| „ אברהם משה איזראלאוויטש | „ ישראל ראזענבערג |
| „ יעקב פסנתר (המחבר) | „ שבתי מאיר |
| „ מרדכי ליפא לאנדוי | „ משה קופפערמאן ע״ה |

*) איך האב דעם אבן פינה אין דער שפיטצע פין דער געשיכטע „בתי מחסה לזקנים“ געשטעללט, דער ווערד אונזער מארמארשטיין זיין צום אייביגען אנדענקען ער ווערד ארומלויפען דיא גאנצע ערדקוגעל אין ווערד פארשטעללען דער וועלט אונזער גערעכטיגקייט, דענן דער וועלטסריכטער איז דיא געשיכטע, זיא ווערד דעם אמת קלאר ארויסווייזען, אזוי דיא יעניגע וואס האבין דעם אמתן גרונד ערשטיקט אין מיט אשע בעדעקט וועלין יעצט מיט אייבער שאנדפארבע אין דער עוויגקייט גישטעמפעלט ווערין.

המחבר.

מוסדות הבתים במעבה אדמה מונחים
לא תואר למו מלב ועין נשכחים
והבנינים א״יר עליהן נשענים
מחוץ מתראים ומתנאים
לפי ענין הבנאים.
כן הראשונים הניחו אבן פינה
למוסדות כל דבר חכמת בינה,
והיו שתותיהם בעפר מתכסים,
לא שם למו ואינם מתנשאים,
והאחרונים הבונים על היסודות ההם
יתראו יתגאו ונקראים אנשי השם.

דער גרונד פון הייזער ליגט פארדעקט אין דער ערד ער איז ניט געפיצט אינ ווערד פון איעדענס הערץ אינ פון איעדען אויג פארגעסען אבער דיא הייזער וואס אויף דעם גרונד זענין גיבויעט ווערין פון דרויסען ארויסגיזעהן מיט זייער שעהן פארפיצונג לויט דער ארכיטעקטור.

אזוי אויך דיא ערשטע וואס זייא לייגען דעם גרונדשטיין צו איעדער גוטע אינ רעכטשאפענע זאכע, בלייבען דיא גרינדער אזוי וויא מיט אש פאר דעקט, ניט אמאל זייער נאמען ווערט דער-מאנט, אינ דיא שפעטערע ציגעקימענע וואס זייא בויען אויף דעם גרונד וואס דיא ערשטע האבען גיליינט, דיא ווערין אנגיזעהן מיט גדלות אינ זיי ווערין גירופען אנשי שם. (חכמה ומוסר פון הרב ר' מרדכי ווייס-מאן חיות).

דיא בעל מלאכות האבין געגרינדעט דאס פעראיין בתי מחסה לזקנים, מיר האבין גיארבייט מיט אונזער בלוטיגען שוויס ביז מיר האבען ציזאמענגעבראכט 80 מיטגלידער לויטער בעל בתים פון דער מיטלער קלאסע אינ מיר האבען זיך בעראטהעןו אז מיר זא-לען ארייננעמין אנשי שם, דאקטורים, נגידים עשירים, אז זייא זאלין אונז העלפין צו דער זאכע. צו וואס נעמט מען דען ארין פאר-מעגליכע מענשין אנשי שם, כדי זייא זאלין מיטהעלפין מאטעריאליש אבער אז דיא אנשי שם קימען אויף דעם בענקיל שעמט מען זיך גאר מיט דיא גרינדער אינ מיט בעל מלאכות בעל בתים, וואס זייא האבין דיא אנשי שם גיזעצט אויף דעם בענקיל, דארום זאגט

דער מחבר פֿין דער מאטע אז דער גרונד וואס דיא ערשטע לייגען ווערט גאר פארגעסין דורך דיא אנשי שם וואס זייא בויען אויף דעם פרעמדען גרונד אין זייא באריהמען זיך מיט זייער בנין וואס זייא האבין גיבויעט אויף איין פרעמדען גרונד וואס זייא האבין איהם ניט נעגרינדעט כדי זייא זאלין הייסען אנשי שם. יעצט אז עס ווערד געגרינדעט איין פעראיין ווערד באלד פובליצירט אין דיא ציימונגען אז דיא אין דיא מענשען האבין געגרינדעט דעם אין דעם פעראיין, וויל דיא וועלט האט שוין איינגיזעהין דיא גרינדער פֿין בוקארעשטער אזיל פֿיהרען שוין 8 יאהר קריעג מיט דעמזעלבען קאמיטע וואס זייא אליין האבין זייא גיזעצט אויף דעם בענקיל אין דער קריעג איז נור פֿיר דאס ענטדעקען דער גרינדער, אין דאס איז פובליצירט גיווארין אין אלע צייטונגען, אין דאס האט יעדער אין אכט גינעמין אז עס זאל ניט קימען צו אזוי איין קריעג. ווען מיר פובליצירען דעם ערשטען פראצעס ווערבאל וואלטען מיר אויך דערצו ניט גיוועהן גיקימען, נאר מיר האבען דעמאלס נאך קיין מאדעל גיהאט. מען זאל זעהן דעם אפעל וואס דר. סענדער האט ארויסגיגעבין איבער דער גרינדונג פֿין בתי מושב זקנים אין ירושלים דער אפעל איז אונטערגעשריבען פֿין איהם מיט דיא ווערטער: דער גרינדער אין פארשטעהער פֿין דיזם מושב זקנים אין ירושלים. איינער האט איהם גיגעבין 800 פראנק האט ער איהם נאר איין דאנק גיגעבין אבער ניט גרינדער, אין אפילו אז איינער וועט געבין 30.000 פראנק וועט ער אויך קיין גרינדער הייסען. אז באראן הירש שענקט אויף דער אליאנצע אין פאריז מיליאנען פראנק הייסט ער נאך ניט גריינדער. אז חנה יענטא האט גישענקט 500 רענדליך וועגען דער ערשטער בויא, דאנקען מיר איהר דער פאר אין אזוי מיר גרינדער געבען אונזער דאנק איעדען וואס ער האט מיטגעהאלפען. דא איז קיין פלאץ מעהר דערפֿין צו שרייבען, ווייטער אין דער ביאגראפיע ווערד דאס גענוי ערקלערט ווערין.

וואס דר. סנדער האט ארויסגיגעבין פֿיר מושב זקנים אין ירושלים זאל מען זעהן אין היועץ נומער 1112 פֿין ה׳ ניסן תרמ״ט.

צוויא אלטע גיטע פריינדע האב איך דאמאלס גיהאט אים פעראיין ציון, נעמליך: ר׳ ליב יאנאוויטש אין ר׳ אנשיל ריינשטיין. ווען מיר פלעגין זיך צוזאממענקוממען האבין מיר גירעד נאר פֿין

פעראיינען, ווייל אין יענער צייט פלעג זיך אלע טאג בויען איין
אנדערער פעראיין. ר' אנשיל ריינשטיין איז דאמאלס געוועהן פרע־
זידענט אין איין פעראיין אגודת אחים רודפי צדק. אין חודש מאי
75 באגעגין איך ר' אנשיל ריינשטיין נעבען מיין שטיב (סטראדא
ספינציילאר) האבין מיר זיך צישמיעסט פין פעראיינען, האב איך
גיזאגט אז איך וויל אנטהייל נעמין אין זיין פעראיין וויא ער פרע־
זידירט, איך וועל איינצאהלען אין וועל זיין איין מעמברא אקטיוו
גלייך מיט אלע מיטגליעדער, אזוי האט ר' אנשיל ריינשטיין מיר
גיענפערט, ווארטען זיא נאך איניגע טאגע איך וועל דעמיסיאנירען
פין דעם פעראיין רודפי צדק ווייל עס גיפעלט מיר גיט, אינ מיר
וועלין זיך פעראייניגען מיט ר' ליב יאנאוויטש אינ מיר וועלין גרינ־
דען איין פעראיין וועלכער וועט גאנץ נייא זיין, ווייל איך בין שוין
אין פערהאנדלונג מיט א 6—7 מענשען וועט איהר אויך זיין צווי־
שען אונז. וויא מיר האבין אזוי גירעד נעבין מיין טיהר זענין צי־
געקימען מיינע 2 שכנים ר' שב״ק מאיר א פרויענשניידער אין ר'
ישראל ראזענבערג א דרעקסלער אינ האבין זיך אויך אנגעשלאסין
אין אונזערע רייד אינ זענין ציגעשטאנען צו אונזער בעשלוס. דא־
מאלס האט ר' אנשיל גיזאגט: יעצט מיט דיא 2 זענין מיר שוין
9 מיטגליעדער, באגעגינט אייך מיט ר' ליב יאנאוויטש וועלין מיר
איין זיצונג אבהאלטען אינ מיר וועלין זיך בעראטהען וואס צו טוהן
איז. עס איז אוועק גיגאנגין איניגע טאגע האב איך מיך באגעגינט
מיט ר' ליב יאנאוויטש האט ער גיזאגט וואס איז צו טהון, מיר
זענין אלע בעל מלאכות, מיר האבין קיין צייט זיך אבציגעבין מיט
דער ארבייט, טיהט איהר ד״ה שליחות אינ רופט ציזאממען דיא
עטליכע מיטגליעדער אינ ריפט ר' אברהם משה איזראלאוויטש
אויך, חאטשי ר' אנשיל ריינשטיין איז נישט צופריעדען מיט איהם
נאר ווייל עס פעהלט אונז נאך איין מענש צים מנין לאז ער זיין
דער צעהנטער. איך האב איינגיזעהן אז דיא מענשען קענען נאך
יעצט גאר נישט טיהן, אזוי וועל איך אנפאנגען עטוואס צו טוהן
איך בין גיגאנגין צו ר' אנשיל ריינשטיין אינ מיר האבין זיך ביידע
איינפערשטאנדען אז מיר זאלין איין זיטצונג ציזאממענריפען אויף
שבת פרשת בלק (5 יולי 75), איך בין באלד אהיים גיגאנגין אין
האב גימאכט 8 קליינע בילעטין אינ האב אזוי געשריבען:

וויר ביטטען, זיא זאלין אזוי גיט זיין אינ קימען שבת פאר נאכט צי ר' אנשיל ריינשטיין אהיים

אונטערשריפט

דאס פראוויזארישע קאמיטע

איך האב ציפליים אונטערגעשריבען איין פראוויזאריש קאמיטע וועהרענד עס איז נאך גאר ניט גיוועהן, כדי איעדער זאלל קימען צי דער זיצונג.

איך האב מיט דיא איינלאדונגס־קארטען זעהר גיט גיטראפין, מיר זענין זיך אלע צעהן מענשען ציזאממענגעקיממען מוצאי שבת צי מעריב בא ר' אנשיל ריינשטיין, אינ דאס זענין דיא 10 מענשען וואס זענין אויבען אין אבן פינה אויסגירעכינט.

ר' אנשיל ריינשטיין האט אינז גישטעלט איין טיש אונטער דעם גאטויע־בוים נעבען דער ברינע אינ מיר האבען אנגעפאנגען אונזערע דיסקוציאנען אויף וועלכער ארט מיר זאלין דאס פעראיין גרינדען אינ דעם בעשלוס וואס מיר האבין זיך דאמאלס פער־אבערעדעט האט הערר יאנאוויטש באלד איין פראטשעס ווערבאל געשריבען אינ דאס זענין דיא פרינציפאל־פונקטען:

דאס פעראיין זאל הייסען „בתי מחסה לזקנים“, אינ איעדיר מענש וואס וויל טהייל נעמין אין דעם פעראיין זאל געבין 2 פר. איינשרייבגעלד אין איין פראנק א חודש. דאס הייסט צוועלף פראנק א יאהר,

אינ איך האב מיך אבליגירט אז איך זאל ארים געהן פראַ־פאגאנדא מאכען אינ מיטגליעדער אריין צי ברענגין אינ אויך געלד איינציקאסירען ביז אין אונזער קאסע וועט זיין טויזענד פראנק. דער־מאלס זאל מען ערשט ציגעמין איין שמש מיט ליאפע. באלד האַ־בען מיר איעדער אנידער גילעגט זיינע צווייא פראנק אינ דאס איז גיוועהן דער ערשטער פאנד פין 20 פראנק, מיר האבין דעם פאנד איינגעלעגט בא ר' אנשיל ריינשטיין. ער איז גיוועהן דער ערשטער קאסירער, ליב יאנאוויטש דער ערשטער סעקרעטער אין פסנתר דער ערשטער פראפאגאנדיסט אין איינקאסירער, מיר 3 מענשען האבין געפיהרט דיא אינטערעססען דעם פעראיינס, ווייל דיא אנ־דערע זענין ניט פעהיג גיוועהן דערצי, אינ איעדער האט זיך פאר־טרויעט אויף מיין ארבייט. דאמאלס האב איך גיזאגט מיינע ליעבע ברידער איעדער זאל געהן צי זיין ארבייט אין צי זיין מלאכה אינ

זאל בעזארגען זיין הויזגעזינד. אין וויל מיין מלאכה איז נאר בא נאכט דארום האב איך דען גאנצין טאג צייט צי זארגען פאר דעם פעראיין, אין איך האב דאס עהרליך מקיים גיוועהן. דעם ערשטען טאג זינטאג בין איך ארויסגינאנגין אויף דער גאס אינ האב אנגע־הויבען ארימציגעהן צי מיינע בעקאנטע גיטע פריינד. איך בין גע־קימען צי ר׳ שמואל רויזען אינ דערציעהל איהם, אז מיר האבען נעכטין געגרינדעט איין פעראיין בתי מחסה לזקנים נאר פיר אלטע לייט זייא זאלען דארט וייער עלטער ציברענגען, שטייט צי צי אונז זיא האבען נאר איינציצאהלען 2 פראנק איינשרייבגעלד אין איין פראנק א חודש קאטיזאציאן. אינ דיא מעגער וואס וועלין זיך צי מיר איינשרייבען וועלין הייסען דיא ערשטע פונדאטארען אינ דיא וועלין גיצעהלט ווערין ביז 36 מיטגליעדער, אינ דיזע ווארטען האב איך מיט פליים גיזאגט כדי מען זאל מיך ניט רעפוזירען. מיינע גוטע פריינדע האבין מיך ניט רעפוזירט אינ האבין זיך צי־געשריבען. אזוי פלעג איך אלע טאג ארימגעהן אינ ווען איך האב גיקענט האב איך ציגעצויגען אין איינגעשריבען. איעדער מיטגליעד פין דיא צעהן מענשען האבין אויך מיטגיארבייט. פאר נאכט אז זייא האבען אוועק גילעגט דיא מלאכה זענין זייא גיגאנגין אין גאס אריין אין האבין גיווערביוויט מיטגליעדער. אבלל ביז אין א קורצע צייט האבען מיר ציזאממענגישלעפט עטליכע דרייסיג מיטגליעדער דעמאלס האבין מיר שוין גיוועהלט איין פראוויזאריש קאמיטעט. ר׳ אנשיל ריינשטיין פרעזידענט, ר׳ וואלף שטערן סעקרעטער׳ ר׳ יוסיל קראיאווער קאסיער, יעקב פסנתר איינקאסירער. דיא פיער מענשען האבין געפיהרט דיא אינטערעססען דעם פעראיינס ביז אין יאהר 1876 אין איעדער האט פראפאגאנדא געמאכט אינ ציגע־שלעפט מיטגליעדער, אז ביז אין יאהר 76 האבין מיר גיצעהלט 80 מיטגליעדער, דעמאלס האבין מיר זיך בעראטהען אז מיר זאלין וועהלען איין קאמיטע דעפינטיף אין מאיאט יענער 76 איז גיוועהלט גיווארין דר. בלומענפעלד אלס פרעזידענט, לואי הירש וויצעפרע־זידענט, ר׳ אברהם גארפונקעל קאסירער, ר׳ נפתלי פאפער סעק־רעטער, ר׳ אברהם שלומאוויטש קאנטראלאר, יעקב פסנתר איינקא־סירער חנם אין כסף, מעמברעס זענין גיוועהן דיא גיוועהלטע ר׳ וואלף מיכאלאוויטש, ר׳ יאסיל קראיאווער, ר׳ אנשיל ריינשטיין,

ר׳ אברהם משה, ר׳ ליב יאנאוויטש. ר׳ שמואל רויזען, ר׳ משה שפילמאן, ר׳ יוסף וועקסלער.

אלס אין דער צייט אין אנפאנגם יענער 76 איז געגרינדעט געווארען אין בוקארעשט דיא צווייטע ציון לאושע. זיא האט גע־פירט דעם נאמען „לומינא״ דעמאלס האב איך געפינען דיא גע־לעגענהייט אז איך זאל אוועק לעגען מיין מלאכה אין זאל שוין לעבען נאר צווישען יודען אזוי וויא איך האב מיך פיעל יאהרען געבעטען בא גאט אז איינינע יאהרען פאר מיין טויט זאל איך קענין אוועק לעגען מיין מלאכה אין איך זאל מיך קענין גענעה־רען נאר צווישען יודען. אזוי מיינע ליעבע לעזער ציא דעם גע־בעט איז דיא שוהלע לאמינא באשאפען געווארען, אז מיין וואונש זאל ערפילט ווערין אין איך זאל קענין מיינע ענדע יאהרען אב־לעבען נאר צווישען יודען אזוי האב איך מיין מלאכה אוועק גע־לעגט אויף אזייט אין בין איינגעטרעטען אלס דיענער (שמש) אין דער שוהלע לומינא.

אללע דיא נאבעלסטען פאמיליענפעטער פין בוקארעשט האַ־בען טהייל גענעמען אין דער שוהלע לאמינא. מען האט מיר איך זייער אין שעהנעם סאלאר מאנאטליך געשטעלט אין אויך אנדערע איינקינפטע וואס איך האב געהאט פין דעם פעראיין איך האב דיא מלאכה שוין מעהר ניט געדארפט באניצען, מען האט מיך זייער שעהן אונד ארינטליך בעהאנדעלט אזוי גאר דר. בלו־מענפעלד האט מיך ברידערליך בעטראכטעט.

דאמאלס האב איך ערשט איין גרויסען קראוזש באקימען פארטצוזעטצען מיין אקטיווע ארבייט פיר בתי מחסה לזקנים איך האב געקבצינט געלד פין אללע זייטען אן אין איין צייט פין 8 הדשים האב איך צוזאמען געבראכט מיין אבליגירטע סוממע פאן טויזענד פראנק אין אינזער קאסע. דאמאלס האב איך געזאגט: מיינע ברידער יעצט האב איך פארפילט מיין שולדיגקייט צו אינ־זער פעראיין בתי מחסה לזקנים, איך האב מיינע קאטיזאציאן איינ־געצאהלט גלייך מיט איך, איך האב דיא טויזענד פראנק אין אינ־זער קאסע צוזאמען געבראכט. פין יעצט אהן אין ווייטער זאל שוין איין אנדערעס מיטגליעד געהען איינקאסירען וויל צו צאהלען איין שמש ער זאל געהען איינקאסירען קען מען נאך ניט.

זייא האבען מיך אבער ניט אבגעלאזט אין האבען מיר צו־
געזאגט 20 פראנק צו געבען פער מאנאט איך זאל האבען אויף
געטים אין אלז איך זאל געהען איינקאסירען ביז מען וועט דאס
איבער געבען איין אנדערן. דאס איז געוועהן אין 15 פעבער 76
יעטצט וועלין מיר פארשטעלין דעם ערשטען פראצעס ווער־
באל פון 15 פעבער 76 וואס דאס נייע קאמיטעט האט אנגע־
פאנגען צו ארבייטען כדי מיינע ליעבע לעזער זאללען זעהען וויא
דיא זאך איז פארגעגאנגען.

## פראצעס ווערבאל נומער 1 פון 15 פעבער 1876

1. עס איז באשלאסען געווארדען איעדען מאנאט איינמאל
זיטצונג צו האבען אימער נאך שבת אבענד ביים העררן פרע־
זידענטען צו הויז.

2. עס איז בעשלאסען ווארדען איעדער וואכע זאללען 2
מעמברים ארימגעהען מיט איין בוך אויף צו נעהמען מיטגלידער

3. וויר האבען מיט דעם העררן פסנתיר פער 20 פראנק
מאנאטליך צאהלען פיר איינקאסירען געענדעט. (*)

4. העדר וועקסלער אין משה שפילמאן דארפין איבערנעהמען דאס געלד פון דעם געוועזענען קאסירער אין איבערגעבען דעם
העררן גארפונקעל קאסיער.

5. עס איז געוועהלט געווארין איינע קאמיסיאן וועגען סטא־
טוטען צו מאכען. דיא העררען ריינשטיין, איזרייאלאוויטש. וועקסליר,
סאלמאנאוויטש, לאי הירש אין שפילמאן.

---

(*) דעם פראצעס ווערבאל האב איך איבערגעגעבען דעם דר. בלומענפעלד אין דער אנטיק־
קאממער פון ציאנם פעראיין דיענסטאג אבענד .4 נאוועמבער 86‚ אין וויל ער האט פון מיר
געפארדערט דעם פראצעס מיט פארצע האב איך איהם דעם פראצעס איבער געגעבען מיט איין
אנמערקונג, אין דאס איז דיא נאטע :

אין .5 יולי 1875 ביז .15 פעבער 76 איז דא מעהר פון 7 חדשים דעמאלס האב
איך מיין קאטיזאציאן לונארע גלייך מיט אללע מיטגליעדער איינגעצאהלט אין דארויף האב איך
צעטיל געשריעבען פון ר' אברהם שלומאוויטש ערשט בייא דער זיטצונג פון ,15 פעבער 76 האט
מען מיר ציגעזאגט 20 פראנק פער מאנאט פיר איינקאסירען אין אזוי האב איך געארבייט אפאר
מאנאט אין איך האב איינגעזעהען אז דאס איינקאסירען געהט זעהר שוואך האב איך רעמיסיא־
נירט. מיינע רעמיסיאן האב איך געגעבען דעם דר. בלומענפעלד אין דיא הענד. אין אזוי האב איך
געשריעבען דיא רימיסיע: „איך דימיסיאניר פון איינקאסירען, נאר אינזער פעראיין וועל איך דינע־
נען ביז אין לעצטען טראפען בלוט.“ אין אזוי האב איך מיין ווארט געהאלטען ביז אין היינטיגען
טאג. נא העדר דר. פאר וואס פערזעקוטירט איהר מיך אויף מיין עלטער?

בוקארעסט, .4 נאוועמבער 1886

בשנת ששים ושבע לימי חיי לפ״ק

יעקב פסנתיר.

6. עס איז בעשלאסען איעדען מאנאט אויפרופע צו מאכען אין אללע שילען אז מען זאלל זיך קומען איינשרייבען צום פעראיין.

7. דעם הערדן היינשטיין איז דיא אידעע איינגעפאללען דעם פעראיין צו גרינדען, ער האט זיך מיט ר׳ ליב יאנאוויטש פעראבערעדעט אין דער זאכע צו ארבייטען, יאנאוויטש האט אויך אברהם משה איזראעלאוויטש ציגעצויגען וויל ער האט געוויסט אז ער וועט אויך פיר דיעזער אידעע זיין. וואדען דיעזע 3 הערדען דיא ערסטען הויפטגרינדער דעם פעראיינס.

## בוקארעסט 15. פעבער 1876

ביא דער זיטצונג איז גראדע יאנאוויטש ניט געוועהן, איך בין יאה געוועהן אין האב ציגעזעהען דיא שארלאטאניע.

עס ווערע מיט רעכט אז מיר זאללען נעהנען דיא נאמען פין אללע מיטגליעדער וואס זענין געקימען נאך אינזערע 10 פונדראטארען אין מיר זאללען זיא צעהלען ביז 36 פונדראטערע אזוי וויא איך האב זייא פארשפראכען. עס איז אבער ציגעגאנגען איין שווינדעל ביא דער ערשטער זיטצונג פין 15. פעבער 76. זייא האבען ביא מיר איבערגענעמען דעם בוך פאן דיא מיטגליעדער וואס זענין געוועהן פארשריעבען איינער נאך דעם אנדערן אין האבען איין נייעס בוך געמאכט אין האבען צים ערשטען געשריעבען דיא ערשטע 10 פונדראטערע, אין נאך דיא 10 האבען זייא געשטעלט זייערע מיוחסים וואס זייא זענין ערשט צי געקימען צום פעראיין איך בין דערביא געוועהן, נאר איך האב אבער מיר דערפין קיין צימעס געמאכט. איך בין ניט גענוג געוועהן אין אזעלעכע חשבונות. ביא מיר איז אללעם רעכט געוועהן, אויב עס וועט הייסען 3 פונדראטערע אדער 30 פונדראטערע. אבער אז איך בין געגאנגען מיט דעם בוך געלד איינקאסירען אין ר׳ יוסף אונגער האט דערזעהען אז ער איז אראב גערוקט פין זיין נומיר 12 ביז נומיר 37 האט ער באלד רעפאזירט דיא איינצאהלונג אין האט זיך אויסגעשלאסען פין פעראיין. איבער דער האנדלונג האב איך געהאט צי טאהן נאך מיט אפאר מענשען, נאר מיר ווילען זייא דא ניט דערמאנען. איבער דיא 3 פונדראטערע וועלין מיר ערקלעהרען אינזערע לעזער ווייטער אויף איין אנדער פלאטץ.

דא בייא דער זיטצונג האב איך ציגעזעהען דעם ערשטען שווינדעל וואס מען איז באגאנגען אקעגען דיא ערשטע גרינדער דעם אזילס. מען האט ערנאנט נאר 3 הויפטגרינדער אין מען האט ציגעריקט אברהם משה צי דיא 2 וועהרענד ער איז ציגעריפען געווארען דער 10. ווען ר׳ ליב יאנאוויטש הייסט מיר איהם ניט ריפען וואלט ער אפילו אינטער דיא ערשטען 10 ניט גערעכינט געוועהין אין איך בין דאך יאה געוועהין דער ערשטער ארבייטער אינטער דיא גרינדער אין איינער פין דעם ערשטען פראוויזארישען קאמיטעט אזוי וויא מיינע ליעבע לעזער וועלין זעהען ווייטער אין אללע דאקומענטע. איך האב אויף דעם ניט געוואלט פראטעסטירען, איך האב מיר געטראכט עס וועט שפעטער אין פנקס איינגעטראגען ווערין איך האב מיך פארלאזט אויף זייער ישרנות אין איך האב מיך דאס מעהרסטע פערטרויעט אויף דעם דר. בלומענפעלד איך האב נעגלויבט אז זייא העלין זעהין מיינע אקטיווע ארבייט וועלין זייא מיך געווים שעצען אין מען וועט מיין פעלץ געווים קיין אנדערן אוועק געבען. איך האב מיר פארטגעזעצט מיין ארבייט אין האב אהן געהויבען ארים צי געהין איינקאסירען. דיא קלענערע סוממען האב איך איבערגעגעבען יאזעף וועקסלער, אונד דיא גרעסערע סוממען האב איך איבער געגעבען ר׳ אברהם גארפונקעל.

דאס איינקאסירען האט אבער ניט לאנג געקענט דויערן נאר איין פאר מאנאט ווייל דיא צייט האט אהן געהויבען טולבער צי ווערין אין דער רוסיש־ טירקישע קריעג האט אנגעפאנגען איין גרויסען לערם צי שלאגען אין דיא וועלט איז צימישט געווארען איז דיא איינצאהלונג זעהר שוואך ציגעגאנגען. איך האב איינגעזעהען אז איך מיז דאס איינקאסירען אויף איינגע צייטען אבלאזין אזוי האב איך געשריעבען מיינע דימיסיען אין האב זייא געגעבען דעם דר. בלומענפעלד אין דיא הענד אריין, אין אזוי האב איך געשריעבען: איך דימיסיאניר פין איינקאסירען, נאר אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים וועל איך דינין ביז אין לעצטען טראפען בליט

אין איין פאר וואכען ארים באגעגען איך דען הר. בלומענפעלד זאגט ער צו מיר, הערר פסנתר ריפען זיא צו מיר דאס קא־

מיטעט אויף דען 9. מאי וועלין מיר איין זיטצונג אבהאלטען: אין איך האב איינינע מיטגליעדער צוזאממענגעבראכט אין מען האט איינע שעהנע זיטצונג אבגעהאלטען. אין דעם פראצעס נומער 4 פין 9. מאי 76 ערקלערט דר. בלומענפעלד אז: מיט דער מאדאמע רויזענצווייג איז נאך גאר ניט צו טאהן. ר' וואלף מיכאלאוויטש זאגט אז ער האט געשפראכען מיט דער מאדאמע ראזענצווייג אין זיא האט פארשפראכען צו געבען דיא 500 רענדליך אז מען וועט איין פלאטץ קויפען. (*)

ר' יוסף וועקסלער לעגט פאר דיא רעכנונג דעם העררן א. גאר־פונקעל פין איין קליינער סומע. העררר שלומאוויטש ברענגט איינע אנמערקונג איבער דיא סטאטוטען.

בא דער זיטצונג האב איך ערקלערט אז איך וועל אללעם טוהן לטובת הפעראיין. איך וועל אויך צו ביסליך געהין איינקאסירען, נאר אבלינירט דערצו ווילל איך ניט זיין. אין אזוי האבען מיר דאס פעראיין דאנן אונד וואנן איפגעמינטערט. אין מאנאט יוני האבען מיר ווידער איינע זיטצונג צוזאממענגעבראכט.

אין דעם פראצעס ווערבאל נומער 5 פין 27. יוני 76 ווערט גע־שפראכען איבער דיא סטאטוטען אין עס ווערט געשלאסען דורך דעם פרעזידענטען אין וויצע־פרעזידענטען צו ארדאנירען.

## פראצעס ווערבאל נומער 6 פאן 14. נאוועמבער 76

דא ווערט פארגעלעגט דיא סטאטוטען יודיש אונד וואלאכיש אין דיא אויסגאבע וואס דיא דרוקסארטען קאסטען אין עס זאלל פארקויפט ווערין 25 סאנטים אשטיק אין עס ווערט באשלאסען אז מען זאלל דעם ערשטען פראצעס ווערבאל דריקען לאזען אין אויך אין דעם מאנאט יענער 77 איינע גענעראלפערזאממלונג מאכען.

אין אזוי האב איך צו געבראכט מיט גרויסער מיהע אין שווירינקייט דאס יאהר 76 איך האב נאך איין וועניג איינקאסירט ביז אין ענדע דעם יאהרעס 76. דער רוסישער קריעג האט אבער איינגעטראפען דיא וועלט איז גאנץ פארמישט געווארין. אין חודש

(*) ביז מען האט ניט געקויפט דאס פלאטץ האט דיא מאדאמע ראזענצווייג קיין קרייצער געוואלט געבען אזוי וויא מען וועט זעהין אין דיא פראצעסע ווערבאלע ביז אין יאהר 79.

רעצעמבער 76 קום איך צי אינזער קאסירער ר׳ אברהם גארפונ־קעל מיט עטליכע פראנקען וואס איך האב נאך דעמאלס איינ־געקבצינט אין ווילל זייא איהם געבען זאגט ער צי מיר, העררר פסנתר נעמין זיא דאס גאנצע פעראיינסגעלד פין מיר צי אין גע־בען זיא דאס וועמין זיא וואללעד אין וועגן ניט געב איך דאס איבער צי ר׳ נתנאל מארקוס. ווייא איך האב דאס געהערט האב איך שוין פארשטאנין אז ער קאן דאס געלד שוין מעהר ניט האלטען דעמאלס בין איך געראפען צום דר. אום איין עצה צ האלטען. וואס צי טאהן איז.

אזוי האט מיר דער דר. געזאגט הערר פסנתיר טוהן זיא אין, מיינעם נאמען וואס זיא פערשטעהען. ווייל איך האב קיין צייט דערמיט זיך אב צו געבען. אזוי האב איך געשריעבען איין ציר־קולאר אין דיא קאמיטע־מיטגריעדער אז זייא זאללען מיינע פראַ־פאגערע צו שטימען. מיינע פראפאגערע איז געוועהן אז ר׳ וואלף מיכאלאוויטש זאלל זיין פראוויזארישער קאסיער ביז צי דער גע־נעראל־פערזאממלונג אין דאמאלס זאלל מען וועהלען איין קא־סירער העפיניטיף אין דאס געלד פין הערהן גארפונקעל זאלל מען איהם איבער געבען אין איך האב דאס צירקאלאר אונטערשריעבען פיר דר בלומענפעלד.

אזוי בין איך ארים געגאנגען פין איינים צים אנדערן אין איין יעדער האט אונטער געשריעבען.

דאס צירקולאר מיט דיא אינטערשריפטען האב איך פובלי־צירט אין היועץ נומ׳ 846 פין 13. אויגוסט 1886. אין דאס איז דיא פובריקאציאן:

מיינע ברידער!

נאך דעם וואס הערר גארפונקעל האט מיר דעקלארירט דיא פאריגע וואכע אז ער קאן ניט האלטען דאס געלד בייא זיך ער וויל דאס איבערגעבען צי ר׳ נתנאל מארקוס, אזוי איז מיין עצה אז מיר זאלען וועהלען ר׳ וואלף מיכאלאוויטש פיר פראווי־זארישען קאסיער ביז צי דער גענעראל־פערזאממלונג דארום בעט איך אז זיא זאלען אויך מיטשטימען אין אינטערשרייבען איהרע מיינונג דערצי.

יעקב פסנתר, פיר דר. בלומענפעלד.

אזוי וויא הערר פסנתר זאגט אז הערר גארפונקעל וויל מעהר דאס געלד ניט האלטען בייא זיך, בין איך בייא דער מיינונג וויא הערר פסנתר, אז מען זאל דאס געלד איבערגעבען ביז צו דער גענעראל־פערזאמלונג צו וועלוויל מיכאלאוויטש.

אנשל ריינשטיין.

אברהם שלומאוויטש. איך בין אויך בייא דער מיינונג — נפתלי פאפפער, איך שטימע דערצו — ליב יאנאוויטש. נאר מיכאלאוויטש זאלל זיין קאסירער — שמואל רויזען, איך בין דערבייא — משה שפילמאן, מיר געפעלט דאס אויך — יוסף סאלמאנאוויטש, איך געבע דאס אויך צו.

דאס באשטימונג פון דיא הערן נעהם איך אהן פראוויזאריש נאר ביז מען וועט וועהלען איין קאסיער.

וואלף מיכאלאוויטש.

אלע מיטגליעדער האבען מיר זייער שטימע צו געגעבען נאר ר' אברהם משה איז ניט באשטאנין דערצו ווייל ער האט געוואלט אז יאזעף וועקסלער זאל זיין קאסירער דארום איז זיין חתימה נישטא דא.

איך האב ניט געשפארט מיינע פיס און בין געלאפען פאן איינעם צום אנדערן אונטערשרייבען מיין פראיעקט אום כדי דאס פעראיין זאל ניט פאלען איך האב ח"ו קיין געלד דאפיר גענעהמען.

און ווער עס וויל זעהען זיין נאמען אריגינאל אויף דעם ארטען דאקומענט זאל ער זיך אדרעסירען צו מיר וועל איך איהם באלד צייגען.

יעקב פסנתר.

ר' אברהם גארפונקעל האט פונקציאנירט אלס קאסיער 12 מאנאט פון יענער 76 ביז דעצעמבער 76. דעמאלס האט ער איבער געגעבען דיא קאסע דעם פראוויזארישען קאסיער ר' וואלף מיכאלאוויטש. דיא קאסע איז באשטאנין אויס 1156 פראנק אין וועקסיל, איינס אויף 6 רענדליך, איינס אויף 23 אלטע טאלער און איינס אויף 124 אלטע טאלער

דאס יאהר 77 איז ניט גליקליך איינגעטרעטען בייא אונז און בוקארעשט. דיא רוסען האבען באלאגערט דיא דאנויא. דאס שרעקליכע דאננערן פון דיא רוסישע קאנאנען האבען זיך געלאזט

הערין. די טירקישע קאנאנען האבען אויך ניט געשוויגען אין האבען געענפערט מיט עזות. די וועלט האט אהן געהויבען צו נערווען זעך זייא זאלען דאס רוסישע געלד אריין שארין. ווען מען איז דעמאלס אין זינען געוועהן דאס פעראיין בתי מחסה לזקנים. מיט דעם אלימען האב איך ניט פארגעסין אין מיין פליכט אין בין ארויף געגאנגען צום דר. אין האב איהם געפרעגט וואס איז צו טאהן? זאגט ער, מיר וועלין איינע זיטצונג צוזאמענריפען אין מיר וועלין זיך בעראטען וואס צו טאהן איז. אין חודש פעבער דיעזעס יאהרס האב איך ריכטיג איניגע מיטגליעדער צוזאממענגעבראכט אין מען האט איין זיטצונג אבגעהאלטען. בייא דער זיטצונג ערקלערט דר. בלומענפעלד דיעזע ווארטע, אין אזוי זאגט ער:

דיעזעס מיינע הערען איז דער אינהאלט. דאס פראטאקאל וועלבעס אין די זיטצונגען דעם פערפלאסענען יאהרעס נאטירט ווארדע. דער קאסיער ר׳ אברהם גארפונקעל האט אי: לויפע דעם פערגאנגענען יאהרעס רימיסיאנירט, אזוי ווארדע ר׳ וואלף מיכאלאוויטש אלס פראוויזארישער קאסיער ערנאנט הערר יעקב פסנתר האט אויך שוין דאס פערגאנגענע יאהר רימיסיאנירט ער האט ערקלערט דאס ער מיט דעם אינקאססע דעם געלדעס פאן דען מיטגליעדערן זיך ניט מעהר בעפאסען קען, נאר מיטארבייטער מיט אינז בייזאממען וועט ער איממער בלייבען.

נאך דער זיטצונג וואס מיר האבען אבגעהאלטען אין חודש פעבער 77 איז אינזער פעראיין בתי מחסה לזקנים אביסיל איינגעשלאפען ווייל דאס רוסישע מיליטער איז שוין איינגעטרעטען אין לאנד אריין איז די וועלט נאך מעהר צו מישט געווארען אין איך האב שוין זייער פיעל צו טאהן געהאט מיט דעם ציון פעראיין עס האבען זיך אהן געהויבען צו בילדען קאמיטעטען אז מען זאל הילפע געבען די רומענער צו דעם טירקישען קריעג. מען האט געמאכט די צוזאממענקינפטע אין דער גרויסער סאלע באראשעאום פין דער קינדערשוהלע, אין ציונס קאמיטעט מיט זייער פרעזעדענט הערין אדאלף וויינבערג אן דער שפיצע האבען ארויסגינעבין אפעלליען אויף דעם גאנצען לאנד אז איעדער יוד זאל מיטשטייערן מיט וויא פיעל ער קען, אין ווער עס וויל זיך צו שרייבען אלס וואלונטאר זאל זיך צו זייא מעלדען.

מען האט אנגעפאנגען צו זאמלען געלד מען זאל שטיצען די רומענער מיט געוועהר און מיט בהמות מען האט צוזאמענגענע־מען אלערלייא אפאראנדים וואס צו איין מלחמה געהערט, עס האט בעז זיך געבילדעט אויף דעם גאנצען לאנד ראמען קאמיטעטען וועגען אפאראנדעס צוזאמען צו נעמען. די שפאניאלישע געמיינדע אין בוקארעשט האט אויך געבילדעט קאמיטעטען וועגען דעם צוועק. דאס יאסיער קאמיטעט האט געמאכט איין שפיטאהל אין טורנו מאגארעלע פון 20 בעטען, אונטער דער לייטונג פאן די געברידער אפאטהעקארס פריעדמאן. הערר גאלדענטהאל אין יאסי האט מנדב געוועהן זיין הויז פיר איין שפיטאהל פיר די רומענישע סאלדאטען. גאלאצער יודען האבען אבגעטהיילט 24 בעטען אין זייער שפיטאהל פיר די רומענער. ציונס פעראיין האט בעז געמאכט איינע אמבולאנצע און צוגעריכטעט צו דעם קריעג. די אמבולאנצע איז באשטאנען אויס 5 גרויסע וועגען מיט צו 4 פערד, מען זאל פיהרען די רומענישע ראנירטע סאלדאטען מיט זייערע קארטען. עס איז געוועהן פארבערייטעט איינע שפיצעריע מיט אללע נויטווענדיקע מעדיקאמענטע.

2 דאקטוירים, 1 דאקטאר אלעקסאנדער קאטשיא. מעדיק שעף, איין שפאניאלישער יוד געבוירען אין בוקארעשט. דער צוויי־טער דאקטאר י. לעבעל, 14 סטודענטען וואס זיא האבען באַ־דיענט די אמבולאנץ: 1 דר. ערדריך, 2 דר. יאסלאוויטש, 3 דר. טאבטין, 4 דר. וויינבערג (וויאנא) 5 דר. וועסטפריד, 6 דר. צאריך, 7 דר. יארבי, 8 מארין זייל שפיצער, 9 מאקס גאלדענ־בערג, 10 יאזעף עמאנועל. 11 איגנאץ פרידמאן, 12 האסאן, גע־שטארבען אין טורנו מאגורעלע. 13 באראש געשטארבען נאך דעם קריעג. 14 דר. אזיעל, געשטארבען נאך דעם קריעג אין פלאיעשט. די 16 יודען, פוילישע און שפאניאלען גימישט, האבען באדיענט די אמבולאנץ 10 חדשים וויפיעל דער קריעג האט גידויערט. זיא זענען אוועק געגאנגען צום קריעגספעלד 2 יוני 77 און זענען ערשט צוריקגעקוממען אים אפריל 1878. די אונטערשטיצונג פון געוועהר בהמות און אמבולאנץ האט געקאסט אפראקסימאטיוו איבער די הונדערט טויזענד פראנק. אחוץ די אמבולאנץ האט ציונס קאמיטעט אויסגעהאלטען אין טורנו מאגורעלע איין שפיטאל

פין 20 בעטען מיינע ליעבע לעזער זאללען זעהן, דיא אפיציעללע דאנקאדרעססע וואס דער דיוויזיאנסקאמאנדאנט האט געשיקט דעם ציונס־פרעזידענטען הערן אראלף וויינבערג איז איין פערגניגען צו לעזען.

אויסער דיא יודישע שטודענטען וואס זענין געוועהן ביא ציונ"ס אמבולאנץ האבען זיך צוגעשריבען מעהרערע יודישע סטודענטען צי דער אמבולאנץ פין דעם רויטען קרייץ, אין אנואריל פין 78 זענין זייא אללע אויסגערעכינט בייא דיא נעמין.

אין דעם טאג וואס דיא אמבולאנץ האבען גערארפט אוועקגעהען צום קריעגספעלד האבען זייא דעפילירט פאר דעם קעניגספאאר, דיא קעניגין איז געשטאנין אויף דיא טרעפ פין דעם מוזעאום אינ דיא קאמיסיאן פין ציון מיט זייער פרעזידענט א. וויינבערג זענין געשטאנען אקעגען דער קעניגין אינ הערר וויינבערג האט מיט איהר געשפראכען אינ האט פארגעשטעללט דיא אמבולאנץ. אין דעם מאמענט איז אנגעקיממען איין מיידיל פין 8 יאהר (קריסטין) מיט איין פעטיציע אין דיא הענד אינ איז געפאללען אויף דיא קניע פאר דער קעניגין אינ האט אנגעפאנגען צו וויינען אינ האט גיזאגט זיא האט ניט קיין פאטער אינ מוטער זיא האט ניט וויא איבערצוגעבטיגען אין האט איהר דיא פעטיציע איבערגיגעבין אינ איידער ד א קעניגין האט געענפערט האט הערר א. וויינבערג גיזאגט אז ער שענקט אויף דעם קינד 600 פראנק. איך בין גרארע דערבייא געשטאנען. מען האט דאס קינד באלד אבגעפיהרט אין דער פריימאריע אריין מען זאל זיא דארט פארזארגען. דיא אמבולאנץ האבען דיפילירט אינ זענין אוועקגיגאנגין.

אבער אונזערע יודליך האבין ניט געשוויגען אינ עס האט אנגיהויבען צי שיטען אפראנדעס פין אלע זייטען כחול על שפת הים. פין דער מאלדאווע פין שטעט אינ דערפער וויא עס האט זיך נאר איוד געפינען האט ער זיך גילאזט הערין מיט זיין צדקה. איין ארימע יודענע האט געהאט איין צווירען־העמד האט זיא דאס אוועקגעגעבין אפראנדע וועגין סקאמע פיר דיא ראניטע סאלדאטען. איך האב איינגיזעהין אז דאס איז איין וויכטיג אקטענשטיק פאר אונז יודען אויף דיא שפעטערע צייטען, דאס מיר יודען האבין בא איין קריטישער לאגע אייז פאטריאטיש געפיהל געצייגט פאר דיא

רומענער. איך האב דיא צייט ניט פארזוימט אינ האב באלד אנ־געפאנגען צוזאממען ציקליבען דיא אפראנדעס וויאפיעל איך האב געקענט ערפאהרען פון דיא מענשען וואס זייא האבין גיגעבין. אינ אויסער דיא אפראנדעס האב איך אנגעפאנגען ארויסצושרייבען פון דיא צייטונגען, וויא פיעל גאזעטען עס זענין ערשיענען אין יענער צייט אללע טאג וואָ־אכישע, האב איך זייא אללע געלעזען אינ ארויסגעשריבען דיא אפראנדעס, איעדעס מיט זיין דאטום אינ מיט זיין צייט אינ וואס פאר איינע אביעקטען איעדער האט געגעבען. איך האב איינע גרויסע מאססע נאטיצען פון אזוי איין גאטונג צו־זאממענגעקליבען. אין איין קורצער צייט האב איך דאס אזוי וויית געבראכט דאס דיא געסט פון דיא קאפעעהייזער האבען אקעגען מיר פראטעסטירט אז דורך מיר קענין זייא קיין צייטונג לעזען, וויל איך האלט דיא צייטונגען זעהר פיעלע שטונדען. אזוי האט מען מיר אבגעזאגט דאס לעזען.

איך האב גיזעהין אז איך קען מיין וואונש ניט דורכזעצען אזוי האב איך מיין פראיעקט פארגיגעבין אין ציון־פעראיין, דר. שטערן האט דאס אנגינעמין אינ האט אויטאריזירט דר. עליאס שווארצ־פעלד ער זאל דאס ענדיגען. איך האב זייא מיינע גזאממעלטע נאטיצען איבערגיגעבין. וויא עס איז איבערגיגאנגין א קורצע צייט האב איך גיזעהין אז דיא ארבייט געהט שווער, מען טיהט גאר ניט. האב איך מיינע נאטיצען צוריקגינעמין אינ האב זייא איבער־גיגעבין ר׳ ישראל ראפאפארט, סעקרעטער דער אליאנצא איזראע־ליטע צו ביקארשט אינ דער האט דאס שוין גענדיגט. וויא אזוי ער האט גיטאהן אינ וואס ער האט גיטאהן וויים איך ניט. עס האט מיך אפילו גענוג גיערגערט פאר וואס איך האב דאס ניט גיקאנט אליין אויספיהרען. דיא אפראנדעס וואס יודען האבין גע־שענקט צו דעם קריעג איז אונמעגליך צו שרייבען, אז דיא רומע־נישע צייטונגען האבין געשילדערט אויף דיא רייבע בולגארען וואס וואהנען אין רומעניען, זייא זענין אריבערגעקימען פון בולגאריען ארים אין אפינקים אינ האבין אין רומעניען געמאכט אגרויס פערמעגען אינ צו דעם קריעג האבין גאר ווייניג צוגעהאלפין. נאר אבער וויא איך האב נאכגעזעהען אין דער צייט פון דעם קריעג האבען דיא בולגארען יא מיטגעהאלפען, מען איז ניט גישטאנין פון וויטען מיט

דיא הענד פארלעגט. עס זענען זיך צוזאממענגעקוממען פון בול־גאריען, מאקעדאניען פון אללע זייטען פון דיא טירקישע פראווינ־צען, אויך פון באסאראביען אונ מען האט געמאכט איין ארמעע פון 24 טויזענד וואלענטארען פון אלערליי מינן נאציאנען אונטער דעם קאמאנדא פון גענעראל גורקא אין צו דער ארמעע האבען דיא בולגארען מיטגעהאלפען. איך האב דאמאלס גירעד מיט איי־נינע פארמעגליכע בולגארען וואס איך האב מיך פאר זייא באריהמט מיט דער שטיצע פון יודען צו דעם רומעניש־טירקישען קריעג. האבען זייא מיר געזאגט אז פון דיא בולגארען ווערט געשטיצט דיא ארמעע וואלינטארען. אונ איך האב זייא איבערציינגט אין דיא בלעטער אז יודען געהען אויך אויף דעם קריעגספלאטץ מיט דעם געוועהר אין דיא הענד אין אפראנדעס אין געלד אין אביעקטען וועגען דעם קריעג אין עקסטיר. אונ אזוי פלעג איך אללע טאג האבען דיסקורסען מיט פערשידענע אנטיסעמיטען.

מיט דיא אפראנדעס בין איך שוין פערטיג געווארין אבער מיט מיינע יודישע קראנקעס בין איך נאך ניט פערטיג געווארין. איך האב פארשטאנען אז נאך דער שלאכט וועט קימען צו איין קאנ־פערענץ. וואס וועלין מיינע יודישע קראניקים ווירקען אז מען קאן דעם ושארנאקגיט פארשטעהען. איך מיז יעצט לאזען איבערזעצין אין דייטשען מיין מאנוסקריפט וואס איך האב צוריקגינעמין פון דר. הירש אין וועל דאס יעצט פובליצירען. דאמיט איעדער געבילדע־טער מאנן זאלל דאס קענין לעזען, אפשר וועט דאס איין לעבט ברענגין צו דער הילפע דער רומענישען יודען איך האב נישט פאר־זוימט דיא צייט אין ה' אראלף וויצענבערג האט דאס איבערזעצט אין דייטשען אונ איך האב דאס געדרוקט מיט מיינע שפעזען אז בין אין מאנאט נאוועמבער 77 אין דאס פערטיג ערשיענען. איך האב דאס באלד צישיקט אויף גאנץ אייראפא אונ אויך קיין אמע־ריקא אונ דיא חכמי הדור האבין אין דעם „מזרחת ציון" גילעזין אונ האבין געוויסט צו ענפערן דיא שונאי ישראל מיט גרינדליכע דאקומענטע אז יודען זענין שוין לאנג גיזעסין אין רומעניען נאך פריהער פאר דיא רעמער, ווען טיאיטוס קעסאר האט אבגינעמען דיא לענדער דאטשיא אים יאהרע 106 נאך קריסטי האט ער שוין געפינען יודען. אויך אין דער רומענישער קאמער איז ציטירט גע־

ווארין מיין „מזכרת ציון", אזוי ווייא מיינע לייבע לעזער ווערלען דאס זעהען דייטליך אראפ ווייטער. אינ יאהרע 79, דא איז קיין פלאטץ דערפין צו רעדען. אויך דר. בלונטשליא Dr. Bluntschli האט געשריבען איין בראשורע „Situaţiunea juridică a Evreilor in România" האט ער גישעפט פין מיין „מזכרת ציון", ווארין איך האב אהין געשיקט קיין בערלין 50 שטיק עקסעמפלארע מען זאל פארטהיילען אן דיא פראפעסארען פין דיא אוניווערזיטעטען

אין קורצען מיין „מזכרת ציון" האט איין גרויסען איינדרוק גע־מאכט אונטער דער געבילדעטער וועלט איך האב שוין אביסעל נחת רוח גיהאט אז איך האב גיהערט פין מיין דייטשען בוך ווי־א עס קלינגט אויף דער וועלט. זה היה חלקי ועמלי אשר עמלתי בו זה כמה שנים.

איין גרויס פערגניגען האב איך גיהאט אים יאהרע 78 מיט מיין „מזכרת ציון" וייל עס האט פערטהיידיגט דיא יודענפראגע אין רומעניען. פין דער אנדערער זייט האב איך געהאט גרויסע יסורים פין דיא מיטגלידער פין „בתי מחסה לזקנים" דיא וואס איך האב בייא זייא גינעמין געלד פיר דיזען צוועק. זייא האבין מיך נית גע־לאזט דיא גאס דורכגעהען. זייא האבין מיך גיפרעגט: הערר פסנתר וואס טיהט איהר מיט אונזער געלד וואס איהר האט צוזאממען־גינעמין. בין איך גילאפין צו ר' וואלף מיכאלאוויטש אינ האב איהם גיפרעגט וואס טיהט מען. מען לאזט מיך נית דיא גאס דורכגעהן האט ר' וואלף גיזאגט נעמט אייך דאס געלד בייא מיר צו איך קאן דאס נית מעהר בייא מיר האלטען. אזוי בין איך גילאפין צו דר. בלומענפעלד אינ האב איהם גיזאגט: דר. מען לאזט מיך נית דיא גאס דורכגעהן אינ מיכאלאוויטש וויל דאס געלד נית האל־טען עס וואלט גלייך גיוועזן אז דער הערר דר. אין מיכאלאוויטש זאלט אייך ביידע אפגעבין מיט דער מצוה אינ קויפען איין קליין שטיקעלע ערד אדער איהר זאלט אבלעגען בוימאטעריאל אויף דעם שפיטאלספלאטץ אינ אזוי לאנגזאם וועלין מיר צו ווערקע געהען איהר דר. בלומענפעלד אינ איהר ר' וואלף מיכאלאוויטש זאלט זאגין נגד ד' ונגד משיחו. איז דאס נית אמת וואס איך שרייב דא אז איך האב נית גערוהט אינ בין גילאפין 3 מאל אין טאג צו אייך אינ פין אייך צום דר. אינ האב אייך אויך נית גילאזט רוהען אינ

האב גיזאגט. טיהט אינ גאט וועט אונז העלפין*). איך האב זייא ניט גילאזט ריהען ווייל איך האב איינגעזעהן אז דיא מלחמה איז שוין געשטילט גיווארין איעדער קימט אהיים אויף זיין ארט, האט האט גידויערט אגאנצין זימער ביז דיא וועלט איז אביסעל רוהיג גיווארין**). נאך ימים טובים אין חודש נאוועמבער האב איך איין זיטצונג צוזאממענגערופען. אין דער זיטצונג פין 2 נאוועמבר לויטעט דער פראטשעם ווערבאל, אז מען זאל קויפען איין קליין הייזיל מיט איין שטיקיל פלאטץ און מען וועהלט אויס איינע קאמיססיאן פין 2 מענשען, ר' יוסיל סאלמאנאוויטש און ר' וואלף מיכאלאוויטש אז דער מעקלער וועט געפינען אזוי איין פלאטץ מיט איין הייזיל זאלין זייא דאס זעהין און צו דער קינפטיגער זיצונג איין ראפארט ברענגען.

בייא דער 2טער זיטצונג פין 18 נאוועמבער 78 ווערט איין ראַפארט גיגעבין אז מען האט גיזעהין דאס הייזיל וואס דער מעקליר האט אנגעצייגט אונ עס ווערט בעשלאססען אז מען זאל דאס הויז קויפען. אויך בא דער זיטטונג איז געשפראכען גיווארין אז מען זאל איין בריעף שרייבען צו דער מאדאם ראזענצווייג אונ מען זאל פין איהר פערלאנגען דיא קאנדיציאן וואס זיא פערלאנגט פין דעם קאַמיטע פאר דעם וואס זיא וועט געבין דאס געלד וועגין דעם בויא. דער ערשטער ענפער איז גיוועהן אז זא וועט קיין געלד געבין ביז מען וועט ניט איין פלאטץ קויפען.

אין אנפאנג דעם יאהרעס 79 האט מען גיקויפט דאס פלאטץ פין סטראדא קאטיטע נומער 7 פאר 2500 פראנק, דיא ברייט פין דעם פלאטץ צו דער גאס סטר. קאטיטע האט געהאלטען 25 מעטער דיא טיעפע אריין אינווייניג איז גיוועהן 34 מעטער אונ אויף דעם פלאטץ איז גיוועהן איין אלט היזיל און ארים ביימער פין אלערליי פירות אזוי וויא איין גידעכט וואלד. אין דער קאססע איז אבער ניט גיוועהן אזוי פיעל געלד צום בעצאהלען דאס פלאטץ.

*) איך ו'אלט גינעמין ר' גדליה ברייער פאר עדות ער זאל מיר אויך צו שטימען אז איך זאג אמת, נאר אבער ער איז פסול לעדות ווייל ער האט נאך דעמאלס ניט גיחלומט דיא דרייא ווערטער ,בתי מחסה לזקנים' און ער וועט נאך דארט זיין איין משגיח איבער דיא אלטע נפשות וואס זייא וועלין זיך דארט זייער עלטער צוברענגין:

**) אין דער צייט איז אויך גיוועזן דער קאנגרעס אין בערלין און איעדער יוד האט געהאפט און האט ארויסגעקיקט אויף דער צייט אז ער זאל אויך באקומען אשטיקעל פרייע לופט און רוּ מעניען

אזוי האט מען בא דער זיטצונג פין 6 פעבער 79 בעשטיממט אז מען זאל געהן זאממלען געלד כדי מען זאל קענין בעצאהלען דאס שטיקיל פלאטץ אינ אזוי איז אין דער ארדנונג געשטעלט געווארין אז איעדען טאג זאלין געהן צווייא מענשען פין דעם קאמיטעט. איין טאג זאל געהן ר׳ יוסיל סאלמאנוויטש, קרייאווער, מיט אברהם משה איזראעלאוויטש. ר׳ ליב יאנאוויטש מיט ר״ אנשיל ריינשטיין; ר׳ וואלף מיבאלאוויטש מיט ר׳ שמואל רויזען. אויך האט מען געבעטען העררן דר. בעק אז ער וועט איין רעדע האלטען זאל ער רעדען לטובת הפעראיין, אויך זאל מען דעם מעקלער צאהלען ווען דיא פאפירען וועלין ארויס פין דעם טריבונאל. גראדע דעם אנדערן טאג פין דער זיטצונג האט מען שוין אנגיהויבין צו געהן געלד זאמלין אללע טאג אנדערע צווייא מענשען. אין איניגע טאגע האבין זייא צוזאממענגעבראכט איינע סומע פין 265 פראנק, מען זאל זעהין אין דער גאנצער ליסטע פין דיא מענשען וואס זייא האבין מיטגעשטייערט וועגען דעם פלאטץ צו בעצאהלען פיגורירען נאר 2 מענשין פין אונזער קאמיטע וואס האבין אויך מיטגעשטייערט מיט עטליכע פראנק, ר׳ שמואל רויזען מיט 10, ר׳ ליב יאנאוויטש מיט 18 אין ר׳ גדליה ברייער. חאטשי ער איז דעמאלס נית גיוועהן אין קאמיטעט פיגורירט ער אויך מיט 4 פר. (זעה אין ערשטען ראפארט פין יאהר 81) מען האט בעצאהלט דאס שטיקעל פלאטץ אינ מען האט אנגעפאנגען צו האנדלען מיט דער מאדאם ראזענצווייג זיא זאל געבין פארים אז מען זאל בויען הייזער אויף דעם פלאטץ וואס מען האט גיקויפט אינ אזוי האט מען אגאנצען ווינטער לאנגזאם צוגעארביט אינ איך מיט זייא באזאמען. איך האב געטריי געדיענט דעם פעראיין שלא על מנת לקבל פרס, איך האב אויך געמיינט אז מיין נאמען זאל אין פנקס דערמאנט ווערין צוגלייך מיט דיא ערשטע ארביטער, איך האב נית געוויסט אז דיא מענשען וואס מיר ערשטע גרינדער האבין זייא אריינגענעמין אינ מיר האבין זייא דיא שווערד גיגעבין אין דיא הענד ארויין דיזעלבע וועלין זיך מיט אונז שעמען אינ וועלין אונז גענצליך פערשטויסען פין אונזער מיה אינ פארלייקענין אונזער ארבייט כדי זייא זאללען אונזער פעלין אויף זייערע שווארצע לייבער ארויפציהען.

אין דיא צייטען איז אויך שוין גיוועהן נאך דעם קאנגרעס פין

בערלין אין דארט האט מען אביסעל בעפרייט יודען אין מעהרערע לענדער אזוי ווי בולגאריען און סערביען, נאר די רומענער האט מען געהאלטען במשכון די אינדעפענדענצע, מען וועט ניט אנערקענען די אינדעפענדענצע ביז מען וועט ניט געבין די יודען די פרייהייט. אזוי איז די רומענישע קאממער געצווינגען געוועזען אז מען זאל ציזאממענריפען איינע קאנסטיטואנטע אז מען זאל דעם ארטיקעל 7 פין זייער קאנסטיטוציאן וועקסלען, דאס האט די רומענער נישט געשמעקט, האבען זייא געזיכט מיטטעל אויף וואס פאר איין ארט מען זאל די יודען עמאנציפירען, מען האט זייער שטארק געשילדערט אין דער קאמער אויף יודען, מען זאל נאר לעזען די אלע וואלאכישע צייטונגען פין דעם יאהר 79 וועט מען זעהן אין וואס פאר איין לאגע יודען זענין דאמאלס געשטאנען, די קאממער האט געזאגט אז אללע יודען אויף איינמאהל צי געבען די פרייהייט קאנפינירט זייא ניט, וויל יודען זענין זייער אסך, וואזשע דענן איז צו טוהן, מען מיז געבין די פרייהייט נאר אזעלכע וואס זייא האבין זיך פארדיענט אין האבין איין ווערטה דאצו. אויף דער ארט האט דאס מיניסטעריום אויסגעארבייט איין פראיעקט מיט איין פראפאנירע אין דער קאממעה אריין אין האט געצייגט איינע ליסטע וואס פאר איינע מענשען האבין די ווערטה אז מען זאל זייא געבין די פרייהייט אין דאס מיניסטעריום האט פערלאנגט אז די קאממער זאל דעם פראיעקט וואטירען. אין דער ליסטע איז פראפאנירט געווארין 1084 מענשען וואס די קאממער זאל וואטירען זייער פרייהייט. די מענשען וואס די רעגירונג האט פערלאנגט זייער פרייהייט איז גיטהיילט געווארין אין 6 קאטע-גאריען. אין איעדער קאטעגאריע האט אנגעצייגט די מענשען אין האט געזאגט פאר וואס עס קימט איהם די טשעטעצעניע אין פאר וואס ער האט זיא פארדיענט. אזוי וועלין מיר דא נאר 2 קאטעגאריען פארשטעללען די ערשטע אין די לעצטע וויל עס איז דא קיין פלאטץ פין אללע צו רעדין.

די ערשטע קאטעגאריע האט פארגעשטעלט איינע ליסטע פין די אללע יודען וואס זענין געוועהן אין דעם טירקישען קריעג די זאלל מען געבין די פרייהייט. די 6טע האט פארגעשטעללט איין ליסטע ביא די נעהמען אללע די וואס האבין געשריעבען

ביכער. אונטער דיא בין איך אויך גיוועהן איינער, אין אז דיא 6טע קאטעגאריע איז געקיממען אויף טאפעט אין דער קאמער פין 26 סעפטעמבער 79 וויא פארשטעהט איהר מיינע ליעבע רעזער, עס האט זיך א גרויס פייער אנגעצינדען אונטער דיא דעפוטירטע. א יעדער האט זיך זיינע געדאנקען אויסגעשפראכען איבער דיא 6טע קאטעגאריע. איין דעפוטירטער האט גיגעבין צי פארשטעהן אז א־זעלבע וואס האבין געשריבען ביכער אין פרעמדע שפראכען וואס מיר פארשטעהן ניט קען מען איהם ניט געבען דיא פרייהייט. אין דער ליסטע פיגורירט איינער יעקב פסנתר וואס ער האט גישריע־בען ביכער אין פאלנישען זשארגאן וואס מיר פארשטעהן גאר ניט אינ האט געשריבען א בוך „מזכרת ציון“ אין דייטשער שפראכע אז דער פראפעסאר דר. בלונטשלי*) זאל האבין פין וואנין צי שעפין אז ער זאל שרייבען דיא „סיטואציאנע זשורידיקא א עווראילאר אין רומאניע“, אזעלכען זאלען מיר געבין דיא פרייהייט ? נאר דיא וואס זענין גיוועהן אין דעם טירקישען קריעג מיט אונזער מיליטער דיא זאלין עמאנציפירט ווערין אינ אויף דער ארט איז דער גאנצער פראיעקט מיט דער ליסטע דורכגעפאללען, נאר דיא וואס זענין גיוועהן אין דעם טערקישען קריעג דיא אללע האבען בעקיממען אינדעזשינאט אינ דיא אנדערע מיזען קימען מיט פער־טיציעס אין פערלאנגען דיא פרייהייט. אינ ניט נאר דר. בלונטשלי האט זיך בעדיענט מיט מיין מזכרת ציון, אויך דיא דייטשע פרעסע האט זיך געהאט אויף וואס צי באזירען אין יענער צייט ווען דער מיניסטער קאמפינעאנו האט געשריעבען קיין אויסלאנד ציא זיינע אמבאסאדארען דאס דיא יודען אין רומעניען זענין פרעמדע ערשט צוגערייזטע פין הונדערט יאהר הער, פריהער ווארען קיינע יודען אין רומעניען. דאמאלס האבין דיא דייטשע בלעטער גיזהאט דאס געלעגענהייט צי בעניטצען איניגע דאקומענטע פין מיין „מזכרת ציון“ אינ האבין אנגעצייגט מיט היסטארישע פראגמענטע, דאס

*) „Dar presupun că chiar ilustrul Jurisconsult Bluntschli, care a dat o consultațiune în acésta, s'a inspirat de scrierea D-luĭ Psanter in cât când s'ar dovedi cea ce scrie acest domn că noĭ după ce am bătut pe Daciĭ cum spune Columna luĭ Traian de la Roma, şi când ne am pus a fi stăpânĭ aci atuncĭ am găsi drepturile Jidovilor maĭ tarĭ de cât ale nóstre".

(Mon. Official 30 Septembre 1879).

יודען וענין נאך פריהער אין רומעניען בעוואהנט געוועהן, בעפאר די רעמער האבין איינגעטרעטען אין די לענדער דאטשיא. מיין „מוכרת ציון" האט מיך געקאסט זעהר פיעל מיה אונ ארבייט אונ געלד. דאס האט אבער ווערטה געהאט, ווייל דאס האט ערשט איין גרויסען רעש געמאכט אונטער דער פאליטישער וועלט. אין דער רומענישער קאממער איז דער אנפאנג פון זיין טיטעלבלאטט ציטירט געווארין אות באות אונ דערוועלבער דעפוטירטער האט נאך אמאל פארגעבראכט די ווערטער מיט אזא לשון:

Mie m'a atras atenţiunea aceasta carte pentru care ce cuprinde ea pentru ideia eĭ că Jidaniĭ sunt maĭ vechĭ in România şi presupun că D-l Bluntschli în consultaţiunea sa se vede că a vorbit dupe aceasta carte căcĭ eu nu conosc altă istorie care se vorbéscă astfel despre Jidanĭ."

אין דער צייט וויפיעל די קאממער האט געארבייט דעם פראיעקט מיט דער ליסטע פון די קאנדידאטען וועלכע מען זאל צום ערשטען בעפרייען דעמאלס האב איך באקומען דעם טיטעל יעקב פסנתר „אנטעיול היסטאריגראף אל עווריאילאר דין ראמאניע". אונ דעם טיטעל האט מען אונטער איינגע פאזעם אונטערגעשטעלט אונ דאס בילד וואס הערר לאזאר שיינעאנו, דאמאלס רעדאקטער פון דעם רומענישען בלאטט „פראטערניטאטעא", האט פאר זיך בעהאלטען האב איך אפאר צייליען דאריף געשריבען צום אנדענקען פון די ערשטע קאנדידאטען צו דער פרייהייט דער יודען אין רומעניען פון יאהרע 1879 וז"ל.

„התמונה הזאת עשיתי בעצות רוב ממשכילי עירנו בחודש סעפטעמבער 1879 בעת שנפל חלקי בין הקאנדידאטען הראשונים אשר בחרו המיניסטעריום לתת להם שווי הזכיות בין כל יושבי רומעניען. הממשלה שלחה הפראיעקט עם שמות הקאנדידאטען האלה במספר 1804 אל בית הועד ודרשה מאת הנבחרים להיות כלם בעצה אחת לתת שווי הזכיות לאלה האנשים אשר הממשלה חפץ ביקרם כי המה ראוים לגדולה כזה. אבל הפראיעקט הזה עשה רושם גדול בין יושבי הועד, ורוב מהנבחרים לא אבו לקבל את הפראיעקט מהממשלה על כי נפלה עצת המיניסטעריום גם הפרא-

יעקט שלה נשאר בטלה ומבוטלה *) אך בנוגע לעצמי לא אצער מאומה על כי לא זכיתי בגורל האזרחים יען כי זקן אנכי ולא נצרך לי כל הזכיות האלה. אבל לדאבון נפשי נהפך לבי בקרבי וגדול היה מכאובי על ארבעה אנשים, החכם דר. משה גאסטער, עליאס שווארצפעלד, מאריץ גאלדענשטערן ואליעזר שיין, ארבעה בחורים חכמים מחוכמים רק בשנים אשר גם המה היו עמי בגורלי ולא זכו לעלותם לגדולה במעלות האזרחים (רענאשטערע נומער 104 13 סעפטעמבער 1879) בכל זאת ידידי חבבי לבבי המשכיל אלעזר בן משה שיין רעדאקטער של מ"ע רומאנים פראטערניטאטעא לא נח ולא שקט ויגע הרבה לטובת עמו ואחיו בארצות רומעניען על כן מצא חן בעיני והתמונה הזאת לו נתונה במתנה למזכרת נצח."

(יאהר 1880) דאס גאנצע יאהר 79 האט מען צוגעבראכט ביז מען האט רעגולירט אינ בעצאהלט דאס שטיקעל פלאטץ אינ אויך רעגולירט דיא אקטען דורך דעם טריבונאל מיט דער מאדאם ראד זענצווייג, ערשט דעמאלס האט זיא דאס געלד גיגעבין וועגין שטיבער צו בויען אויף דעם פלאטץ וואס מען האט גקויפט אינ ביז סאנט געארגע 80 האט שוין דאס קאמיטעט גינעמין דיא קיריע פון דעם הויז וואס אויף דעם פלאטץ איז געוועהן. ענדע דעם יאהרעס 79 אים מאנאט דעצעמבער האב איך צוזאמענגעבראכט איין זיטצונג מען זאל זיך בעראטהען וואס צו טיהן איז. אינ אזוי לויטעט דער פראטאקאל פון 22 דעצעמבער 1879.

"עס איז פארגעקומען דער אקט וואס עס איז געמאכט געווארען מיט דער מאדאם הנה יענטא ראזענצווייג דורך דעם טריבונאל, וויל זיא האט גיגעבין וועגען דעם גוטען צוועק 500 רענדליך מען זאל מיט דעם געלד איין ביא מאכען אויף דעם פלאטץ וואס מען האט געקויפט.

דאס קאמיטעט האט אויסגעקליבען פון זיך איינע בויקאמיסיאן פון 5 פערזאנען אינ מען האט דייא צוגעזעצט ר' מאקע הענט בוי־מייסטער גראטיס. כא דער זיטצונג האט מען מיך אויפגינעמין אלס אויל־פאטער אינ מען האט מיר ארויסגיגעבין איין פאפיר אויף לעבענסלענגליך אינ מען האט מיר איבערגיגעבין דאס אלטע הויז

---

*) ויתר דברי הנבחרים אשר דברו עלי ועל מחברתי הלא הם כתובים על המאניטאר אפיציאל פון 30 סעפטעמבער 1879.

צום וואהנען דאמיט איך זאל איבערנעמען דיא מאטעריאלען ווע־
גען דעם בויא. בא איין צוזאממענקונפט פֿין דעם 5 יענער 1880
איז געוועהלט געווארען איין קאמיסיאן אז מען זאל געהן צים גרויי־
סען ראזענטהאל אינ איהם בעטין ער זאל אויך מיטשטייערן צו
דעם בויא. וויא דיא קאמיסיאן האט דאס אנגעטראגען דעם הערן
ראזענטהאל האט ער געזאגט איך וועל הינגעהן אינ אנזעהין דאס
פלאטץ אינ דאנן וועל איך שוין ענפערן. וויא ער איז הינגעגאנגין
אינ האט דאס פלאטץ געזעהן אז עס איז צו קליין האט ער געזאגט
אז מען זאל קויפען דאס צווייטע שטיק פלאטץ וואס דאנעבין איז.
אזוי וועט ער מיטשטייערן, דאס צווייטע שטיק ערד איז געוועזן נרעסיר
אינ האט געהאט צוויי זייטען צו דער גאס אינ האט געהערט דער מאַ־
דאם ראזענצווייג אינ עס האט באטראפין 4500 פראנק, אין אויס־
געארבייט געווארין אז עמאנועל ראזענטהאל האט געגעבין 3500 פר.
אינ ר׳ בעריל שענפעלד 1000 אינ אזוי איז דאס צווייטע פלאטץ
צוגעקויפט געווארין אינ מען האט דיא ביידע פלעטצע פעראייניגט
אינ ביז נאך פסח האט מען דיא אללע אקטען ארויסגענומין אינ
מאטעריאל אבגעלעגט אינ איין קערניצע געמאכט דיא קערניצע
שטעהט פונקט אין דער מיט פֿין ביידע פלעטצע וויל מען האט דיא
ברינע געמאכט פריהער אידער דיא פלעטצע האבין זיך פעראיי־
ניגט דאס פלאטץ וואס ראזענטהאל האט געקויפט האט געהאלטין
40 מעטער צו סטראדא ראמולוס אינ 34 מעטער צו סטראדא
קאטיטע. אין דעם יאהר האט מען שוין ציגענומין איין שמש ער
זאל געהן איינקאסירען , מיינט איהר אפשר אומזיסט פאר עולם הבא?
ניין 50 פראנק אחודש אין צעהן פֿין דער מאה וואס ער וועט
איינקאסירען. (זעה אין ערשטען ראפארט בלאט 6) מען האט רע־
גולירט איין חותם וועגען דער סאטשיעטע אויף דער ארט. דער
חותם האט פארגעשטעלט איין פֿיערעקיג צימעריל מיט יורישע
אותיות „בתי מחסה לזקנים“ תרל״ה. העכער איבער דיא ווערטער
מיט לאטיינישע לעטערן אזיל 1875 אין ארים דעם צימעריל שטייט
מיט לאטיינישע לעטערן *Societatea susținerea ómenilor nepulincioși la bătrânețe*

אין אנפאנגס מאנאט מאי 1880 האט אנגעפאנגען דיא בויא פֿין
דיא ערשטע 9 שטיבער, דאמאלס האט מען ציגענומין דעם אלטען

ר׳ משה ראפאלאוויטש ער זאל אכטונג געבין אויף דיא בעלי מלאכות אין אויף דער בויא אין מען האט איהם גיצאהלט 40 פר. אחודש אין מען האט איהם אבגיגעבין דאס קעביל פין דער אלטער שטיב ער זאל דארט זיצען אזוי וויא איך האב געשריעבען בייא זיין נעקראלאג. איך בין אויך גיזעסין אין דער גרויסער שטיב אין האבע איבערגענאממען אללע מאטעריאלען אין אונטערגעשרייבען קוויטונגען וואס איך האב איבערגינעמין דאס מאטעריאל אין צוזאממענגינעמין דיא אפראנדעס פין אלערלייא מיני מאטעריאלען וואס מענשען האבין געשענקט וועגען דער בויא. איך האב קיינע רוהע געהאט בייא טאג אין בייא נאכט אין אהנע דער קליינסטען בעצאהלונג. צו דעם וואס הערין עמ ראזענטהאל האט גיקאסט דאס פלאטין 3500 פראנק האט ער צו זיינע 2 שטיבער גישענקט 6 טויזענד ציגעל. אין אנפאנג חודש מאי 80 האט מען אנגיפאנגען דיא בויא אין מען האט פובליצירט וויא געוועהנליך צים ערשטין שטיין לעגען אז מען זאל קימען אין מנדר זיין נאך זיין גיטען ווילען. דער ערשטער שטיין איז גילעגט גיווארין בייא דיא 2 שטיבליך וואס גיהערין צו עמאנועל ראזענטהאל ז״ל נומער 1 אין 2, אויף דעם שטיבעל וואס שטעהט דער נומער 2 איז איינגעמויערט דער אנטיקליבער דאקומענט אונטער דעם פענסטער וואס שטעהט צו סטראדא ראמולוס, יום ראשון דען 11טען מאי איז דארט צווישען דיא ערשטע 2 ציגעל פין דעם פונדאמענט אריינגילעגט גיווארין דאס דאקומענט וואס איז ניט מיט רעכט רעדיזשירט ווארדען, עס איז מיט איין גירויבטער פעדער געשריבען גיווארין וז״ל:

„ב״ה. היום ביום ראשון לשבוע בשלשה עשר יום לחודש סיון שנת חמשת אלפים ושש מאות וארבעים לבריאת עולם, הוא התיסדות אבן הראשון מהבתי מחסה לזקנים בעת שאנחנו חוסים תחת צל הנסיך קארל הראשון ורעיתו המלכה עליזאבעטה ויועציו אנשי חסד אשר בראשם הארון בראטיאן יועץ הרא:ון, והארון קאריאדי פרימאר, והארון ראדו מיכאי, פרעפעקט, כלם יעמדו על הברכה.

ואלה שמות האנשים אשר ביזעת אפם לא נחו ולא שקטו עד שהוציאו מכח אל הפועל והלכו בין אנשי רורפי חסד וצדקה וקבצו מעות וקנו את המישור ובונים בצדק את הבית הזה. ישלם

ה׳ שברם וישלח ברכה במעשה ידם וירום קרנם אמן סלה. פרעזי־ רענט דר. ר׳ אברהם ב״ר משה אריה הלוי בלומענפעלד, וויצע־ פרעזידענט ר׳ ארי׳ ב״ר צבי הירש, קאסירער ר׳ זאב וואלף ב״ר יחיאל מיבאלאוויטש, סעקרעטער ר׳ אברהם בר׳ שלום שלומאוויטש מעמברעס ר׳ אברהם משה ב״ר ישראל ישראלאוויטש, ר׳ אריה ליב ב״ר דוד יהודא יאנאוויטש, ר׳ יוסף ב״ר דניאל זלמן הנקרא קראייאווער, ר׳ חיים יוסף ב״ר חנינא זאב העכט הנקרא וועקסלער, ר׳ אנשיל ב״ר פסח צבי ריינשטיין, ר׳ שמואל ב״ר יהודא ליב ראז־ זען, ר׳ משה אליעזר בהרב יעקב מאיר שפיעלמאן, ר׳ מרדכי ב״ר יעקב זאב העכט, ואחרון חביב ר׳ שלמה אליעזר ב״ר נחום יהודא הכהן פולווער.

ווא מען קומט אריין אין דעם שטיבעל לינקס אויף דער וואנד איז איינגעמויערט איין מאַרמאָרשטיין מיט דער אינסקריפציאן:

## קול נהי

על מות הבתולה הנכבדה והנחמדה מרת שפרינצע ברכה בת הגביר הנדיב מוהר״ר עמנואל ראזענטהאל (עמק שושנים) אשר נולדה כ״ו אייר תרי״ט ותאסף אל עמה י״ט תשרי תרל״ט פה בוקארעשט תהי נשמתה צרורה בצרור החיים:

אבן מקיר תזעק לאמר:
שמים שוממים. תבל תאבל סלה
פנות העם יקוננו, עיר בוקארעשט אבלה
רכה וענוגה, איך פתאום נקטפת
יום המות איך השיגך, לשאול איך נאספת
נמס לב אביך, שבר אמך מי יביע
צרת אחיך מי ימוד. הספדך מי ישמיע
על בת עשרים שנה, בתוך בנות שרתי
בת עמק שושנים ביקר רבתי
רעותיה תבכנה הה כי איננה
כל עין תדמע לקול בבית אמך ואחותיך
הרום שב עפרך כשהיה ורוחך לאלהיך.

אין די פאאר מאנאט ביז ימים טובים זענין פערטיג געווארען די ערשטע 9 שטיבער. 8 ציממער זענין קאמפלעקט ארראנזשירט געווארין נאר מענשען אויפצונעמען, ראזענטהאלס ציממער נומער 2

איז געבליבען פיר איין קאנצליי. איהר קענט אייך פארשטעללען מיינע ליעבע לעזער מיט וואס פאר איין שוויריגקייט עס איז מיר אנגעקוממען איידער איך האב דיא אפראנדעס צוזאממען געבראכט דיא אללע אביעקטען וואס יעדער האט געשענקט וועגען אראנזשירען דיא צימער, איך האב טאג אונד נאכט געהאט צו טוהן מיט האמאלען מיט פערשיעדענע ארדינערע מענשען. איהר הערר וואלף מיכאלאוויטש האט געזעהן מיט אייערע אייגען מיין ביטערע הארעוואנגע וויא איך האב געטראגען אויף מיינע אלטעביינער דיא אייזערנע בעטען מיט דיא וואשקאסטענס פין איין שטיב אין דער אנדערער צום אויסמעבלירען דיא צימער. מיר האבען דעמאלס קיינע משרתים געהאלטען מיר זענין אליין געוועזן דיא דיענער מיר האבען גיארבייט. צום סוף איז מיין פארגניגען פארקערט געווארין צו אנגסטען אינ שמערצען צי גיך איז ענטדעקט געווארין אייער שווינדעל נאך ימים טובים 21 סעפטעמבער 80 האט מען גע-מאכט איין זיטצונג אינ מען האט בעשלאססען אז מען זאל אריין נעהמען אלטע פרויען אינ אלטע מעננער. בייא דער זיטצונג האט מען אויך גיהאנדעלט אז מען זאל איין שטיין איינמויערן אין וועלכען מען זאל דיא נעמען פין דעם קאמיטעט גראווירען לאזען אויך זאל מען איין פנקס שרייבען עס זאל אללעס איינגעשריעבען ווערין. דא האב איך דאס צווייטע מאהל געזעהן וויא מיין נאמען ווערט אין גאנצען פארדונקעלט, אין פונדאמענט איז מיין נאמין ניט דערמאנט אינ דא דאס צווייטע מאל אזוי האב איך דאס בייא דער זיטצונג פערלאנגט אז מיין נאמען זאל אויך אויף דעם שטיין גראווירט ווערין אדער אין פנקס איינגעשריבען ווערין צום אנדענק אין דער עוויגקייט. דאס איז אין פראטשעס פארטראגען געווארין אבער גיטאהן האט מען גאר ניט. דיא געשיכטע איז פארבארגען אין באהאלטען געווארין ביז אין יאהר 81, דאמאלס צום ארויסגעבען דעם ערשטען ראפארט איז ענטדעקט געווארין דער גאנצער שווינדעל.

נאך דער זיטצונג זענין אויפגענעמין געווארין 6 אלטע פרויען אין 10 אלטע מענער, 2 פרויען אין איין צימער אינ 2 מעננער אין איין צימער, אויסגענעמין אז קיין עססען זאל מען זייא נישט געבען ווייל עס איז נישט דא קיין איינקונפט, נאר דירה, האלץ, וועש, בעלייכטונג אינ איין דיענסט זאל דאס גאנצע הויז בעדיענען

אין ריין האלטען אין איך אלס אזיל־פאטער האב אידען באזונדער זייער שעהן בעהאנדעלט אזוי וויא מיינע אייגענע קינדער. מיט עססען איז יעדער אלטער מאנן פארזעהין געווארין פין זיינע קינדער אין אויך דיא גוטהערציגע מענשין פין דער שטאט האבין דיא אלטע לייט פין אונזער אינסטיטוט פארזעהן דאנן אונד וואנן מיט ציקער טשייא קאפעע אין עססען ציגעבראכט, ווען איינער איז קראנק געווארין האב איך באלד געמעלדעט דעם דר. בלומענפעלד איז ער געקיממען אין האט איין רעצעפט פארשריבען אין איך האב דאס באלד באזארגט אין דעם קראנקען בעהאנדעלט, עס איז נאך יעצט דא איינגע פין דיא ערשטע אלטע לייט זאל מען זייא פרעגין וויא שעהן זייא זענין פין מיר בעהאנדעלט געווארין אין אזוי איז אונזער נייגעבויעט אזיעל אין דאס לעבען געקיממען.

סוף יאהר 80 האט מען יעדיושירט איין ראפארט אז מען זאל ארויסגעבען בייא דער גענעראלפערזאממלונג פין נייאיאהר 81 אין דעם ראפארט האט גידארפט פארקימען אין קורצען וויא אזוי דער פעראיין האט זיך געגרינדעט ביז ר׳ אברהם גארפונקעל האט איבערניגעבין דאס געלד צי ר׳ וואלף מיכאלאוויטש. הערר מיכאלאוויטש האט מיך גיפרעגט וויא אזוי עס איז ציגעגאנגין האב איך איהם איין צעטיל גיגעבין אויפגעשריעבען אפאר שורות אין האב איהם אנגעצייגט דעם ערשטען גרינדונגסטאג וויא מיר זענין גיוועהן צעהן מענשען אין דאס ערשטע פראוויזארישע קאמיטעט איז גיוועזן א. ריינשטיין, ליב יאנאוויטש, יעקב פסנתר אין אזוי ווייטער ביז צי אברהם גארפונקעל. דאס צעטעלע האט מען בייא מיר ציגינעמין אין דעם ראפארט האט מען גישריעבען וויא זייא האבען געוואלט. מען האט דיא שריפטען פין מיר גילייגט לא דאסאר אין מען האט אנגעפאנגען צי שרייבען דעם ראפארט פין ר׳ אברהם גארפונקעל אין ווייטער. אין אזוי פאנגען זייא אן צי שרייבען: אם פרימיט דע לא ד, א. גארפונקעל אין אזוי ווייטער. וויא אזוי דאס געלד איז געקימען צים הערין גארפונקעל האט זייא שוין ניט קאנפעניערט צו זאגען.

אים מאנאט יענער 84 איז פרעזענטירט געווארין דער ראפארט פאר דער גענעראלפערזאממלונג אין קיין איינציגער האט ניט געפרעגט איין שאלה אויף דעם ראפארט, ווארין פריהער פאר ר

אברהם גארפונקעל איז גאר קיין וועלט נים גיוועהן. ער האט דאס געלד פין זיין אייגענע קעשינע גיגעבין. פאר דיא שפעטערע מיטגליעדער איז דאס גיוועהין איין הייליגע תורה, אבער פאר אונז ערשטע איז דאס זייער קוריאז פארגעקיממעי. דא האבין מיר ארויסגיזעהן דאס צווייטע מאל וויא זייא האבין אונזער גלאריע אוועקגערויבט, דאמאלס בייא דער ארבייט זענין מיר גיוועזן 4 אקטיווע מיטגליעדער פין דיא ערשטע גרינדער, ריינשטיין, יאנאוויטש, אברהם משה אינ איך הכותב, אינ אז ר׳ ליב יאנאוויטש האט באלד פראטעסטירט דאריבער האט זיך ר׳ אברהם משה אוועקגיצויגען פין דיא גרינדער אינ האט זיך אלירט מיט מיכאלאוויטש אינ האט גיזאגט. מיר דארפין דיא גרינדער נים דערמאנין, ער האט דאס געטוהן מיט אבזיכט כדי עס זאל בלייבען אז נאר ער איז גיוועהן דער ערשטער גרינדער פין דעם פעראיין בתי מחסה לזקנים אינ דיא אנדערע 9 מיטגלידער זאל מען גאר אפווישען אינ אויף דיא רייד פין ר׳ אברהם משה האבין שוין באזירט דיא צווייא דיספאטען מיכאלאוויטש אינ דער דר. אינ האבין געפינען איין ענפער אונז צו געבען, גלייכט אייך אוים מיט ר׳ אברהם משה, אינ אזוי איז פארט אינ פארט געגאנגען דער ענפער, אינ אז איך האב מעהרערע מאל גיזאגט וואס זעהט איהר נים עס זאל זיין שלום צווישען אונז אללע מיר זענין 9 אינ ער איז איינער, האט מען מיר גיענפערט גלייכט אייך אוים מיט ר׳ אברהם משה׳ן.

יעצט קימט דיא געשיכטע פאר וואס דער ענפער איז גיוועהין אויף דער ארט גלייכט אייך אוים מיט אברהם משה׳ן, פין זייט דער דר. איז פרעזידענט גיווארין בא אונז אין פעראיין בתי מחסה לזקנים איז איין שטיקיל קריעג איינגעטרעטען צווישען צווייא פין אונזערע גרינדער, היינו ר׳ אנשיל ריינשטיין אינ אברהם משה. דער ערשטער האט גיזאגט אז איהם קימט אין פנקס איינגעשריבען צו ווערין אלס דער ערשטער פין דיא 10 גרינדער, ווייל ער האט נאך אים יאהרע 72 אין זינן גיהאט איין אזיל אין בוקארעשט צי גרינדען אינ דארום וויל ער זאגען אז ער האט דיא ערשטע אידעע גיגעבין מען זאל אין בוקארעשט איין בתי מחסה לזקנים גרינדען. אינ בייא זאלכע מיינונגען איז מען נישט מצרף מחשבה למעשה. דאס האט ער גאר נים גיוואלט פארשטעהן, ווארין ווען דער זכות

פין דעם וואס ער האט נאר אין זינן גיהאט איינע נייע זאכע צו
שאפפען זאל גרייסער זיין פין דעמיעניגענס זכות וואס האט ניט
נאר אין זינן גיהאט זאנדערן דורך מיה אינ אייפער טאקע דיא גוטע
זאך אין דער ווירקליכקייט געשאפפען האט, אזוי וואלט מען באַ־
דארפט דער היעזיגער געוועזענער עפיטראפיע פין יאהר 1859 צי
צישרייבען דיא ערשטע אידעע פין דעם אזיל וואס מיר האבין דא
אין בוקארעשט גיבויעט ווייל דאמאלס האט דיא עפיטראפיע וואַ־
טירט איינע געוויססע סומע וועגען זא איין אינסטיטוט צו גרינדען
אזוי זענין דאך דיא דאמאליגע עפיטראפען מיט דער אידעע פין
איין אזיל פיר אלטע לייט צי בויען נאך מיט אזוי פיעל יאהר פריהר
גיוועהן פאר ר׳ אברהם משה׳ן אינ אזוי איז דאס לשון פין דער
עפיטראפיע פובליצירט אין דער בראשורע וואס זייא האבין דאַ־
מאלס ארויסגיגעבין:

4. Să constătuim case pentru asilul sermanilor neputincioşĭ şi bâtrânilor slăbiţĭ prin care se evitâm funestele resultate ce ar decurge din multă sărăcie şi suferinţă. (Câteva cuvinte Israeliţilor supuşĭ străinĭ Bucurescĭ 1859).

דיא בראשורע געפינט מען נאך היינט אין דער ביבליאטעק פין
משה שווארצפעלד. ווען מיר זאללען פאלגען דיא סברה פין אברהם
משה׳ן אז מחשבה איז כמעשה קימט דיך טאקע אין אמת אריין
דער טיטעל וואס ר׳ אברהם משה וויל זיך אנטוהן גאר צי דיא
עפיטראפען פין יאהרע 59. אינ וואס האב איך גיפועלט מיט מיין
אידעע אויפגעבען פין יאהר 76 צי גרינדען איין פעראיין „ארכעאלאגיע
איזראעליטע“ אין רומעניען וועגען היסטארישע געשיכטע דער יורען
אין רומעניען אינ האב זאגאר דיא פראפונערע גערדיקט אין דער
הקדמה פין מיין „מזכרת ציון“ אינ דאס איז פארגאנגין אזוי פיעל
יאהרען אינ עס איז גאר נישט צישטאנדע געקיממען ערשט אים
יאהרע 86 אז דער יונגער פובליטשיסט ר׳ משה שווארצפעלד נ״י
האט ציזאממענגינעמין נאך איינינע יונגע לייט משכילים נבונים אינ
צי דעם ערשטען גרינדונגסטאג האט מען מיך אויך ציגעריפען אינ
מיר האבין געגרינדעט דעם היסטארישען פעראיין „יוליאוס בראש“
קאן איך דענן זאגען אז איך בין דער ערשטער אויפגעבער, ניין,
וואס דענן, איך בין איינער פין דיא ערשטע גרינדער.

מיינע ליעבע לעזער דער גאנצער קאנפליקט איז ענטשטאנדען דורך דיא צווייא דעספאטען מיכאלאוויטש אונ דר. בלומענפעלד וועלכע האבען גיוואלט דעם גאנצען פעלץ אויף זיך ארויפשלעפען האבען זייא דיעם אברהם משה'ן צו זיך צוגעצויגען אונ האבען איהם צוגעזאגט אז דער גאלדענער גרונדשטיין וועט געהערין צו איהם. דיא מתנה אין אברהם משה'ן זעהר גיפעלין האט ער זיך צו זייא צוגעשארט אונ האט גיזאגט אז ער קען ניט קיין גרינדער לא היה ולא נברא מיסדים Ego ino munachus, eu sunt singur דאַ־מאלס האבען זייא גיהאט דעם גוטען אויסרעד גלייכט אייך אוים מיט ר׳ אברהם משה'ן. ווען דער וואלה מיט דעם רופא נעהמען ניט דעם אריסטאקראטישין וועג איז דיך שלום ושלוה ארים אונ ארים. אזוי דורך דער קריעג וואס אין ענטשטאנדען צווישען דיא ערשטע גרינדער אונ צווישען דיא 2 אריסטאקראטען האט שוין דער ריינשטיין ניט גיקענט מעהר עקסיסטירען אין איינעם מיט ר׳ אברהם משה'ן אונ האט זיך אין גאנצען אוועקגיצויגען. ער האט ניט מעהר איינגעצאהלט אונ זיך ניט געמישט צו דער זאכע נאר ר׳ ליב יאנאוויטש איז גיבליבען אין קאמיטעט אונ איך בין געבליבען איין אזיעלפאטער. ערשט יעצט אים מאנאט דעצעמבער 89 איז ריינשטיין אויך צו זייא צוגעשטאנען אונ האט זייא גיגעבין 300 פראנק האבען זייא איהם געשריבען אויף דעם ערשטען שטיין פרימע פונדאטאר אונ אויף דעם צווייטען שטיין איהם מיט דער פרויא מעמברע דע וועטש. אונ אזוי איז אונזער פעראיין געפיהרט גע־ווארין ביז אים מאנאט מאי 81 מיט אונזערע ערשטע שטאטוטען אונ מיט אונזער ערשטען זיעגעל אונ מיט דעם נאמען „בתי מחסה לזקנים" אונ פון מאי אן אונ ווייטער איז איבער גיקעהרט גיווארין דאס גאנצע ספר זכרונות, דיא אלטע סטאטוטען זענין פערניכטעט גיווארין אונ נייע זענין ערשיענען, דער אלטער זיעגעל איז פערווארפען גיווארין אונ איין נייער איז אויפגעקימען אונ צו „בתי מחסה לזקנים" איז איין נאבלער נאמען צוגעזעצט גיווארען. יעצט וועלין מיר פארשטעללען אונזערע ליעבע לעזער וויא אזוי דיא געשיכטע איז פארגעגאנגען.

## דיא קרעיונג פין יאהר 1881

אים מאנאט מערץ 1881 איז דאס לאנד רומעניען צים רעגאט

פראקלאמירט געווארין אינ פירסט קארל דער ערשטער מיט דער פירסטין עליזאבעטה צים קעניג אינ קעניגין ערהויבען געווארין, אזוי איז דיא קרענונג פיר דען 10 מאי בעשטיממט געווארין, האט דאס פעראיין ציון אין דעם גרויסען זאאל בארא שעאום איינע פערזאמללונג געמאכט פין אלע פארנעהמסטע בעלי בתים אום זיך צו בעראטהען וויא אזוי דיא יודען זאלין אנטהייל נעהמען אין דער שמחה פין דעם 10טען מאי 1881. דיא אללע קארפאראציעס פין דער הויפטשטאט בוקארעשט האבען בעשלאססען אז איעדע בראסלע זאל איין סימבאלישען וואגען פארשטעללען שעהן פערציערט אינ פין 3 פאאר פערד געשלעפט אינ וועהרענד דער פאראדע זאללין דיא וועגען דעפילירען פאר דעם קעניגספאאר אינ וועהרענד דער דעפילירונג זאלל אויף איעדען סימבאלישען וואגען פונקציאנירען אינ פארגעשטעלט ווערען דאס מין אינדוסטריע אדער דיא אקופאציע פין דער קארפאראציע צו וועלכער דער וואגען געהער. אלס אום יודען זאללען נישט צוריקבלייבען אקעגען דיא קריסטען פין דער הויפטשטאט בוקארעשט, האט מען בעשלאססען אויך איין סימבאלישען וואגען פארצושטעללען. צו דיעזעם צוועק האט מען 2 קאמיססיאנען ערנאננט איינע פינאנטשיערע אינ איינע טעכנישע דיא קאמיססיאן פינאנטשיערע איז בעשטאנין פין דיא העררען עמ. ראזענטהאל, נתנאל מארקוס, מאריין בלאנק, מנחם ע. כהן, מאריין מארקוס הארנשטיין, חיים לאזאראוויטש, וועלוויל בלעכער, מארקוס ברוינשטיין, לייזער ברילאנד אינ סאמועל באנער. דיא טעכנישע קאמיססיאן ישעיהו אברהם וויינער, פיליפ פאקשאנער. לייזער ייף, אפרים שענפעלד אינ יאקאבאקי פראנקא.

דער סימבאלישער וואגען האט געהאט איין עקיפאזש פין 11 מענער וואס האבין פארגעשטעללט שלמה המלך מיט זיין סואיטע אדער מיט זיין גארדע דאס איז נאכגענעמין געווארין נאך איין היסטארישען טאבלויא פין דער ביבעל אינ האט פארגעשטעללט דיא שטיהל וואס שלמה המלך איז אויף איהר געזעסען נאטור גרייך זיא לעבט מיט דיא חיות צוזאממען בייא ביידע זייטען פין דער שטיהל רעכטס אינ לינקס איז געוועהן צו 4 טרעפ איינע העכער פין דער אנדערער אויף דער רעכטער זייט איז געוועז ווילדע חיות אזוי וויא לעוון אינ טיגער אינ אויף דער לינקער זייט איז געוועז

היימישע חיות אזוי וויא מען וועט זעהין אין רומענישען פראגראם ווייטער אראפ, איינס אקעגען דאס אנדערע אינ איבער דער שטיהל איז געשטאנין איין טויב מיט איין ביימעלע מאסלינים אין מויל. דיא אללע סימבאלען האבין בעדייטעט אויף מנוחת שלום ושלוה אויף זיין גאנץ קעניגרייך: אינ דיא מענשיין וואס זענין אויף דעם וואגען געשטאנען זענין גיוועהן געקליידעט אינ דיא אוניפארם פין יענער אלטער צייט אזוי וויא דער טאבלוי פין דער ביבעל האט אויס־געוויזען. מען האט אבער דיא אללע ארנאמענטען נישט געקאנט מאכען איז בוקארעשט, האט מען אויסגעוועהלט ר׳ לייזער זייף ער זאל פאהרען נאך וויען אינ זאל דארט מאכען דיא אלע ארנא־מענטע נאך דעם אילוסטרירטען טאבלוי. ר׳ לייזער זייף איז ריכטיג געפאהרען נאך וויען אינ האט דאס אללעס געמאכט דורך איין טהעאטערמייסטער, דאס האט געקאסט 6500 גולדען אזוי האט מיר ערצעהלט ר׳ לייזער זייף. דעמזעלבען מייסטער העדר פראנץ כאהאל פין דער וויענער אפער האט ר׳ לייזער זייף מיטגעבראכט ער זאל פארציערען דעם וואגען מיט דיא אללע שעהנע טהייערע ארנאמענטע, אינ ער האט דיא אללע מענשען וואס האבען פאר־געשטעללט דיא אלטע יודישע געשיכטע אויך זעהר שעהן פער־ציערט אינ אנגעטוהן אין דיא אוניפארם אינ יעדען אויף זיין פלאטץ גישטעלט אין דער ארדנונג אזוי וויא דער טאבלוי פין דער ביבעל האט אויסגעוויעזען, ער האט דעם וואגען מיט דיא מענשען זעהר שעהן רעגולירט.

אינ דאס זענין דיא יונגע בוקארעשטער קינדער וואס זייא האבען פארגעשטעלט אויף דעם וואגען שלמה המלך מיט זיין סואיטע: שלמה המלך איז גיוועהן בערנאר קאלמאנאוויטש, כהן גרול ד. עמ. קאפלאן, קאנצלער אשר גאלדבלאט, 2 לוים ארלף מאס־קאוויטש אינ היינריך בלומענבערג, 4 לייבגארדע מאיר מארקוס, אדאלף הירש, י. זייף אינ ה. צענטלער, 2 טראמפעטער עליאס מארקוס אינ מאריץ לאפלאז.

דער מלך שלמה איז גיזעסין אויף דער שטיהל אנגעטיהן אין דיא אנטיקליכע בגדים אינ דיא גארדע זענין געשטאנין ארים איהם אויף דיא פיס אינ ווענן דער יודישער וואגען איז געקימען פאר דעם קעניגספאאר האבין זייא סאלוטירט נאך דעם אזיאטישען מנהג,

דיא הערן נתנאל מארקוס, מ. בלאנק אינ מ. ע. כהן האבין ארגאנזשירט דיא דעפילארע פין 11 מאי זייא האבין רעפרעזענטירט דעם סימבאלישען וואגען בייא דעם דעפילירען פאר דעם קעניגספאאר. — דאס קאמיטעט מיט דיא 2 קאמיססיאנען פינאנטשיארע אינ טעכניקע דיא האבין זיך אללע מיהע גיגעבין דעם סימבאלישען וואגען אויף דער שענסטער ארט אויסצושטאטטען. דיא האבען אויך אן אללע יודישע פעראיינע אפעלירט אז זייא זאלין זיך פארבערייטען איעדער פעראיין מיט זיין פאהנע וועגין דעם 11 מאי, וועןדיא אללע סימבאלישע וועגען וועלין דעפילירען דעמאלס זאלין אויך דיא פעראיינע מיט זייערע פאהנען נאך דעם יודישען וואגען נאכגעהן אינ אויף דער ארט איז גיוועהן ארגאנזשירט דער יודישער וואגען צי דער דיפילארע. פריהר פאר דעם וואגען איז געגאנגען איין אנטעגארדע מיט איין גרויסער פאהנע אין קאלארע נאציאנאלע נאך דער פאהנע איז געגאנגען איין ציון באנדערא מיט איין גארדע דע אנארע. נאך דער גארדע איז געגאנגען דער פרעזידענט מיט 2 מעמברים איינער לינקס אינ איינער רעכטס, נאך דיא דריי מעננער איז נאכגעגאנגען דער פעראיין ציון צי 6 מעננער אין דער רייהע, נאך זייא איז געגאנגען איין אנטיגארדע פין דעם סימבאלישען וואגען, אינ נאך דיא איז געגאנגען דער וואגען אינ נאך דעם וואגען זענין געגאנגען 14 פעראיינע מיט זייערע פאהנען אנגעטוהן אין גאלא מיט צילינדערהיטע.

דא שטעלען מיר פאר דעם פראגראם וואס דאס קאמיטעט האט ארויסגיגעבען צי דער דיפילארע אום אז יעדער זאל וויססען דיא ארדנונג וויא אזוי דיא יודישע פעראיינע זענין צוזאממענגעשטעלט גיווארין איינער נאך דעם אנדערין צי דער דעפילארע אינ אויך וואס דער סימבאלישער וואגען האט פארגישטעלט. דארום האב איך געפינען פאר רעכט אינ נעטהיג דא פארצושטעלען דעם פראגראם וועלכען דאס קאמיטעט האט ארויסגיגעבין.

## PROGRAMUL

**Grupului societăților filantropice israelite în cortegiul istoric de la 11 Mai a. c.**

Grupul se compune din felurite societăți filantropice, care vor defila în următoarea ordine: a) Antegarda banie-

reĭ societăţiĭ „Zion“ compus de biroul Societăţiĭ. b) Baniera „Zion“ cu garda de onoare. c) Preşedintele comitetuluĭ grupuluĭ cu un membru la dreapta şi altul la stânga. d) Membriĭ comitetuluĭ grupuluĭ. e) Membriĭ societăţiĭ „Zion„ în rĕndurĭ de câte 6. f) Antegarda caruluĭ compusă de treĭ membriĭ, purtând concarde coloareĭ caruluĭ. g) Carul simbolic reprezentând omagiile aduse regeluĭ Salomon de către demnitariĭ Statuluĭ după încoronare, (conform cap. 11 din Regele. 1) Trupul caruluĭ reprezintă o copiă esactă a tronuluĭ simbolic după tradiţiunea antică în urma căreia pe fie care treapta stau animalele feroce, cum leul, tigrul etc. iar pe cea stângă, cele domestice, amăndouă îmblânzite la picioarele regeluĭ, d'asupra căruia tronează porumbielul, purtând olivierul în gură, simbolizând ast-fel pacea universală, prorocită de profeţiĭ. Pe treptele tronuluĭ stă marele pontefice în costumul antic, profeţiĭ şi demnitariĭ Statuluĭ. Leviţiĭ cu fanfariĭ etc. h) Cele-l-alte societeţĭ filantropice cu banierile lor în modul următor: Societatea „Sinai“. Societatea „Iacob Loebel“. Societatea „Halwaath Chein Vechesed“ şi „Ezra Bezaroth“, Societatea „Libanon“, Societetea „Ari-El“. Soc. „Erster Krankenverein“. Soc. „Aesculap“. Soc. „Dr. Barasch“. Soc. „Marpe Lenephesch“. Soc. „Toeles Hamachov“. „Societatea Sticlarilor“. Soc. „Aghides Achim“. Soc. „Bezalel“ şi bocciagiĭ. i) Toţĭ membriĭ tutulor societăţilor sunt ţinuţĭ a purta haine de serbătoare şi cilindru.

COMITETUL·

דער מענש וואס האט בייגעוואהנט די דעפילארע פון 11 מאי 81 האט געזעהן ווי פראכטפאלל אונ ווי טהייער עס האט אויס־געוויזען דער יודישער סימבאלישער וואגען צוזאממען מיט זיין פער־זאנאל וואס אויף איהם איז געוועהן מיט זיינע פערשידענע ארנא־מענטע אונ מיט די אללע קאמיססיאנען פון יעדען פעראיין איז יום־טוב־קליידער אנגעטהאן מיט לענטעם פון נאציאנאל רויט געלב בלויא. דער וואס איז דערבייא ניט געוועהן דער קאן זעהען אויף

דיא טאבלויען וואס זענין אין גאנץ רומעניען פערקויפט געווארען
דיא טאבלויען זענין קונסטפאלל ליטאגראאפירט. דער טאבלוי איז
געארבייט פון דעם בעריהמטען ליטאגראף הערר איליע גראססיאנו
איין שפאניאלישער יוד. דיא גאנצע געשיכטע פון דעם סימבאלי־
שען וואגען האט געקאסטעט אפראקסימאטיוו דרייסיגטויזענד פר
אויך בייא דערזעלבע פערזאממלונג וואס מען האט אבגעהאלטען
וועגען דעם סימבאלישען וואגען איז אויך פראיעקטירט געווארין אז
דאס יודענטהום פון רומעניען זאל איינע טויבשטוממען־שולע גרינ־
דען אין בוקארעסט צום אנדענקען אן דער קרענונג דעם קעניגס
קארל, האט מען איינגעזעהען אז וועגען זא איין אינסטיטוט מיז
מען איין קאפיטאל פון 200.000 פראנק צוזאממענשטעללען, אזוי
האט מען בעשלאססען פון דער מאלדויא דיא העלפט צוזאממענ־
ציברענגען אונ דיא אנדערע העלפט פון מונטעניא. צו דעם צוועק
איז געוועהלט געווארען הערר עמאנועל ראזענטהאל, ער זאל דאס
געלד הערבייששאפפען אויס דער מאלדוי, איז הערר ראזענטהאל
ארויסגעפאהרען אויף זיינע אייגענע שפעזען קיין יאססי אונ האט
פעראנשטאלטעט א צוזאממענקונפט בייא הערען ניישאטץ. דאס
רעזולטאט פון דער צוזאממענקונפט איז געוועזן מען האט פון דארט
זיך פערשריבען אויף 100.000 פר. צו געבען ווען מען וועט זייא
דארפען. וויא הערר ראזענטהאל איז אהיים געקוממען מיט דעם
רעזולטאט פון דער מאלדוי, האט מען אנגעהויבען זיך פערצייכנען
אויך פון דאנין וועגען דיא אנדערע 100.000 פר. פון מאנטעניע.
האבען דיא שפאניאלען גאר נישט געוואלט מיטשטייערן. אבוואהל
זייא זענין דיא גרעסטע גבירים, אויסער חלפן וואס האט זיך גע־
צייכענט 5000 פר. אונ פון דיא פוילישע האבען געצייכענט עם.
ראזענטהאל 2000, הערמאן הארנשטיין 500, מארמאראש עט
בלאנק 500, צענטלער עט זאהן 200, גוטמאן עט ב. וויזנער 150
אונ גוטמאן עט בערנפעלד 200 *). אונ אזוי איז שווער געווען דיא
נעטהיגע סוממע צוזאממענצוברענגען אונ דער פראיעקט איז גע־
פאללען. איין נייעס פראיעקט אויפצושטעללען אונ עטוואס אנדע־
רעס צו שאפפען איז שוין דיא צייט צו קורץ געוועזן, איז מען

*) דיא נאטיצען האט מיר איבערגעגעבען המנוח מוהר"ר מנחם מענדיל ראזענטהאל אים
יענער 1887.

גענצליך פין דער אידעע אבגיזעססען. דיא זאכע איז אבער שוין
גיוועהן פערברייטעט אין מעהרערע רומענישע בלעטטער. אז יודען
וויללען איין אינסטיטוט בילדען צים אנדענקען פין דעם 10 מאי
81, איז שוין גיוועהן א בושה אז דער רעש זאל אזוי מיט גאר
נישט אבגעהן. דאהער איז דר. אדאלף שטערן געקיממען אויף
דער פארמרעפליכער אידעע, מען זאל דיא 9 שטיבלעך פין דעם
„בתי מחסה לזקנים“ וואס זענין גראד דאמאלס פערטיג געווארדען
אינ איינינע אלטע לייט האבין שוין דארט געוואהנט, זאל מען דאס
חנוכת הבית מאכען אם 10 מאי. דאצו האט זיך דר. שטערן איינ־
פערשטאנדען מיט דר. בלומענפעלד אינ האבין בייא דער קעניגין
אוידיענץ פערלאנגט אז זיא זאלל בעווילליגען מען זאל דאס אינ־
סטיטוט נעננען אויף איהר נאמען צום אנדענקען פין דער קרענונג
אינ דיא קעניגין האט דאס בעווילליגט. אזוי איז דיא זאך דעמאלס
צושטאנדע געקיממען אינ דאס „בתי מחסה לזקנים“ פיהרט פין
דעמאלס אן דעם נאמען „עליזאבעטהעאול“, אזיל פענטרו בעטרין*).

אויף דעם ארויף האט מען דעם ערשטען פראיינסזיעגעל פער־
ניכטעט אינ איין אנדערן געמאכט מיט דעם דאטום פין דעם 10
מאי 1881. דאס דאטום פין 1875 איז גענצליך אבגעווישט גע־
ווארען אינ אויף דעם ארט פין „בתי מחסה לזקנים“ איז גראווירט
גיווארין „עליזאבעטהעאול, אזיל פענטרו בעטרין“. אינ דיא אסוש־
ביבער, סטאטוטען אינ אנדערע דרוקסארטען וואס אנבעלאנגט דאס
„בתי מחסה לזקנים“ זענין פערניכטעט גיווארין אינ אויף זייער
ארט איז אללעס נייעס איינגעפיהרט ווארדען אז דאס אלטע זאל
גאנץ פערגעססען ווערין.

אלזא וויא איך האב אויבען געזאגט איז דאס פין דעם דר. שטערן
איינע טרעפפליכע אידעע גיוועהן, דענן דערמיט האט מען אגרויסע
שאנדע הערויבגענעהמען פין דער בוקארעשטער יודישער געמיינדע
אבער דעם דר בלומענפעלד איז איין אונפערצייהליכער פעהלער

*) איבער דער אוידיענץ וואס דוא צוויא תערען דאקטא״ען האבין גיהאט בייא דער קע־
ניגין אין דעם ענפער וואס מען האט זייא גיגעבען איז צו לעזען אין דער „פראטערניטאטעא“
נומער 20 פין דעם 22 מאי 81. אויך איבער דיא מאניפעסטאציאנען וואס יודען האבין געמאכט
צו דער קרענונג צו עהרען פין דעם קעניג אין דער קעניגין וויא מען איז געגאנגען מיט טייערע
הופות אין מיט מוזיק צום פאלאט איז צו לעזען אין דער „פראטערניטאטעא“ וויא אויך אין אנ־
דערע רומענישע בלעטטער וואס זענין ערשיענען פין מאנאט מערץ ביז נאך מאי 1881.

ציצישרייבען פאר וואס ער האט דאס אלעס אבגעטהון אהנע זיך מיט דיא איבריגע קאמיטעטסמיטגלידער צו בעראטהען. דענן נאך זיין מיינונג וואלט בעדארפט דר. בלומענפעלד זאפארט וויא דר. שטערן האט איהם דיא אידעע אויפגעגעבין איין קאמיטעטזיטצונג צוזאממענרופען אונ צו דער זיטצונג נאך איינלאדען א טהייל העררען פון דיא וואס דאס אזיל האט זייא ביז דאמאלס שוין פיעל געלד געקאסטעט, וויא דעם הערן עמאנועל ראזענטהאל וואס ער האט אויף דעם אזיל איבער 3500 פר. געגעבען, מאדאם ראזענצוויג, וואס זיא האט דעם פעראיין „בתי מחסה לזקנים" 500 רענדליך געשענקט אונ נאך איניגע אנשטענדינע בעלי בתים אונ זאל זייא געוועהן דעם דר. שטערנס פראיעקט פארלעגען אונ פערלאנגען דיא צושטיממונג פון דיא פערזאממעלטע הערען, געוויסס וואלט קיין איינציגער דאגעגען געווען אונ מען וואלט געווען איין פראטשעס ווערבאל אויפגעזעצט אז בייא דער זיטצונג איז געגענווארט פון דעם גאנצען קאמיטעט צוזאממען מיט דיא אנדערע הערען איז בעשלאססען געווארען אז דר. בלומענפעלד, דר. שטערן אונ פיעללייכט אויך הערר עמאנועל ראזענטהאל זאללין בייא דער קעניגין אודיענץ פערלאנגען אונ איהר דיא ביטטע איבערגעבען אז זיא זאל ערלויבען מען זאלל דאס אזיל אויף איהר נאמען אנרופען.

דיעזע דעספאטישע אויפפיהרונג אבער האט פעראורזאכט וואס הערר עמאנועל ראזענטהאל האט אויס פערדרוסס זיך גענצליך צוריקגעצויגען פון דעם אזיל אונ האט ביז אין זיין טויט פון זייא ניט געוואלט וויססען. דאס אזיל איז אבער שוין אזוי זיין וועג געגאנגען פארווערטס מיט זיינע נייע אויפפיהרונגען מיט זיינע נייע סטאטוטען אונ מיט דעם נייען זיעגעל.

עס איז ערנאננט געווארין איין דאמענקאמיטעט וואס זייא האבין פערזעהין דאס אזיל מיט וויסער וועש אזוי האב איך דיא אלטע מעננער אונד פרויען פערזעהין צווייםאהל אונ דער וואך מיט ווייסע וועש אונ אחוץ מיט „שלאפהעמדער" אויף בא נאכט. עס האט זיך בייא מיר ניט געטראפפען קיין איינציגער ער זאל פעראומרייניגט ווערין מיט כנים, איך האב דיא רייניליכקייט זייער שטארק געהיט. מיר האבין גיטאהן בייא דעם אזיל אללע מעגליכקייט אביא איינצושפארען דיא דיענערשאפט נאר איין דיענסט האבין מיר גיהאל-

טען פאר דעם גאנצען הויז, נאר צוויא דיענער האט מען גיצאהלט בעריישען פאר איינקאססירען הודש געלדער אין דער דיענסטגויה, קיין אנדערער דיענער איז פיר דעם אזיל ניט גיוועהן, איך האב קיין פעניג גיצאהלט גינעמין, איך האב מיך גירעכינט אלס מעמברו אקטיוו דאס ווארט אזילפאטער איז בייא מיר גיוועהן איין עהרע, אבער צום בעדויערן האבין זייא דיא 2 טיטלען אויך גיוואלט פין מיר אוועקרייבען, זייא האבין אללע טאג נייעס אויפגעטהון קאנטרע דער גרינדונג, איך האב גיזעהן זייער מיזעראבעל בענעהמונג אקעגען אונז אין איבערהויפט אקעגען מיר אין האבין גיוואלט פערדונקלען דעם גרינדונגסטאג, האב איך איינגיזעהין אז איך האב קיין אנדערן וועג ניט איינצושלאגען נאר צו באנקעטירען אין צו פייערן דעם גרינדונגסטאג פין 5 יולי 1875 אין דערוויל האט ציגעריקט דער 5 יולי אזוי האב איך ניט פערזוימט אין האב פיר מיין אייגען געלד גימאכט איין טיש פאר דיא זקנים אין זקנות. (זעה אין צווייטען ראפארם פין יאהר 83 שטעהט אזוי יאקאב פסנתר א פאקוט א מאסא פענטרו בעטרין דין אזיל).

דאס איז גיוועהן דער ערשטער באנקעט צום אנדענק דעם גרינדונגסטאגס דעם פעראיינעס „בתי מחסה לזקנים“. אין אזוי האב איך מיך בעשלאססען אז איך זאל אללע יאהר איין טיש מאכען פאר דיא זקנים פין דעם אזיל צום אנדענק דער גרינדונג אין בייא דעם טיש זאלל מען האלטען טאאסטען אין רעדען פין דער גרינדונג, כדי עס זאלל ניט פארגעססען ווערין, אזוי וויא מיר וועלען וויטער שרייבען בייא דעם יאהר 83,

(81) איין חתונה האב איך געמאכט אין אזיל אין חודש אלול האב איך חתונה געמאכט מיין טאכטער חנה אסתר כרת משה וישראל . וויא שעהן דאס האט אויסגיזעהן וויא איך האב דיא זקנים אין זקנות ארים געזעצט בייא דעם טיש אין האב זייא גיגעבין עסין אין טרינקען כיד המלך, איך מיט מיין ווייב האבין בעדיענט דעם טיש, מעהרערע טאאסטען זענין געהאלטען גיווארין דעם נייעם פאאר אים נאמען דעם אזילס אין דיא מוזיק האט פרעהליך ציגעשפיעלט. אכלל אונזער אזיל האט זעהר איין שעהנעם חנוכת הבית געהאט.

אין דער צייט איז אונזער ציון-לאישע פעראיינגט גיווארין מיט דער ערשטער שוהלע פראטערניטאטע איז געבליבען דאס גאנצע

מעבעל, איך האב קיין מענש גיפרעגט אינ האב פארנעמין דאס
מעבעל אינ האב עס געבראבט אין אונזער אזיל. עטליכע אין פערציג
שטרויבענקליך אינ טישלעך 1 פרעזידענטענשטוהל מיט איין פיניף־
רעהריגען בראנזלייכטער אינ דיא שטיהל מיט דעם לייכטער האט
גינעבין דער מעבעלהענדלער ה׳ בערקאוויטש אין ציון אריין אינ
ווייל איך האב קיינעם ניט גיפרעגט אינ האב דאס מעבעל איבער־
געפיהרט אין אזיל, האט מען מיר א פראטשעס געמאבט אין ציון
אינ מען האט מיך פעראורטהיילט אז מען זאלל מיר ניט אומקעהר־
רען דיא הוצאות פאר דעם איבערפיהרען אינ נאר דאס שפיגיריל
אלליין מיז איך אויף מיינע שפעזען צוריקפיהרען אין בעראשעאום
אריין אינ דא״ט שטעהט עס ביז אין היינטיגען טאג, אין דיא אללע
זאבען זענין געבליעבען אין אזיל אינ אויף דער שטיהל זיצט דער
מלך מיט זיינע מיניסטארען אינ מען משפט מיך.

1882. דאס פלאטץ צי סטר. ראמולום נומער 30 וואס דער
גאטטזעליגער ראזענטהאל האט ציגעקויפט, דאס צווייטע דערפין
מיט נומער 28 האט גיהערט צי איין אלטער ארמער פריצע אונ
זיא האט דאס גיוואלט פארקויפען אזוי האט איינער פין דעם קאָ־
מיטעט, ר׳ שלמה לייזער פולוועד פארגיגעבין אז מען זאלל דאס
שטיק פלאטץ אבקויפען כדי צי פארגרעסערן דאס אזיל, ווייל דיא
גימויערטע וואנד וואס ציטהיילט דיא 2 פלעטצע איז אויף צוויא
ציגעל דיא גרעב אינ 34 מעטער דיא לענג, זיא איז גי׳ עצט פין
איין ארכיטעקט אויף 3000 פר, דיא אויפגאבע איז טאקע גיפעלין
דעם גאנצען קאמיטעט עס איז אבער קיין געלד גיוועהין אין דער
קאססע איז דיא לאסט גיפאללען אויף 3 מעננער דר. בלומענפעלד
וואלף מיכאלאוויטש אינ שלמה לייזער פולוועה, זייא זאללין אויס־
לייהען צו 600 פר. יעדע׳ר אהנע פראצענטע אינ מען זאלל דאס
פלאטץ קויפען אינ שפעטער ווער מען דאס געלד אויסצאהלען,
דער שלמה לייזער האט דאס געמיינט גאנץ ערנסט האט ער צי
זיך צינעצויגען ר׳ אברהם משה ער זאל האבין נאך א שיתוף פין
דעם קאמיטעט אינ דער שלמה לייזער האט גיקויפט דאס שעהנע
שטיק פלאטץ בייא דער פריצע פיר 5350 פר. אינ האט פין זיינער
טאשע גיגעבין 5 הונדערט פר. איין אדרויף. דיא גרעסע פין דעם
פלאטץ איז גיוועהין 31 מעטער דיא ברייט פאצע צי דער גאס

ראמולוס אינ 50 מעטער דיא טיעף ארײן אינװײניג, ביז עס האט זיך פעראײניגט מיט דעם ערשטען פלאטץ פון סטראדא קאטיטע. קײן הײזער איז דארויף ניט געװעהן נאר אײן געדעכטער װאלד פון אללעי־לײ פרוכטען מיט שעהן גראז אײן פערגניגען עס אנצוזעהן. װיא שלמה לײזער האט דאס קויפען פון דעם פלאץ מיטגעטײלט זײנע קאלעגען װאלף מיכאלאװיטש אינ דר. ב. האבין זײא איהם באלד געענטפערט מיט א בשורה טובה מיר דארפען קײן פלאטץ מיר האבין קײן געלד צו בעצאהלען. האט שלמה לײזער געזאגט, װיא איז אײער װארט, איהר האט אײך אבליגירט אז איהר װעט אויס־לײהען צו 600 פר. אמענש אהנע פערצענט, האט מיכאלאװיטש געזאגט מיר געבען ניט א פארע מיר װילען זעהין װאס דיא קבצנים װעלין טיהן אהנע אונז. עס איז אװעקגעגאנגען טעג אינ װאכין אינ דיא 2 דיספאטען װאלף עט דר. האבין ניט געװאלט באין אופן מיטשטימטען אז מען זאל בעצאהלען דאס פלאטץ. איך בין געװען דארט אלס שכן מיט דער פריצע אינ אזילפאטער פרעג זיא צו מיר קימען אינ מיך ניט לאזען ריהען אינ בעטין איך זאל זעהין אז מען זאל מיט איהר ענדיגען װען ניט װעט זיא דאס פלאטץ פערקויפען אײן אנדערן אינ דאס געלד װאס שלמה לײזער האט געגעבין װעט פערלוירען געהן, אינ אז איך בין געלאפין צו װאלף מיכ. אינ האב איהם ערצעהלט אז דיא פריצע װילל פערקויפען דעם פלאטץ אין אנדערן אינ דער אדרויף 500 פר, װערט פערפאללען האט ער זיך באלד געדעקט מיט זײן תירוץ לאמיר זעהין װאס דיא קבצנים װע־לין טיהן אהנע אונז. װיא שלמה לײזער האט געזעהין אז עס איז אװעקגעגאנגען אײן צײט אינ זײנע 500 פראנק װערין פערלוירען, האט ער צוזאמענגערופען דיא אלע מעמברע דע װעטש אינ האט פון זײא פערלאנגט אז יעדער זאל אויסלײהען צו הונדערט אדער 200 פר. אהנע פערצעױט אינ שפעטער װעט דאס אויסגעצאהלט װערין. אויף אזוי אײנע ארט האט שלמה לײזער צוזאממענגענעמין געלד אינ האט בעצאהלט דאס פלאטץ אינ זײנע 500 פר. װאס ער האט געגעבין אײן אדרויף איז געבליבען שטעהן ערשט אין אײ־ניגע יאהר שפעטער האט מען איהם צוביסלעך אויסגעצאהלט. לואיס הירש האט געגעבען 200 פר. פיר זײן פעטער אברהם משה אז מען זאל איהם אײנשרײבען מעמברא דע װעטש װײל ער האט

ניט איינגעצאהלט אין פעראיין קיין קרייצער ער איז תמיד געוועהן איין קלעריקאלער קאזאק וואס ער צאהלט ניט קיין שטייער אבער פין רעמאלס אן איז ער געווארין מעמברו דע וועטש גלייך מיט דיא נגידים צי שטעהן גראווירט אויף דעם מארמארשטיין.

מעמברא דע וועטש הייסט אינ אייביג מיטגליד, איין מיטגליער פין אונזער פעראיין „בתי מחסה לזקנים“ צאהלט 1 פראנק מאנאטליך איז 12 פר. איאהר, אז איינער גיבט 150 אדער 200 פר. מיט אמאהל דער הייסט איין עוויג מיטגליעד, דער דארף שוין מעהר ניט איינצאהלען. דיא פראצענטע פין זיין סומע וואס ער האט גיגעבין ווערט גיצאהלט דיא 12 פר. יעהרליך אינ פין דיא געלדער האט מען גיקויפט דיא הייזער אינ 2 גרויסע מארמארשטיינער האט מען איינגעמויערט אין דער וואנד פין דער סאלע אינ אויף דיא שטיינער זענין איינגראווירט דיא נאמען פין דיא עוויגע מיטגליעדער איערער וויא פיעל ער האט מנדר גיוועזן. דער ערשטער שטיין איז דיא גרעסע 2 מעטער דיא לענג 1 מעטער מיט 10 סענטימעטער דיא ברייט, 2 סענטימעטער דיא גרעב. אין ערשטין שטיין זענען גראווירט דיא ווערטער אין רומענישער שפראכע:
Numele membrilor de vecĭ al căror capital vărsat rĕmâne neatins în vecĭ, s'a început la Mai 1881.
בלשון הקודש:
לזכרון מאנשי חסד שנדבו מעות להיות חבר עולמית לבתי מחסה לזקנים, נאך דיא ווערטער זענין גראווירט דיא נעהמין פין אללע מתנדבים איערער וויא פיעל ער האט גיגעבין. דער שטיין איז איינגעמויערט געווארין אם 11 דעצעמבער 1886. דער צווייטער שטיין האט 2 מעטער מיט 17 סענט מעטער דיא לענג אינ 1 מעטער מיט 26 סענטימעטער דיא ברייט אינ 2 סענטימעטער דיא גרעב. דער האט אויך דיא אייגענע אינסקריפציאן וויא דער ערשטער, דער איז איינגעמויערט געווארען דען 4 מאי 1889, אויף דעם שטיין איז דא 12 נאמען צי 200 פר, אינ 8 נאמען צי 150 פר.

דעם ר' שלמה לייזער פולווער האבען מיר פיעל צי פערדאנקין חאטש ער שטעהט ניט אין דער פונקציע פין דיא גרויסע נגידים. ער האט אבער ווירקליך פיעל געטאהן פיר אונזער אזיל, ער איז א קליידערהענדלער, דורך זיין האנדעל איז ער געוועזן בעקאנט מיט דער גאטזעליגער פרוי טעמע צענטלער האט ער זיא צוגעבראכט

אז זיא זאל בויען 2 שטיבער אין איין שיהל אויף דעם פלאטץ פין אונזער אזיל. דיא 2 שטיבליך פיהרען דעם נאמען פין איהר מאנן ר' אברהם הירש צענטלער אין דיא שיהל פיהרט דעם נאמען פין איהר פעטער ר' עזריאל באט, דאס טעמפעל איז גיבויעט גיווארין אים יאהרע 81 אים 20 מערץ. אין דעם יאהר איז דער ערשטער שטיין פיר דעם פונדאמענט גילעגט גיווארין אין אגאנצען זוממער איז דערבייא גיארבייט גיווארין אין ביז ימים טובים איז דאס פערטיג גיווארין אין מיר האבין דרינען גידאווינט אין נאך ימים טובים אנ־פאנג דעם יאהרעס 83 איז דער שטיין מיט דער אינסקריפציאן איבער דער טיהר פין דעם טעמפעל ארויפגעשטעללט גיווארין מיט דעם דאטום פין יאהר 83. דאס טעמפעל האט 6 ספרי תורות איין אנטיקליך ספר תורה איז דא וואס איז געשריבען פין הגאון הגדול בעל חוות יאיר ז"ל דאס איז אלט 183 יאהר, דאס ספר תורה האט דאס ערשטע מענטעלע מיט זיין דאטום וואס איז דא־מאלס אויסגיהעפט גיווארין, עס איז שוין ציהאקט נאר דיא אותיות זעהין זיך אן זעהר גוט. דיא שיהל ברענגט איין אללע יאהר דעם אזיל 5 ביז 6 הונדערט פר, אין פין דיא צענטלערס יאהרצייטען איז אויך דא איבער דיא 300 פר. אללע יאהר דאס האט ארץ דער שלמה לייזער פולווער איינגעבראכט דעם אזיל. מיר האבען פיעל צי דאנקען דעם מענשען פיר זיין מיה. אין שטאטט דיא 2 דיספאטען זאללין איהם אויך דער פאר דאנקען האבין זייא איהם נאך גיקוועהלט אין האבען גיזאגט וואס וועלין טיהן דיא קבצנים אן אונז אין צים סוף זענין זיינע 500 פראנק גילעגין יאהרען ווייזע אין מען האט זייא איהם ניט גיוואלט בעצאהלען, ניט מען דער־מאנט ערגיץ אין דיא יאהרבילאנצען זיין ארבייט כדי דיא גאנצע גלאריע זאל אויף זייא פאללען.

אין קורצען מיר האבין ציגיזעהן וויא דיא 2 אריסטאקראטען זיכען אלס צו פערדונקלען. אין איין צייט האבין מיר גיזאגט פאר וואס מאכען מיר ניט א פנקס אן עס זאל דרינען פארטראגען ווע־רין דיא גרינדונג דעם פעראיינס. האבען זייא מיר גיענפערט מיר ווייסען ניט ווער דיא גרינדער זענין, גלייבט אייך איים מיט אברהם משה. מיר איז דאס זייער קוריאז פארגעקיממען איך האב גיזעהין אז מיין גאנצע מיה וואס איך ארבייט בחנם אין כסף ווערט פערלויי־

רען האב איך גיווארט ביז צו דעם גרינדונגסטאג פין 5 יולי. דא־מאלס אים יאהרע 82 איז גיוועהן דער 5 יולי אים מאנטאג האב איך צוזאממען גירופען מיינע גרינדער פריהער מיט 2 טאג אויף שבת פרשת מטות צו ר׳ אנשיל ריינשטיין אונ האב זייא פארגע־לעגט דיא שעהנע בעהאנדלונג פין דיא 2 דעספאטען. אזוי האבין וויר בעשלאססען אז אונזערע באנקעטען וואס מיר ווערין מאבען אללע יאהר צום גרינדונגסטאג דעם פעראיינס „בתי מחסה לזקנים“ זאל ניט אבלויפען שטילערהייט זאנדערן זייא מיזען אללע יאהר פובליצירט ווערין אין דיא בלעטטער דאמיט דיא געשיכטע זאלל ניט פערגעססען ווערין. ווען איין פנקס וועט אמאל געשריבען ווע־רען זאל מען וויססען דעם אורשפרונג פין דער געשיכטע אונ ווען דער גרינדונגסטאג איז גיוועהן אונ ווער דיא גרינדער זענין גיוועהן. אונ דער פנקס וואס וועט געשריבען ווערין אהנע אונזער געשיכטע דער ווערט פיר נול גירעכינט פגול הוא לא ירצא דער פנקס אין אסור מן התורה קיין יוד טאהר אין איהם ניט ליינען קיין ווארט. וויל ער איז עובר אויף דיא רייד פין אונזערע חכמים האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם. מען טאהר ניט יענימס פעלין אויף זיך ארויף ציהען.

שבת אויף דער נאכט נאך דעם אונטערהאלט האבין מיר צו־זאממענגעווארפען א נדבה 18 פראנק פיר דעם אזיל אונ מיר האבין דאס געלד איבערגעשיקט דעם קאססירער ר׳ וואלף מיכאל. מיט א צעטעלע ער זאל דאס פובליצירען אין יאהרעסראפארט, אונ מיר האבין באלד איין ארטיקעל געשריבען אין היועץ נומער 425 פין 7 יולי 1882 אונ דאס זעלבע ארטיקעל אין „אפאראטארול“.

מיינט איהר אפשר ליעבע לעזער אז מען האט עפיס דערמאנט איין נאמען אין דעם יאהרעסראפארט פין וואנין דיא 18 פראנק קיממען צים קאססירער, חס ושלום מען האט גאר קיין נאמען דער מאנט מען האט נאר געשטעללט אזוי מיט דעם לשון : De la 6 membrii rezultat de la un banchet 18 lei. אונ אז מיר האבען גיפרעגט דעם קאססירער ר׳ וואלף מיכאלאוויטש פאר וואס ער האט ניט געשריעבען ווער דיא 6 מעמברים זענין וואס זייא האבין גיגעבין דיא 18 פראנק. האט ער גיענפערט מיר ווילען ניט וויססען ווער דיא גרינדער זענין גיוועהן, גלייבט איך אים מיט ר,

אברהם משה׳ן. איז דאס ניט א שעהנער ענפער ? קריגען העלפט ניט אדער מען דארף נוט, מיר האבין ווייטער געארבייט צוזאממען איך אלס אזילפאטער אונ פארזארגער פון דעם הויז אונ שמש אין שיהל אין דיא אללע דיענסטען זענין געוועהן אהנע א מינדעסטע ליאפע. איך האב פערזארגט דיא אלטע מענשען אזוי וויא מיינע קינדער אונ ר׳ ליב יאנאוויטש אין קאמיטעט, אז ער האט עטוואס געמאכט איינע פראגע איז ער געבליבען אין דער מינאריטעט. ר׳ אנשיל ריינשטיין איז געוועהן גאר אבגעטרעטן פון אונזער אזיל ער האט ניט אמאהל צוגעשמעקט אונ אויך ניט איינגעצאהלט נאר צו דיא באנקעטען וואס מיר פלעגען מאכען אללע יאהר פלעג איך איהם צושלעפען פלעג ער פארצערין אפאר פראנק. אין דעם יאהר 82 האט מען גיעפינט דיא קיבע פאר דיא זקנים אין אזיל ביז היינט. איעדער בעקימט אללע טאג א האלבע קילא ברויט אונ צו מיטאג איינע פארציאן זופע מיט פלייש אונ איינגע מאל באקימען זייא טשייא אונ צוקער אויך.

1883. ווען מיר האבין זייא אריינגעשיקט דיא 18 פראנק האבין מיר אויך ביי׳געלעגט איין בריעף אונ מיר האבין גיבעטין אז זייא זאללען דעם גרינדונגסטאג אין ראפארט פון יאהר 82 ערוועהנען אונ מיר זאללין פעראייניגט זיין וויא אמתה ברידער דאס אללע יאהר זאללען מיר זיך אלע צוזאממען פרייען מיט דיא זקנים וואס וועלין זיך געפינען אין אזיל. ר׳ וואלף מיכאלאוויטש האט דאס פאפיער מיט דיא 18 פראנק צוגינעמין אונ האט אין ראפארט ניט דערמאנט א ווארט פון דעם וואס מיר האבין זייא געשריבען, אזוי וויא איך האב איבערגעוויזען, מיר האבין גימיינט אז זייא וועלין דיא פראפונערע מיט פערגנוגען אננעהמען אונ וועלין אין ראפארט פון יאהר 82 פובליצירין, אבער אז דער ראפארט איז ערשט ארויס אין חודש מערץ 83 אונ מיר האבין דערזעהין דעם שקאנדאלישען שווינדעל וואס זייא האבין געמאכט מיט דעם ראפארט האט עס אונז זייער שטארק אינטערעססירט. איז דענן דאס ניט צום בע־דויערן אז אמענש ארבייט אזוי ביטער פיר זיין גלאריע קימט איין אנדערער אונ נעמט עס ביי איהם צו, איך האב מיר דיא שענסטע אין דיא בעסטע פון מיינע אלטע יאהרען געאפפערט פאר „בתי מחסה לזקנים“ פאר וואס ? ניט פאר געלד, נאר פאר שם טוב

משמן טוב קימט דער ויאלף אינווילל מיר אוועק רויבען מיין
שם טוב אינ ניט נאר בייא מיר, בייא אללע 10 גרינדער אינ פין
דיא וואס זייא האבין גיארבייט ביז זייא זענין געקימטען אויף דעם
בענקיל׳ אזוי האב איך גירעט מיט ר׳ ליב יאנאוויטש מיר זאליען
רעדיזשירען איין ארטיקעל אין קאנטרע דעם ראפארט פין יאהרע
82, מיר האבען דאס באלד געשריעבען אינ פובליצירט אין „אפא-
ראטארול פין מאי 1883.

Domnule Redactor,

Cu ocazia publicărei raportului şi bilanţului pe 1881—1882 prezentat la adunarea generală a „Elizabeteului“ ce a avut loc in trecuta lună Martie a. c., crez de cuviinţă a atrage atenţia publică asupra următoarelor puncte, cari ori cât de neinsemnate ar părea ele cu privire la persoanele în joc, merită totuşi a fi luate în băgare de seamă, căci e vorba a stabili în mod precis istoricul fundărei zisului institut.

In adevĕr, D-le Redactor, pentru toţi aceia cari se interesează de soarta Azilului pentru bĕtrâni e interesant a se şti cine sunt fondatorii lui cei mai d'ântăi, de la cine a pornit iniţiativa pentru a forma o societate cu scop de a întemeia acest azil. Cu părere de rĕu însă vĕd, că asupra acestui punct, atât raportul din anul prezent cât şi cel din anul trecut păstrează o mistică tăcere, pe care cu atât mai greu pot să 'mi-o esplic, cu cât cred, că prin numirea persoanelor cari au fost cei d'intâi fundătorĭ, s'ar putea aduce un bun serviciu „Elizabeteului“, căci menţiunea onorabilă ar fi un fel de emulaţiune şi de stimulent pentru aceia, cari ar dori să urmeze exemplul şi să vină în ajutor prin contribuţiuni mai darnice, la prosperarea acestei filantropice instituţiuni.

Ca unul deci, care am fost dintre cei d'intâi fundatori crez de cuviinţă a da câte-va date precize, cari să arate pe scurt istoricul fidel şi adevĕrat al acestei fundaţiuni.

Precum rezultă din Procesul Verbal încheiat în ziua de 3 Iulie 1881 şi subscris de şease persoane, între cari fi-

gurează şi subsemnatul. — Proces Verbal publicat şi de „Apărătorul“ la timpul sĕu (Luni 16 Iulie 1881 No. 28), zece persoane s'au adunat la 5 Iulie 1875 în casa d-lui Anşel Reinstein, pentru formarea unei societăţi, cu scopul de a construi un azil care să serve bĕtrănilor nepuntincioşi şi lipsiţi de mijloace de esistenţă. Acele zece persoane s'au adunat după iniţiativa d-lui Anşel Reinstein şi a subsemnatului care împreună cu bĕtrănul d-nu Iacob Psantir, au împărţit bilete de invitare în numele comitetului provizoriu ce era compus numai de noi trei: Anşel Reinstein, Leib Ianovici şi Iacob Psantir. Iată numele lor precum sunt publicate şi în zisul Proces Verbal, care n'a fost şi nici n'ar putea să fiă desminţit de nimeni : D-nii A. Reinstein, A. M. Isralovici, L. Ianovici, I. Psantir. M. L. Landau, I. Maersohn, M. Steinfeld, I. Rosenberg, Şapse Maer şi S. Kaufmann.

Aceste persoane, D-le Redactor, împreună cu aderenţii de mai tărziu au străns cu multă trudă şi stăruinţă din partea fie-căruia un capital de mai bine de o sută de galbeni, care capital l'au depus în mânele d-lui Garfunkel, ca comerciant onorabil şi demn de încredere, dându-i-se funcţiunea de casier, şi numai după aceea, când s'a vĕzut un început aşa de promiţător, s'au ivit membrii doritori de a face o propagandă mai puternică, graţiă căreia Azilul a ajuns în starea lui de astăzi.

Fără acest capital fundamental, străns de la mic şi mare cu cea mai mare osteneală—căci la început nimeni nu credea în isbănda unei întreprinderi de asemenea natură la noi în Bucureşti,— fără acest capital fundamental, zic, nimeni nu s'ar fi hotărit a face şi a strănge subscripţiuni în favoarea acestei opere umanitare, şi nici nu s'ar fi putut cumpĕra terenul pe care astăzi e zidit Azilul.

Este adevĕrat că d-nu Dr. Blumenfeld şi d-nu W. Michalovicĭ au depus tot-d'a-una un zel şi un devotament fără margini pentru a vedea odată pe un picior mai solid in-

stitutul caritabil, dar totuşi nu este mai puţin adevĕrat, că fără iniţiativa celor d'intăi zece adevĕraţi fundatori nimic nu s'ar fi făcut. Fondul de o sută şi mai bine de galbenî strâns la început de Iacob Psantir, n'a fost destul, aceasta se înţelege; dar pe dată ce începutul era deja făcut, totul a mers mai uşor. Ast-fel s'a putut cumpĕra locul, şi îndată după aceea generoasa D-na Rosenzweig a dăruit cele 500 de galbeni cu cari s'a început zidirea.

Dăcă povestesc toate acestea, n'o fac împins de o deşeartă dorinţă de a vedea satisfăcut amorul meu propriu, ci pentru că mi-se pare că trebue sĕ'i se dea fiă-căruia ce este al sĕu şi că prin urmare cei d'intăi zece fundatori ar trebui şi ei pomeniţi în raportul anual ai societăţi, sau măcar odată pentru tot-d'a-una să se specifice intr'un raport partea ce a luat fie-care la întemeiarea Azilului.

De o-cam-dată însă vĕd că se face cu totul din contra. Mai mult de cât atât: La 5 Iulie anul trecut împlinindu-se 7 ani de când fundatorii s'au fost întrunit pentru întâia oară 6 din cei zece membri fundători au serbat această aniversare într'o adunare ce a avut loc tot în casa d-luî Reinstein şi cu acea ocazie au înaintat suma de lei 18 d-lui casier al societăţei, precum iarăşi rezultă din zisul Proces-Verbal publicat în ziarul d-tră. Ei bine, această sumă o vĕd trecută în raportuI din urmă ca provenită de la un banchet. Par'că se teme onor. Comitet de a pomeni numele unuia din primii fundatori!

Şi iar mĕ miră un lucru; cum se face că în lista membrilor cari compun comitetul, şi care este publicate la finele raportului, nu vĕd trecut şi numele meu? Căci conform adresei cu No. 220 din 18-30 Iulie iscălit de d-nu Dr. Blumenfeld preşedinte şi de d-nu secretar, eu sunt numit „membru consilier şi conlucrător la administraţia Azilului.—care funcţiune mi am îndeplinit-o de atunci şi până astăzi cu cea mai mare conştiinţiozitate.

Observ că această numire o datorez tot calităţei mele

de fundator, şi că prin aceasta, insuşi comitetul a recunoscut exactitatea afirmărilor mele, în ceea ce priveşte istoricul fundărei Azilului.

Rog pe aceia cari sunt citaţi în această amea scrisoare, să mě desminţă, în caz de voi fi spus vre-o neexactitate, iar D-tre d-le Redactor, vě mulţumesc pentru ospitalitatea ce aţi avut bună-voinţa de a mi-o acorda şi vě salut cu perfectă stimă şi consideraţiune.

Al d-tră L. Ianovici
Membru activ al Comitetului
Azilul pentru bětrâni

Bucureşti 18-30 Mai 1883.
(Apărătorul No. 36 din 19 Mai 1883.)

אזוי פרעגען מיר אונזערע געעהרטע לעזער וואס איז דיא שול-
דיגקייט פין אונז גרינדער אינ וואס פאר איין פעהלער זענין מיר
בעגאנגען אקעגין אונזער פרעזידענט אינ קאססירער אז מיר האבין
פין זייא פערלאנגט אז דאס גאנצע פעראיין זאל מיט אונז ציזאמין
פייערן דעם גרינדונגסטאג פין 5 יולי. ווען ר׳ וואלף מיכאלאוויטש
שרייבט אבער יאה אונזער בריעף מיט אונזער פראפונערע קימט
מען ניט צי דיא שקאנדאלען וואס זייא האבין גימאכט מיט אונז
ביז יעצט אינ איך וואלט ניט גיוועהן גידארפט פערסעקוטירט ווער־
רין פין אירען בעזינדער דורך זייא, עס וואלט גאר ניט גיוועזן גע־
קוממען צי קיין שום קריעג. דורך דעם מיזעראבלען אויפטיה פין
דיא 2 דעספאטען זענין מיר געצווינגען גיוועהן צי מאכין באנקעטין
אללע יאהר אינ האלטען טאאסטען אינ דריקען אין דיא ציימונגען
כדי עס זאל ניט פארגעסין ווערין אינ דערפאר האט מען מיך אנ־
גיהויבען צי פערדאממען ביז צום טויט מיינע ליעבע לעזער זאלין
זעהן אין דיא צייטונגען וואס זענין ערשיענען אין דיא לעצטע 3
יאהר 87, 88 אינ 89 וואלאכישע אינ יודישע איז דא איבער דיא
50 דאקומענטע, איבערהויפט זאל מען זעהן אין היועץ וועלין מיינע
ליעבע לעזער זעהן דעם גרויסען פעהלער וואס איך האב בעגאנגין
מיט דעם וואס איך האב ענטדעקט דיא גרינדונג דעס פעראיינס
„בתי מחסה לזקנים“. וויא זייא האבין גיזעהן אז מיר שווייגען ניט
אינ אללע טאג קימט איין אנדער ארטיקעל אין היועץ איבער דער

גרינדונג דעם פעראיינס, האבין זייא געפינען איין מיטטעל, זייא וועלין איינע קאמיססיאן וועהלען פין זייער זייט אינ דיא קאמיססיאן וועט שוין זיכען איין וועג אפציוווישען דיא גרינדער. אים מאנאט יולי 85 האט מען בייא איינער זיטצונג געוועהלט איינע קאמיסיאן פין 3 מענשען דיא העררען ג. ברייער, מיכאלאוויטש אינ א. שלומאוויטש אינ זייא זאלין ברענגין איין ראפארט ווער דיא גרינדער זענין. דען 30 נאוועמבער 85 צו דער זיטצונג האבין זייא איין ראפארט געבראכט אינ ר׳ גדליה ברייער אלס ראפארטער זאגט אזוי:-
דיא קאמיססיאן אנערקענט ניט קיינע 10 גרינדער זאנדערן 3 אינ נישט מעהר, ר׳ אברהם משה איזראלאוויטש איז דער ערשטער גרינדער ר׳ אנשיל ריינשטיין איז דער צווייטער אינ ר׳ ליב יאנאוויטש איז דער דריטער. העררן איזראלאוויטש איז שוין אלס ערשטער גרינדער אנערקאנט וויל ער איז שוין מעמברו דע וועטש, אבער דער צווייטער אינ דריטער ווערין ערשט דעמאלס אלס ערשטע גרינדער, אנערקענט זיין ווען זייא ווערין אייך מינימום יעדער צו 150 פראנק איינצאהלען אלס מעמברע דע וועטש, ה׳ יאנאוויטש האט באלד פראטעסטירט געגען דעם בעשלוס פין דער קאמיסיאן אינ האט איבערציינגט אז זייא האבען פארטייאיש אדער בעססער געזאגט רעספאטיש געמשפט, אשא וראי אשא פאק. צום בעוויז אז דיא קאמיססיאן איז נישט עהרליך צו ווערקע געגאנגען, האט העררר יאנאוויטש גיפרעגט וויא אזוי האט דיא קאמיססיאן גיקענט משפטן; אינ דעם ווערדיקט ארויסגעבין אהנע זייא זאללין צוערשט אויסהערין דיא טענות פין דיא בעלי דינים??? פאר וואס האבען זייא אונז אין דער גאנצער צייט אפילו נישט איינמאהל געריפען אום זייא זאללין העררען אונזערע טענות? נא ווער וועט קענין זאגין אז דער ווערדיקט פין דער קאמיססיאן איז אונפארטייאיש אינ נישט רעספאטיש?? קורץ דער דר. בלומענפעלד האט דעם פראטעסט דעם ה׳ יאנאוויטש אנגענאממען אינ האט ערקלערט דעם ווערדיקט פין דער קאמיססיאן אלס נול אינ מען האט בעשלאססען איין אנדערע קאמיססיאן צו ערנעננען וועגען דער אפערע, אבער שוין ניט פין דער מיטטע דעם קאמיטעט זאנדערן גאנין פרעמדע.
אם 4 מאי 1886 האט שטאטגעפונדען איינע גענעראלפערזאמלונג אין „בתי מחסה לזקנים“, בייא דיעזער געלעגענהייט האט ה׳

אראלף גאסטער דעם פרעזידענט דר. בלומענפעלד אפיציעל אין געגענווארט דער גאנצער פערזאממלונג גיפרעגט, פאר וואס נעמט קיין ענדע מיט דער פראגע פין דיא גרינדער אונזערעס פעראיינס „בתי מחסה לזקנים“? האט איהם דר, בלומענפעלד גיענפערט, וויל מיר ווייסען ניט ווער דיא גרינדער זענין, דאס הייסט מיר ווייסען ניט ווער דער ערשטער איז אינ ווער דער צווייטער איז וויל ר' אברהם משה זאגט אז ער איז דער ערשטער אינ ריינשטיין זאגט אז ער איז דער ערשטער אינ מיר ווייסען אויך ניט צי עס איז דא סך הכל 10 גרינדער אזוי וויא דיא גרינדער וויללען בעהויפטען, מיר האבין שוין פאריגעס יאהר איינע קאמיססיאן צי דעמזעלבען צוועק ערנאננט, האט אבער דיעזע ניכטס געמאכט אינ מיר האבין בעשלאססען איינע אנדערע קאמיססיאן צו ערנעננען. דיא גענעראלפערזאממלונג פין היינט ערנעננט אייך אלס פרעזידענט פין דער קאמיססיאן מיט דעם רעכט אז איהר זאלט אייך צוזיכען נאך 2 מעננער צי אייך אינ איהר זאלט אונז א ראפארט געבען איבער דער קעסטיאן פין דיא גרינדער דעם אזילס. הערר אראלף גאסטער האט דאס אנגענוממען אינ דיא גענעראלפערזאממלונג האט דאס בעשטעטיגט, הערר א. גאסטער האט פערלאנגט אז מען זאל אין פראטשעס ווערבאל אנשרייבען אז ער איז גענוועהלט אלס פרעזידענט פין דער קאמיססיאן מיט דעם רעכט אז ער זאל זיך אליין נאך 2 מעננער ציקלויבען וועלכע איהם וועט גיפעלין, אינ דאנן זאלל מען איהם איין אדרעסע אפיציעל פין דער גענעראלפערזאממלונג צישיקען וועט ער זיך באלד נעמין צי דער ארבייט אינ דיא געשיכטע וועט אראנזשירט זיין. דער פרעזידענט האט דאס דעם ה' א. גאסטער פערשפראכען צו טיהן, אינ ה' גאסטער ווארט נאך אויף דער אדרעסע ביז אין היינטיגען טאג! נא פערשטעהט זיך אז הערר א, גאסטער האט ניט גיקאנט לאזען פין זיך חוזק מאכען אינ דארום האט ער גאר ניט געטוהן.— הערר יאנאוויטש וועלכער האט קיינמאל ניט אויסגיפעהלט צי זיין איין מיטגליעד אין קאמיטעט האט ביא יעדער זיטצונג אלס גיפרעגט פאר וואס מען שיקט ניט צי דעם ה' גאסטער דיא אדרעסע וויל אהנע דעם ווילל ער ניט איינגעהען אין דער קעסטיאן. דיא ראשי הקהל האט אבער עפיס דער הערר גאסטער ניט גישמעקט, האבין זייא זיך ניט

וויססענדיג געמאכט ענדליך איז דעם הערךן יאנאוויטש געלינגען. אז אים מאנאט יענער 1887 האט מען איין אנדערע קאמיססיאן ערנענט אונד צוואר דעם הערךן דר. בעק אלס פרעזידענט אינ הערךן זיסא ליב גוטמאן אינ ר׳ אהרן שווארץ מעמברים אין דער קאמיסיאן, האט שוין דער דר. בלומענפעלד ציגעשיקט איין אדרעססע אין דער בעסטער ארדנונג. דיא קאמיססיאן איז אויך עהרליך צי ווערקע געגאנגען אינ האט 4 פין אונז נעמליך מיך (המחבר) אינ ה׳ ר״ש, ה׳ יאנאוויטש אינ ה׳ א. איזראלאוויטש איינגעלאדען אם 11טען פעבער אין דער קאנצלייא פין דעם אזיל צי קימטען. דער דר. בעק האט אונז צוערשט א פאפיער פארגעלעגט מיר זאלין זיך אונטערשרייבען אז וואס דיא קאמיססיאן וועט געפינען מיזען מיר בעשטעהן אינ מיר טארען נישט דאגעגען פראטעסטירען. מיר אללע פיער האבען זיך געחתמת, נאך דעם האט מען יעדען פין אונז פראגען געשטעלט אינ מען האט יעדען געלאזט רעדען אינ אונזערע רייד צי פאפיר גינעמין ד. ה. אלע אונזערע רייד פערשריבען אינ וועלכער פין אונז ער האט אבגירעד האט מען איהם דאס געשריעבענע פארגעליינט אינ יעדער פין אונז האט זיך אויף יינע רייד אונטערגעשריבען. אויף מעהרערע פין אונזערע טענות האט דער דר. בעק פערלאנגט אקטען האבין מיר איהם געגעבען שווארץ אויף וויים אום דיא קאמיססיאן זאל זיך קענין איבערצייגין דיא וואהרהייט. דיא אללע שריפטען האט דער דר. בעק צו זיך אהיים גינעמין אינ האט אונז פערשפראכען, אז דיא קאמיססיאן וועט שוין זיכען אצייט ווען זייא זאלין זיך ציזאממענקוממען אום איינע האטערירע אויסצוארבייטען אינ ציצישיקען צום פרעזידענטען פין דעם קאמיטעט דעם אזילם אינ א קאפיע פין דער האטערירע וועט אונז דער דר. בעק געבין אויך אונטערשריעבען פין דער גאנצער קאמיססיאן אינ מיט דעם איז דיא זיטצונג פין 11 פעבער 87 געשלאססען גיווארין. ערשט אם 25 נאוועמבער 87 האט דיא קאמיסיאן דיא האטערירע געמאכט אינ האט דאס דעם פרעזידענטען פין דעם אזיל דר. בלומענפעלד איבערגעשיקט אינ אויך אונז איינע קאפיע ציגעשיקט אונטערשריעבען פין דער גאנצער קאמיססיאן; לויט ער האט אונז פערשפראכען. דיא האטערירע לויטעט אין דער רומענישער שפראכע בזה הלשון:

Stimabile Domn Preşedinte,

Se poate observa că oamenii fără multă avere, făcĕnd un bine obştei sunt mai zeloşi să fie recunoscute meritele lor de cât cei cu stare. Foarte natural! Ceea ce oamenii fără avere jertfesc pentru binele obştesc, preţueşte neasemănat mai mult de cât sacrificiile celor avuţi. Aceştia sacrifică din prisossul lor, pe când cei dintâiŭ din iconomiă sau dintr'o incordare mai mare a puterilor lor. E învederat că meritul acestora din urmă aducĕnd sacrifice fie ele nu tocmai însemnate pentru un scop umanitar, e mult mai mare de cât a acelora cari trăesc în împrejurări favorabile, cari nu cunosc nevoile şi lipsurile vieţei.

Este un alt punct care merită atenţiunea, fie-care om caută că numele sĕu să fie nemuritor, atât cel bogat cât şi cel serman. Bogatul însă care se bucură de presentul favorabil nu se gândeşte atâta la nemurirea în viitor de cât cel serman, pentru care presentul are numai lupte, suferinţe şi lipsuri. Sermanul consideră nemurirea ori recunoştinţă pentru faptele sale meritorie ca o recompensă pentru toate suferinţele şi necazurile îndurate in tot cursul vieţei sale pe pământ. I se face o mare nedreptate răpindui-se, negânduĭ-se sau micşorândui-se numai titlurile sale la nemurirea ori la recunoştinţa oamenilor.

Pornind din aceste pnncte de vedere vom înţelege încăpăţânarea, ca să usăm de această expresiune, cu care au stăruit de mai mulţi ani câte-va persoane, de care facem menţiune mai la vale, pentru că să fie recunoscute de actualul comitet al Asilului meritele lor întru fundarea acestui institut.

Nu încape îndoială, că Asilul s'a fundat de către oameni mai mult sau mai puţin sărmani şi că înflorirea sa şi desvoltarea sa de astă-ḑi işi datoreşte oncr. persoane mai înstărite. Primul fond de vre-o 1200 frs. s'a strins prin oameni cari aparţin în majoritate clasei muncitorilor. Văḑĕnd în urmă aceştia, că mijloacele lor nu

promit a se înființa cu ele Asilul au apelat la membri mai avuți ai comunitățeii noastre.

Vați adresat către noi să arătăm cine sunt primii fondatorii ai Asilului pentru bătrâni. După ascultarea domnilor când pretind a fi inițiatorii acestui așezământ, iată părerea noastră în această privință.

Idea de a înființa în capitală un institut pentru adăpostirea bătrânilor sermani aparține după cercetările minuțioase făcute de noi d-lui A. M. Israilovici care a vorbit deja la anul 1872 de necesitatea unui asemenea aședământ, D-lui L. Ianovici. Idea d-lui Israilovici ar fi remas nerealisată, precum d-l nici n'a făcut nimica pentru realizarea sa, cel puțin nu e în stare să o dovedească acesta prin dovedi admisibile, dacă nu aderă le ea D-nu A. Reinstein în anul 1875. Se pare însă ca nici d. Rein. stein nu s'ar fi gândit la realisarea acestei idei dacă n'ar fi fost îndemnat de d. L. Ianovici. Idea Asilului a fost deja uitată de d. Israelovici și necunoscută încă d. Reinstein când d. Ianovici aducându-și aminte de convorbirea ce a avut-o odată cu d. Israelovici, a stăruit pe lângă d. Reinstein, care în anul 1875 s'a ocupat cu înființarea unei societăți să creeze toustrei o societate al cărei scop nu se urmărește până acum de nici una din cele existente societăți. Dacă numim pe d. Israilovici inițiatorul idei de a înființa în Bucuresci un Asyl pentru bătrâni trebue să considerăm pe d. Ianovici de regatoriu iar pe d. Reinstein de realizator al acestei idei. Fără influența d-lui Reinstein, care a adus vr'o 6 membri spre fondarea unei societăți cu scopul de a crea un Asyl, dar fără d. Israilovici poate nici d. Ianovici nu s'ar fi gândit la un Asyl pentru bătrâni. Acești 3 oameni dar au jucat rolurile principale la fondarea societății Asylului în anul 1875. Pentru a face posibilă prima întrunire în casele d-lui Reinstein a contribuit mult și d. I. Psantir, care a fost un șir de mai mulți ani după ce societatea a fost

deja înfiinţată încasator, fără renumeraţiune al societăţei, fiind în timpul resbelului ruso-turc membrul cel mai activ şi zelos al ei, într'un timp când toată lumea să ocupa cu alte lucruri, şi nici de cum cu întărirea unei societăţi cu scopuri umanitare şi în aparenţă greu de realisat. Aşa dar fiind vorbe de a fixa pe cei dăntăi fondatorii ai Asylului nu putem trece cu vederea aici pe d. I. Psantir.

După arătările de mai sus considerăm pe d. A. Reinstein de primul fondator al Asylului pentru bătrâni, căci prin energia şi influenţa sa şi în locuinţa sa, s'a constituit societatea pentru acest scop. D-lui a fost şi cel dintăiŭ preşedinte al societăţii, prin indemnul d-sale au întrat în societate vre o 6 membri cari au complectat numĕrul de 10 fără de care nu s'ar fi putut constitui societatea.*)

Al doilea fundator e d. Löb Ianovici, prin al cărui indemn a apresat şi d. Reinstein la idea de a înfiinţa societatea pentru Asyl, şi care a întrodus şi pe d. Israilovici in societate care uitase deja această idea neavĕnd energia cerută ori negăsind destul sprijin de a o realisa.

Al treilea fundator este d. A. M. Israelovici căruia datorim idea de a crea în Bucuresci un Asyl pentru bătrâni.

După aceşti 3 oameni urmează d· I. Psantir, care a desfăşurat o activitate laudabilă şi desinteresată întru întărirea societăţii, propagănd idea şi foloasele ei prin popor şi încasănd fără renumeraţiune pe mai mulţi ani cotisaţiune lunare de la membrii societăţi.

In acest mod şi prin aceste persoane s'a fundat după părerea noastră societatea pentru înfiinţarea Asylului. Ne am silit a recunoasce meritele fie-căruia la fondarea ei, şi n'am fost înspiraţi de altă idee de cât a pune ca-

*) Aceşti domni sunt: M. D. Landau, I. Maersohn, Şabse Maier, Isr. Rosenberg, M. Steinfeld şi M. Kupfermann.

păt nedumeririlor și nemulțumirilor, ce au existat până acum la mai mulți domni, cari au crezut, că titlurile lor la recunoscința comunității pentru fondarea unei instituțiuni atât da folositoare n'au fost până acum îndeajuns apreciate. Expunerea precedentă 'i abroagă dreptul de a fi recunoscut fie-căruia partea ce a dat-o la fondarea Asylului, o instituțiune care a luat într'un timp scurt o desvoltare și întindere atât de îmbucurătoare încât ea este azi o podoabă a comunității noastre, mulțumită inițiativei domnilor numiți în acele precedente dărniciei și mărimei mai multor persoane filantropice din sinul Comunității și mai cu seamă neosebitei activități și zelului laudabil al onor. Comitet, care conduce și administrează în timpul de față Asylul pentru Bătrânii.

Primiți d-le Președinte încredințarea deosebitei noastre considerațiuni.

**Dr. M, Beck.**
**S. L. Gutman**
**A. Schwarz.**

Bucuresci 25 Noembrie 1887
(Infrățirea No. 64 din 18 Ianuarie 1888.)

וויא פערשטעהט איהר מיינע ליעבע לעזער? דיא סענטינציע פין ה' דר. בעק האט זייא אויך ניט געשמעקט, זייא האבין דאס אויך פערווארפען. דיא צייטונגען האבען אנגעהויבען אויף זייא צו שילדערן אויף אללע זייטען דיא יודישע אין וואלאבישע. אים מאנאט סעפטעמבער 87 שיקט דר. בלומענפעלד מיך ריפען אין בעפעהלט מיר איך זאל פאר האלטען אללע צייטונגען אז מען זאלל נאר ניט רעדען פין דעם אזיל אין ווען ניט וועט מען מיך ארויסווארפען פין דעם אזיל. אזוי האב איך געזאגט, העדר דאקטאר איך קאן דיא פרעססע ניט פארהאלטען ווער עס ווילל קאן שרייבען, אין איך בין געפאללען אויף דיא קניעס אין האב געזאגט, העדר דאקטאר איך ביטטע אום פארדאן אין ביטטע זיא זאללען זיך מיט אונז פעראייניגען אין מיר זאללען צוזאממען פייערן דעם גרינדונגסטאג. אזוי האט דער דאקטאר געזאגט עס איז קיין פארדאן מיר ווילען דערפין ניט וויססען, אזוי האב איך געזאגט תמות נפשי

עם פלשתים אין בין פארטגעגאנגען. אין וויא גלויבען זיא מיינע ליעבע לעזער וויא ביטער בין איך טראקטירט געווארען פון דיא משגיחים אין פון זייערע משרתים, זייא האבען געטראגען רכילות צו דיא קינדער צענטלער אז מען זאל מיך פון דער שיהל ארויס־ווארפען אזוי וויא מען קען לעזען אין היועץ נומער 1053 אין נומער 1061 פון דעם יאהר 1888, אז וואלף מיכאלאוויטשש איין שוואגער מאיר שטאפער וואס ער געהט איינקאססירען געלד פיר דעם אזיל אין קיינער נעמט ביא איהם קיין חשבון ווייל ער איז מיכאלאוויטשס אשוואגער, ער אין יוסף לינדענבערג דעם דאקטאר בלומענפעלדס גווארדיאן זייא האבען מיך גיוואלט אין טעמפעל ביא איינער גענעראלפערזאממלונג שלאגען נאר מענשען האבען מיך אבגעראטעוויט.

## ציון

לנפש האלוף המרומם נדיב עמו ה"ה המנוח עמנואל ראזענ־טהאל נ"ע! אשר הגה למענו הספר החכם ה"ר אליעזר כתבן

עמך היה אל, אתה עמנו היית,
מצאת הון וחיל, צאן־עמך בו פדית;
נתתה ממתת־יה, תפקידו עשית,
ומנת כוסך לרויה את־ענייו השקית.
אותך לקח אלהים, לקח הוד מעמנו,
לקחה אל־גבוהים, ומי בשפל אתנו? —
רגבים ואבני זכרון עדותם נתנו:
טמנו הגויה; — ארון לנפשך לבנו בנו!

---

## ציון

לנפש החכם הנעלה המנוח יהודה ליב המכונה דר. לעאפאלד שטערן נ"ע אשר הגה למענו הספר החכם ה"ר אליעזר כתבן נ"י.

ירדת משמים ארץ — הילל בן שחר מבני רשף
ולהאיר לעמך עמד בפרץ — דרכת כבב באישון נשף.
הכות חרם אויב מקרב — לשון למודים נתן לך אלהים!
ירית קשת, לשונך חרב — בדברך עתק נגד גבוהים.

שמשך כי אסף בצהרים
טוהר שמינו כסה ערפל !
על-אבליו חוס אל בשמים !
רחם נחם עמך משפל !

---

## פה נח*)

החכם הפילוסופיה דוקטור יהודה אריה ב"ר גדליהו שטערן מבוקא־
רעשט שנאסף אל עמו ביום ג' י"ט לחודש טבת תרמ"ב.

## יהודה

יודוך אחיך המדכאים, לעזרתם עוז לבשת
התיצבת כאריה נגד פריצי רומניא
ובשבטך שבט סופר דכית מבקשי רעתם
דרשת טובתם לפני מלכים ישרם הגדת
הלא דבריך כאש להלהיב לבבם על כן
יקוננו מספר מר הוריך ואחיך
הדרם ופארם מעל ראשם הוסרו
וי ! הוי ! יזעקו בני ציון מרעיך
דלפה מתוגה נפשם עינם מרמעה
הילל בן שחר, אספת אורך
עדי עד מלבבם לא ימוש זכרונך
נצח במרומים תתלונן תמצא שלוה במעוניך

---

שאלה 1. פאר וואס האט איהר פארווארפען דיא ערשטע גרינדער דעם פעראיינס „בתי מחסה לזקנים" אינ אז איהר האט ארויסגעגעבען דעם ערשטען ראפארט האט איהר נאר געשריבען דיא געשיכטע פין ר' וואלף מיכאלאוויטש ווען ער האט איבער־גינעמין דאס געלד פין אברהם גארפונקעל ?

---

*) דאקטאר לעאפאלד שטערן איז געשטארבען אין פראנציא דארום האבען מיר זיין מצבה דא געשטעללט צום עווינען אנדענקען.

שאלה 2. פאר וואס זאגט איהר ניט וויא אזוי קימט דאס געלד צי ר׳ אברהם גארפונקעל ?

שאלה 3. פאר וואס זענט איהר ברוגז אויף מיר ? אפשר דער פאר וייל איך האב ענטדעקט דיא גרינדונג דעס פעראיינס „בתי מחסה לזקנים“ אינ האב דאס געלד געבראכט צי ר׳ אברהם גארפונקעל.

שאלה 4, אין דעם דאקומענט וואס איהר האט איינגעמויערט אין דער טימעליע פאר וואס האט איהר ניט דערמאנט מיין נא־מען אויך ? איך האב געארבייט גלייך מיט אייך.

שאלה 5. פאר וואס האט איהר מיר אבגעזאגט פין דער שיהל אפשר דער פאר וייל איך האב ניט געטראגען גלייך דעם אתרוג אדער וייל דער נר תמיד איז בייא נאכט פערלאשען געווארין.

שאלה 6. פאר וואס האט איהר מיין גרייצער גירויבט אינ אוועק גיגעבין אזעלכע מענשען וואס מען דארף זייא ניט געבען ?

שאלה 7. פאר וואס האט איהר מיין פרנסה ציגינעמין אינ גע־געבען איין אנדערן וואס ער האט גאר ניט גיהארוועט בייא דעם אזיל ?

שאלה 8. א יענקיל פלאממער וואס ער איז א סוחר אים פאללען זיננע דעסווארטעס אינ איז נאך בייא אללע קרעפטען אינ האט געלד אויך אינ קהלט זיך אין דיא בתי מדרשים אינ קריעגט זיך אויס מיט אללע ארדענטליכע מענשען. דער הייסט איין זקן אינ אזיל, דער עסט דאס ארימע גיבעטעלטע ברויט אינ איז מקבל פין אללע צדקות וואס מענשען געבען פאר דיא אונפעהיגע אלטע לייט וואס זייא געפינען זיך דארט. הערר ברייטר האט תמיד גע־זאגט אז פלאממער וועט ניט זיין פאלט אים דאס אזיל. ער ווייסט ניט אז דער קאמאנדירענדער פאלט אראב פין דעם פערד אין דער שלאכט קימט איין אנדערער אינ קאמאנדירט אינ דיא מלחמה געהט פארווערטס. פאר וואס איז ער ניט געקיממען פריהר מיט 10 יאהר ער זאל ארבייטען פיר דעם אזיל אהנע געלד, אזוי וויא מיר האבען געבלוטעט דאריבער ?

מיר בעטען דיא אללע מעמברע דע וועטש דיא עווינע מיט־גליעדער וואס זייערע נאמען זענין גראווירט אויף דיא שטיינער, זייא זאללען מאכען איין גענעראלפערזאממלונג אינ מען זאל פער־איינינען דיא דריי אינסטיטוטען שוהלע שפיטאל אינ אזיל אינ׳עס זאלל גיוועהלט ווערין אנשי אמת שונאי בצע אינ עס זאלל גע־פיהרט ווערין אמתה רעגולירטע ביכער אינ דורך דיא אינסטיטו־טען זאלל דיא שטאט פעראייניגט ווערין אינ עס זאלל געפיהרט ווערין דיא גאנצע געמיינדע אזוי וויא פאר אלטע צייטען אינ מען זאלל זעהען אז קיין אלטע ארימע יודען זאללען זיך ניט וואלגערן אין דיא גאססען, אזוי וויא מיר האבען גיזעהן ערשט פאר עטליכע וואכען וויא איין אלטער יוד פין איבער דיא 80 יאהר האט זיך גיוואלגערט אויף דער גאס נעבען דער גרויסער שיהל אינ מען האט איהם ניט גיוואלט אריין נעהמען ניט אין שפיטאל אינ ניט אין בתי מחסה לזקנים, אינ ערשט פאר עטליכע טאג איז דארט אונטער דיא טרעפ פין דער ווייבערישער שיהל איבערגעפרוירען גיווארען איין ארמער יוד.

מיר שליעסען אונזערע ביאגראפישע געשיכטע מיט דעם אפעלל אין איך בעט מיינע ברידער דא אין לאנד אינ דיא גוטהערציגע אין פרעמדע לענדער אז מען זאל מיך שטיצען אויף מיין עלטער אין דעם 70סטען יאהר פין מיין לעבען.*) אין דעם אזיל האב איך פערלוירען מיינע אויגען. גאט זאל שיקען זיין השגחה אויף אונזערע ברידער אינ זאלל זייא בענשען מיט אחדות אינ מיינע שונאים זאלל גאט מוחל זיין.

לא יקרא שמי עוד יעקב כי אם ישראל יהיה שמי, כי שריתי עם אנשים. אנשים כמו שפירש רש״י ז״ל עם עשו ועם לבן.

---

*) אי״ה בחג השבועות תר״נ פייער איך מיין שבעים־מאהל.

זעהר געעהרטער הערר!

דאס געגענווערטיגע ביכעל איז א פראדוקט פין א 70 יעהריגען אלטען מאן וואס ער שיקט דאס פאר א נעטיזנע צום גיזעגנען זיך פין דיא פערלעבטע ביטטערע טעג.

נאך א 30 יעהריגער שווערער פלאגע, מיינע יודישע ברידער אין רומעניען שטאף צי ליעפערן פאר זייער געשיכטע אין דעם היעגען לאנד וויא איך בין גיבוירען, נאך דעם געלינגען פין מיין היסטאריישער זאממלונג וואס איך האב פערעפפענטליכט אין 2 ביכער אין פארגעלעגט דער געלעהרטען וועלט, האב איך מיינע איבריגע לעבענסיאהרע דעם פעראיינסוועזען געווידמעט אין גאנץ בעזאנדערס דעם פעראיינע וואס איך בין איינער פין דיא וואס האבען איהם אינס לעבען גערופען, דאס איז דער פעראיין צור גרינדונג פיר איין אזיל פיר אלטע לייט „בתי מחסה לזקנים".—

דאס אזיל איז ענטשטאנדען, זיינע מויערן וואס איך האב מיך ארים זייא געפלאגט שליעסען מיך אצינד איין; דאס הויז געווינט פין טאג צי טאג מעהר קראפט, איך ווער עלטער אין שוואכער; דאס אינסטיטוט בליהט אין זעהט נאך א שענערע צוקונפט אקעגען, איך פערבליהע אין זעה דיא העלפט פין מיין זעהעקראפט דרינען פערלוירען.

איך האב געפיהלט אין מיר אדראנג, איך זאל, בעפאר איך הער אויף גענצליך צו זעהען, דיא געשיכטע פין דעם אינסטיטוט אין פין דיא וואס ווערדען דארין בעהויזט פאר דער נאכוועלט בעשרייבען.

א דאס ווערק וואס ליעגט פאר אייך ענטהאלט דיא בילדער וואס איך האב זייא געקריצעלט מיט מיינע בלינדע אויגען, אלס בעשרייבונג פין דעם ענטשטעהען אין בעשטעהען פין דער גענאננטער אנשטאלט.

בעטראכטעט דאס, איך בעט אייך מיין הערר, פאר איין ארמער ירושה פין איין אלטען אבגעמאטטערטען מאנן וואס האט זיך צי טויט געפלאגט פאר אללגעמיינע יודישע אינטערעססען, אין רעכינט אייך איין דיא גאבע וואס איהר גיבט פאר דעם ווערק פאר א מיטליידיגען בייישטייער צי דער ערהאלטונג פין עטליכע איבערפליססיגע יאהר פין דעם פערפאססער וואס צייבענט זיך אייך טיעף ערגעבען

**יעקב ב"ר אשר זעליג פסנתר**

בוקארעשט בירח שבט תרן לפ"ק

אדרעססע: א. שטיינבערג קאלעא וואקארעשט, 24, בוקארעשט, פיר יעקב פסנתר

Universität Potsdam
Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
*15008178*